STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02270

YIDISHE YOMTOYVIM

N. Nikolski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

פראפ. נ. ניקאלסקי.

יידישע יאמטויווים

זייער אופקום און אַנטוויקלונג.

יידיש פון קסאוויאד:

ה. מייזעל, אורי פינקעל.

מינסק, 1925

ווייסרוסלענדער מלוכע-פארלאג.

PRINTED in U.S.S.R.

הילע געצייכנט פון קינסטלער
מייער אקסעלראד.

1-טע מלוכע-דרוקעריי באשט. 57. גלאווליטבעל 8179. טיראזש 3000 עקז.

אינהאלט.

זייט.

אריינפיר 1-4

I. די געשיכטע פון אוראלטן ייסראעל. 5-26

די מעסוירע און די וויסנשאפט.—קריטיק פון „טויראס-מוישע".—אופקים און בא-
שטאנד פון „טויראס-מוישע".—וואס דערציילט די טוירע וועגן דער געשיכטע פון די בניי-ייס-
ראעל.—היסטארישע ביכער פון דער ביבל.—איבערבליק איבער דע געשיכטע פון ייסראעל.—
רעליגיע פון פארנעוויאים-עפאכע.—נעוויאים און דער „סייפער האטוירע" פון יארן 621.—גע-
מיינדע פון באיס-שייני.—עזרע האסויפער.

II. יאמטויוויים פון דער וואנדער עפאכע. 27-45

די לעגענדע וועגן אופקום פון פייסאך.—באדייטונג פון ווארט „פייסאך".—די ריטואלן פון
פייסאך.—דער טאך פון יאמטעוו פייסאך.—יאמקיפער.—יאמקיפער און דאס גלויבן אין רוכעס.
—לעוואנע-יאמטויווים.—אורשאבעס.

III. יאמטויווים אין דער עפאכע פון די קיניגן. 46-61

איבערגאנג צו ערדארבעט.—כאג האמאצעס.—שוואועס.—סוקעס.—געבעט אף רעגן
אום סוקעס.—שפורן פון וואנדער-יאמטויווים אין דער עפאכע פון די קיניגן.—קארבן מאלצייטן.

IV. די יאמטויווים לויט די געזעצן פון קיניג יאשיאהו. 62-75

קויהאנים.—די צענטראליזירונג פון קולט.—פייסאך און מאצעס געווארן איין יאמטעוו.
—די קויהאנים דערקלערן דעם אופקום פון פייסאך.—די רעפארמע פון קיניג יאשיאהו און
פייסאך.—דער „סייפער-האטוירע" און די ערדארבעט-יאמטויווים—פרואוו צו איינפירן א וואכנט-
לעכן שאבעס.—פארוואס האט מען פארבונדן פייסאך מיט יעציאס-מיצראים.—די רעפארמע און
די פאלקס-מאסן.

V. יאמטויווים אין דער עפאכע פון פאראס. 76-99

די יידן אין גאלעס.—ווער זיינען די „סאפרים" און „כאכאמים"—ווער זיינען די רע-
עמיגראנטן.—די צאל יאמטויווים געדאפלט.—די צאל קארבאנעס.—דער דאגמאטישער כאראק-
טער פון די יאמטויווים.—די עוואליוציע פון יאמקיפער.—קויהאנימשע געשיכטע פון די ערד-
ארבעט-יאמטויווים.—דער באווילישער לואך.—שאבעס געגומען פון די באווילים.—שאבעס-יאך.
—איינגעפירט שאבעס „בעיאר-כאזאקע".—באשטימטע טעג פון די יאמטויווים.—„קריאס
האטוירע".

זייט.

VI. יאמטויווים אין דער גריכיש־רוימישער עפּאָכע. 100-131

גרויסע יידישע צענטערס אין דיאַספּאָרע.—יידישער האַנדל-קאַפּיטאַל.—יידישער צענטר אין אַלעקסאַנדריע פון מיצראים.—מיקראש-כוהניאָ.—סטאַטיסטיק פון דער יידישער באַפעלקערונג.—יערושאָלאים און דיאַספּאָרע.—די ווירקונג פון די שכייניש קולטורן.—פון וואָס האָט געלעבט יערושאָלאים.—פטאלאמייער און סעלעווקידן,—„כסידים“ און „העלעניסטן“.—צווישנפעלקערלעכע אָריענטאציע פון די פאַרטייען.—די העלעניסטן בא דער מאַכט,—די מערידע פון די מאַקאַווייער.—צדוקים און פרושים.—כאַנוקע.—די גייסטליכע דערקלערן די אָפּשטאַמונג פון כאַנוקע.—דיאַניסן,—פורים.—מעגילאַס-עסטער.—פורים, דער בירגערליכער נייאָר אין באַוועל.—וואָס באטייט דאָס וואָרט „פורים“.—מאַמאָדעס.—נייסן אין דער אוואוידע.—נייע פּייסאַך-ריטואַלן.—שטוביקע ריטואַלן.—די געריכטן פון פּייסאַך-מאָלצייט.—צערעמאָניעס אין דער פּייסאַך נאַכט. די „פיר קויסעס“ איבערגענומען פון די גריכן.—אַפּיקוימאָן.—די פרייד פון סוקעס איבערגעטראָגן אין בייס-האמיקראָש.—סימכאַס בייס-האשייווא—יאמקיפּער א טאג פון טשואווע.—די האכאָנעס פון קויהען-גאָדל און די נייסן אין דער אוואוידע

VII. יאמטויווים אין סינאגאגאלן און שטוביקן קולט. 132-150

די שול פאר דער בורזשואזיע.—ראבאנים.—קרישמע און שמוינע-עסרע.—האפטוירע.—שטוביקער קולט.—שאבעס אין שטוב.—ליכט בענטשן.—קידעש.—איירעוו.—פּייסאך אין שטוב—סיידער פון פּייסאַך.—מ׳ווארט אף מאָשיאכן אין דער נאכט פון פּייסאך.—שפויך כאמאסכאָ.—דריי מאצעס, קויהען, לייווי און ייסראָעל.—פּייסאך פארבונדן מיט דער געאולע.—ראבאנישע דערקלערונג וועגן שוואועס.—פורים א צוגרייטונג צו פּייסאך.—טפילעס פון יאמקיפּער.—קאָל-נידריי.—קאפארעס.—הארבסט-ציקל.—ראבאנישע דערקלערונג וועגן סוקעס.

VIII. אויספיר. 151-154

יאמטויווים, א מיטל צו פארטונקעלן דעם באוואוסטזיין פון די מאסן.—פארן ארבעטער נאר פּראָלעטארישע יאמטויווים.

אַרײַנפיר.

אין לעבנשטייגער פון דעם הײַנטיקן יידן שפּילט נאָך אַדהאַיעם אַ באַדייטנדיקע ראָליע רעליגיעזער אבערגלויב, דערהויפּט דער אָפּהיט פון די רעליגיעזע יאָמטויווים.

לויט דער טראַדיציע פון דויר דוירעס ווערט אָפּגעהיט דער אָפּרוטאָג, שאַבעס.

נאָך איצט ווערן אַ סאַך יידן אין דעם דאָזיקן טאָג פּאָשעט קנעכט פון רעליגיעזע דאָגמעס. די דאָזיקע מענטשן ניט נאָר, וואס זיי ארבעטן ניט שאַבעס, נאַר זאגן זיך אַפּילע אָפּ פון אַ גאַנצער ריי טאגטעגלעכע לעבנבאדערפנישן: צינדן ניט אָן קיין פייער, קאָכן ניט קיין שפּייז. ווי פאַרצייטן, היט מען נאָך ביז איצט אָפּ דעם יאָמטעוו פּייסאַך מיט זײַנע מאַצעס, יאָמקיפּער ראָשעשאָנע און אַנדערע יאָמטויווים.

באַזונדערס שטארק גיבן אַף דעם אַכטונג די ראַבאָנים, די פירער פון רעליגיע. און דאָס איז גאנץ פאַרשטענדלעך, ווייל דער איקער אין רעליגיע איז ניט די עמונע, נאָר די פּראַקטישע זײַט אירע — אָפּהיטן דינים, טאָן מיצוועס, פאַסטן טאַנייסים און אויספילן אַלע איבעריקע צערעמאָניעס, וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדן.

יעדער פרומער מענטש גלויבט בעמונע שליימע, אַז דערמיט, וואָס ער היט אָפּ אַלע דינים (די פראַקטיק פון רעליגיע, ד. ה. אלץ, וואָס ווערט אין דער וויסנשאַפט באַצייכנט מיטן נאָמען קולט), באַזארגט ער זיך מיט געזונט און גליק. גלייכצייטיק באקומט ער מיטן אפּהיטן פון די יאָמטויווים יענע רוטעג, וועלכע זיינען נויטיק דעם אַרבעטנדיקן, קעדיי אופצושטעלן זיינע פיזישע און גייסטיקע קויכעס.

אַף אַזאַ אויפן איז די פּראַקטיק פון דער רעליגיע, ד. ה. דער ק ו ל ט, ענג פאַרבונדן מיט דער לעבנפראַקטיק, מיט אַרבעט און שטייגער.

נאר אויב אין מעשעך פון אַ גאַנצער ריי דוירעס און יאָרטויזנטער האָבן זיך מענטשן אין דעם פּראט ניט געקענט באַגיין אָן רעליגיע, האָט זיך

דער דאזיקער אומשטאנד אין אונזער צייט אינגאנצן געענדערט. דער פריערדיקער רעליגיעזער וועלטקוק ווערט פארביטן מיט דעם וויסנשאפטלעכן. רעליגיעזע זאבאבאנעס, אבערגלויבן, עמונע לעבן אפ זייער צייט, זיי ווערן שוין א שטערונג פאר דער פולקומער און אלזייטיקער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט, וואס באזירט זיך אף סייכלדיקער ארבעט און האט דעם ציל צו פארבייטן די מעמשאלע פון איין מענטשן איבערן צווייטן אף דער מעמשאלע פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט איבערן לעבעדיקן און ניט לעבעדיקן ארגאניזם. די עמונע שטארבט אפ פון זיך אליין, נאר דער דאזיקער פראצעס פון אפשטארבן איז לאנגזאם און וואקלדיק. דער קויאך פון געוואוינהייט איז גרויס, די ווירקונג פון אלטן, פון קאמע יארן איינגעווארצלטן שטייגער איז שטארק, און גרויס זיינען די ספייקעס, וואס באגלייטן שטענדיק יעדן נייעם אופטו, וואס צערייסט אין גרונט מיטן אוואר.

בא אזעלכע באדינגונגען איז באזונדער וויכטיק, אז מען זאל צוגיין צו רעליגיע און צו אלע אירע דערשיינונגען מיטן וויסנשאפטלעכן שטאנדפונקט

וועגן רעליגיע איז שוין פאראן א גאנצע וויסנשאפט. עמעס, נאך א יונגע, אבער אזא, וואס פארמאגט שוין א ריי אינטערעסאנטע געדאנקען און באלערנדיקע אויספירן. אט די דאזיקע וויסנשאפט באטראכט די רעליגיע, ווי אלע איבעריקע דערשיינונגען פון מענטשלעכן זיין, וואס האבן אן אנהויב, געשיכטע און אומפארמיידלעכן סאף.

די דאזיקע וויסנשאפט האט זיך אויך אינטערעסירט מיט דער יידישער רעליגיע. זי האט איר געניי שטודירט און איז געקומען צו גאנץ אינטערעסאנטע אויספירן. די רעזולטאטן פון דער וויסנשאפטלעכער אויספארשונג פון יידישן יאמטעוו, זיין אופקום, אנטוויקלונג און באדייטונג אין לעבן פון יידן האבן א באזונדער אינטערעס. יעדער ייד, וואס האט זיך שוין אפגעטרייסלט פון די רעליגיעזע פאראורטיילן, אדער וועלכער האט זיך פון זיי נאך ניט באפרייט אינגאנצן, וואקלט זיך נאך, אדער גלויבט, מוז זיך מיט זיי באקענען. דעם גלויביקן וועלן די דאזיקע אויספארשונגען ברענגען צו א ריי וויכטיקע פראגן און געדאנקען, דעם וואקלדיקן וועלן זיי מיטהעלפן צו באפרייען זיך פון ספייקעס; פאר דעם, וואס האט שוין צוריסן מיטן גלויבן, וועלן זיי געבן א וויסנשאפטלעכע באגרינדונג, א זיכערן געווער צו איבערציען אף זיין זייט די, וועלכע צווייפלען נאך.

ווי די וויסנשאפטלעכע אויספארשונג באווייזט, האבן די איצטיקע יידישע יאמטויווים א פארשיידנארטיקע און א פארשיידנצייטיקע אפשטאמונג; נאר ניט געקוקט אף זייער פארשיידנקייט, זיינען זיי אלע אופגעקומען אין גאר אוראלטע צייטן. קיין איינער פון זיי איז ניט פארבונדן גיט מיט דער איצטיקער צייט און ניט אפילע מיט די עפאכעס פון קריסטלעכער צייטרעכענונג; פאר-

קערט, אַלע יידישע יאָמטויוּוים זיינען אופגעקומען פאַר קריסטוס׳ס געבורט, אין דער צייט, ווען יידן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ געזעלשאַפֿט, וואָס האָט געהאַט איר אייגענע טעריטאָריע און אָרגאַניזאַציע.

ס׳איז קלאָר, אַז די יידישע יאָמטויוּוים זיינען אופגעקומען אין גאַנץ אנדערע אומשטאנדן און לעבנבאַדינגונגען, ווי די איצטיקע. נאָך מער, ניט אַלע יאָמטויוּוים שטאַמען פֿון איין צייט, פֿון די זעלבע לעבנבאַדינגונגען.

פֿון אָנהויב פון דער יידישער געשיכֿטע ביז דעם אופשטאַנד פֿון באַר־קאָכֿבֿע איז אַריבער ניט ווייניקער פון 1200 יאָר. אין פֿאַרלויף פון די דאָזיקע פעריאָדן האָט דאָס יידישע פֿאָלק איבערגעלעבט אַ ריי איבערקערענישן, נאָך וועלכֿע די אלטע לעבנבאַדינגונגען פלעגן ניט איינמאָל אויסגעוואָרצלט ווערן און ס׳פלעגט איבעראַנייס געשאַפֿן ווערן אַ נייער לעבנשטייגער.

די יידישע עמונע האָט זיך אויך ניט געשאַפֿן מיט אַמאָל, נאָר זי איז געוואַקסן און האָט זיך געענדערט ביסלעכווייז, פּאַראַלעל מיט די ענדערונגען פֿון לעבן. דעריבער איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז געוויסע באַשטאַנד־טיילן פֿון דער רעליגיע פֿלעגן מיט דער צייט פֿאַרלירן זייער באַדייטונג, און אַנדערע אנשטאָט זיי, וואָס האָבן פֿריער קיין גרויסן אָרט ניט פֿאַרנומען, פלעגן ארויסגערוקט ווערן אַפֿן ערשטן פּלאַן, און דערביי פֿלעגט טרעפֿן, אַז ס׳פֿלעגן געשאַפֿן ווערן גאָר נייע. דעם זעלביקן גורל האָבן אויך געהאַט די יאָמטויוּוים. אַלע איצטיקע יאָמטויוּוים זיינען אופגעשטאַנען ניט מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז און ניט מיט אַמאָל האָבן זיי באַקומען יענעם כאַראַקטער, וואָס זיי האָבן איצטער.

לויט דער צייט פֿון זייער אופקום און לויט זייער כאַראַקטער, קאָנען די יאָמטויוּוים געטיילט ווערן אַף דריי קאַטעגאָריעס. די ערשטע קאַטעגאָריע—יאָמטויוּוים פֿון דער וואַנדער־עפּאָכע, בעת די אָוועס פון די איצטיקע יידן האָבן געוואַנדערט אין מידבער אַראַיו און האָבן זיך הויפּטזעכלעך באַשעפטיקט מיט פֿיצוכט. אַהער געהערט פּייסאַך אין זיין אורפאָרם (אָן מאצע), יאָמקיפּער און שאַבעס. שאַבעס איז טכ׳לאס געווען, ווי מיר וועלן שפעטער זען, ניט קיין וואָך־יאָמטעוו, נאָר אַ כוידעש־יאָמטעוו, ניט דער שאַבעס, וואָס היינט.

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן די יאָמטויוּוים פֿון דער ערד־אַרבעט־עפּאָכע. זיי זיינען אופגעקומען אין דער צייט, ווען די בני־יסראָעל האָבן זיך שוין באַזעצט אין קנאַאַן און זיינען איבערגעגאַנגען צו אַן איינגעזעסענעם לעבן און ערדאַרבעט, ד. ה. דעמאָלט, ווען זיי האָבן אויסגעבילדעט אַ באַזונדער נאַציאָנאַלע מלוכע. אין יענער צייט ווערן איינגעפֿירט די יאָמטויוּוים כאַג־האַמאצעס, וועלכער איז לעכאַטכ׳לע געפּייערט געוואָרן באַזונדער, פּייסאַך, שוואועס און סוקעס. מיטן לעצטן יאָמטעוו פֿלעגט מען פֿאַראייניקן די פּייערונג פון ניי־יאָר.

צו דער דריטער קאטעגאריע געהערן די יאמטויוועם, וואס זיינען איינגעפירט געווארן אין גאלעס נאכן כורבן באיס=רישן, דעמאלט, ווען ס'האט זיך אויסגעבילדעט די יידישע רעליגיעזע געמיינדע, וואס האט זיך געפונען אונטער דער מאכט פון פרעמדע מלוכעס. די דאזיקע יאמטויוועם זיינען: כאנוקע, א זייכער פון דעם אפרייניקן פון בייס=האמיקדאש אין דער צייט פון כאשמוינאים-אופשטאנד, און פורים, וועלכער האט אויך א שייכעס צו דעם דאזיקן אופשטאנד.

און אויב די יאמטויוועם שטאמען פון פארשיידענע צייטן, אויב זיי האבן זיך געשאפן בא פארשיידענע באדינגונגען—איז אויך דער ריטואל, ד. ה. די מינהאגים, וואס זיינען מיט די דאזיקע יאמטויוועם געבונדן, געווען גאנץ פארשיידנארטיק.

מיט דער צייט אבער האבן זיך א סאך כאראקטעריסטישע שטריכן זייערע אפגעמעקט. אייניקע יאמטויוועם האבן באקומען א נייע דערקלערונג, און אנדערע צוויי האבן זיך פאראייניקט אין איין יאמטעוו. ווען ס'איז כארעוו געווארן דער בייס=האמיקדאש און דער ספעציעלער קולט (אווידע) אין אים, האבן די יאמטויוועם באקומען מער אדער ווייניקער איינעם און דעם זעלביקן כאראקטער. ס'איז באטל געווארן דער אונטערשייד, וואס איז געווען אין זייער ריטואל.

קעדיי מיר זאלן בעסער פארשטיין, ווי אזוי די יאמטויוועם זיינען אופגעקומען און ווי אזוי זיי האבן זיך געענדערט, איז פריער נויטיק כאטש בעקיצער באקענען זיך מיט דער סאציאל=עקאנאמישער און פאליטישער געשיכטע פון אוראלטן ייסראעל, מיט וועלכן די רעליגיע איז געווען ענג פארבונדן. דערביי דארף מען, פארשטייט זיך, האבן אין זינען בלויז די וויסנשאפטלעכע אויספארשונגען, וואס זיינען געקומען צו גאנץ אנדערע אויספירן, גאר ניט ענלעכע אפילע צו דער טראדיציאנעלער סכעמע, וואס איז צוגעטראגן געווארן דער יידישער יוגנט אין כיידער און יעשיווע.

I.

די געשיכטע פון אוראַלטן ייסראָעל.

די מעסוירע און די וויסנשאַפט.

די יידישע געשיכטע געוויינטלעך, פלעגט מען אין אַלטן כיידער פאָרשטעלן אַזוי, ווי זי איז באַשריבן אין דער טוירע. די געשיכטע באַקומט זיך אַזאַ: די אָוועס פון די בניי-יסראָעל זיינען געווען וואַנדערער, און אַז עס איז אָף זיי אנגעקומען אַ הונגער, האָבן זיי געמוזט איבערוואַנדערן אין מיצראַים אַריין. דאָרטן האָט זיי פאַרע, דער קיניג פון מיצראַים, געדריקט מיט שווערע אַרבעט און אוואוידעס-פעראך. איז געקומען מוישע און האָט זיי אַרויס געפירט פון לאַנד מיצראַים, פון שווערן יאָך. זיינען זיי געקומען אין דעם מידבער און אָפגעשטעלט זיך באַם באַרג סינאַי. דאָרט האָט גאָט צו זיי „אַראָפגענידערט“ און געגעבן זיי די אַסערעס-האַדיברעס. און מוישע האָט דעמאָלט באַשוואָרן די בניי-ייסראָעל, אַז זיי זאָלן אָפהיטן די טוירע און אירע געבאָטן און דינען דעם איינציקן אלמעכטיקן גאָט יאַהווע.*)

און מוישע איז געשטאָרבן.

נאָך זיין טויט האָבן זיך די בניי-ייסראעל אונטער דער אָנפירונג פון יעשואַ-בין-נון אריינגעריסן אין לאַנד קנאַאַן, איינגענומען זיינע שטעדט און דערפער און באַזעצט זיך אין זיי. לעכאַטכילע האָבן דאָ רעגירט די שויפטים און דערנאָך די מעלאָכים. אַין נייעם לאַנד האָבן זיך די יידן אָפגעקערט פון „טוירעס-מוישע“ און פון יאהוועס קולט און דערפאַר האָט זיי גאט שווער באַשטראָפט—אשור און באָוועל (אראם) האבן כאָרעוו געמאַכט עפראים און יעהודע. די בניי-עפראים זיינען אינגאַנצן געוואָרן פאַרניכטעט און אַפילע די בניי-יעהודע האָבן געמוזט אַוועק אין גאָלעס, פון וואַנען זיי האָבן זיך אומגעקערט ערשט אין 50 יאָר אַרום, שוין אין די צייטן פון קוירעש, דעם קיניג פון פאָראס. אַז זיי האָבן

---

*) גאטס נאמען האט מען פארבאטן ארויסזאגן נאך אין צווייטן און דריטן יארהונדערט פאר קריסטוס'ס געבורט. מיט דער צייט האבן די יידן פארגעסן, ווי מען לייענט ריכטיק דאס ווארט. בא הייניקע יידן ווערט עס אויסגערעדט „אדוינאַי“. אין מיטן 19-טן יארהונדערט האבן די דייטשישע געלערנטע, אפן סמאך פון די אנווייזונגען פון קריסטלעכע שרייבער, פעסטגעשטעלט, אז דער ריכטיקער נאמען דארף געלייענט ווערן „יאהווע“.

צוריק אויפֿגעשטעלט דעם בייס-האַמיקדאַש, האָבן זיי געגומען לעבן לויט די געזעצן פֿון מוישע, אונטער דער מאַכט פֿון קויהען-גאַדל. אַלע באַשרייבונגען זיינען באַפּוצט געוואָרן מיט ניסים. פֿאַר דעם הויפּט-העלד פֿון אַלע געשעענישן און ענדערונגען אין לעבן פֿון יידישן פֿאָלק האָט מען געשילדערט דעם גאָט יאַהווע.

די וויסנשאַפֿט, פֿאַרשטייט זיך, וואַרפֿט קוידעם קאָל אָפּ אַלע ניסים און ערשט דערנאָך לאָזט זי דורך איר קריטיק אַלץ, וואָס איז אין די דאָזיקע באַשרייבונגען דערלאָזבאַר און מעגלעך אין זין פֿון נאַטירלעכער אַנטוויקלונג. און אַזעלכע קען זיין דער גרעסטער טייל פֿון די ביבלישע דערציילונגען. ס'איז ניט אוממאַטירלעך, אַז מוישע האָט געקענט זיין אַ געזעצגעבער און אַז זיינע געזעצן האָבן געקענט פֿאַרגעסן ווערן נאָך דעם, ווי די יידן האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד קנאַאַן און פֿאַרביטן זייער וואַנדער-לעבן אויף ערדאַרבעט. די אוראַלטע געזעצן האָבן אָבער פֿאַרן היסטאָריקער אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל יעדער געזעץ איז דאָך מער אָדער ווייניקער פֿאַרבונדן מיט דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער אָרדנונג פֿון זיין עפּאָכע. טאַקע דעריבער קאָן דער היסטאָריקער אויפֿן גרונט פֿון די איבערגעבליבענע געזעצן פֿון דעם אָדער יענעם פֿאָלק אָנצייכענען אַ גענויעם בילד פֿון דעם אַמאָליקןווירטשאַפֿטלעך-געזעלשאַפֿטלעכן און אָפֿט אַפֿילע פּאָליטישן לעבן.

אָט פֿאַרוואָס די וויסנשאַפֿט האָט זיך פֿריער פֿון אַלץ פֿאַראינטערעסירט מיט דער „טוירעס-מוישע". קיין שום אַנדערע געזעצן זיינען דאָך אין דער ביבל ניטאָ. אויב ס'וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די געזעצן, וואָס זיינען פֿאַרשריבן אין דער טוירע, זיינען ווירקלעך געגעבן געוואָרן פֿון מוישען, אָדער, אַז זיי זיינען בכלל דערשינען אין דער וואַנדער-עפּאָכע, וואָלט מען געמוזט זאָגן, אַז מיר האָבן איבערהויפּט ניט קיין ידיעס וועגן דעם געזעלשאַפֿטלעכן און עקאָנאָמישן בוי בײַ יידן אין דער שפּעטערדיקער איינגעזעסענער עפּאָכע. פֿאַרקערט, אויב ס'וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די געזעצן, וואָס זיינען פֿאַרשריבן אין דער טוירע געהערן כאָטש טיילווייז צו דער דאָזיקער עפּאָכע, וואָלט עס פֿאַרן היסטאָריקער געווען אַ גרויסער געווינס.

פֿאַר אונזער טעמע איז עס באַזונדער וויכטיק, ווייל די געזעצן וועגן יאָמטעוו קען מען געפֿינען בלויז אין דער טוירע.

און צווייפֿלען אין דעם, צי איז מוישע טאַקע דער מעכאַבער פֿון די דאָזיקע געזעצן, האָט די וויסנשאַפֿט געהאַט פֿולע רעכט. דערהויפּט נאָך דעם, ווי זי האָט זיך גוט באַקאַנט מיטן כאַראַקטער און אינהאַלט פֿון די געזעצן.

ווען מ'לייענט אַפֿילע אויבנאויפֿיק די געזעצן פֿון מוישען, וואַרפֿט זיך גלייך אין די אויגן, אַז זיי זיינען אָנגעשריבן אָן קיין שום סיסטעם און סיידער און זיינען גאַנץ אָפֿט סויסער איינע די אַנדערע.

קריטיק פון „טוירעס-מוישע."

מיר וועלן אָנווייזן נאָר אַף די סטירעס, וואָס זעען זיך ארויס באַשיינפערלעך: אין סייפער „שמויס", סאָף קאַפּיטל כ. ווערט דערלויבט צו בויען אַ מיזבייעך און ברייגגען אַ קאָרבן אַף יעדן ארט, מיט וועלכן ס'איז נאָר פאַרבונדן דער זייכער פון גאָט. אין דעם אייגענעם בוך, קאַפּיטל כה, כו. און ווייטער געפינען מיר, אַז דער איינציקער געזעצלעכער ארט, וואו ס'איז דערלויבט צו דינען גאט, איז נאר דער מישקן. דער דאָזיקער געדאַנק ווערט אויך אויסגעדריקט אין „דוואָרים", קאפּיטל יב., וואו ס'ווערט פאָרגעלייגט צו ברייגגען קארבאנעס נאָר אַף אַ באַשטימטן פּלאַץ, וועלכן יאַהווע וועט אויסקלייבן, אַז זיין נאָמען זאָל דאָרטן רוען. די איבעריקע מיזבייכעס ווערט דאָ פאָרגעלייגט צו פאַרניכטן. אין „שמויס„ קאַפּיטל כה. ווערט געזאָגט, אַז פאַר די כאַטאָים פון די עלטערן ווערן באַשטראָפט די קינדער ביזן דריטן—פערטן דאָר אריין, און, פאַרקערט, אין „דוואָרים" כד. טז. געפינען מיר, אַז יעדערער איז פאַראַנטוואָרטלעך נאָר פאַר זיינע אייגענע זינד: „די עלטערן קען מען ניט מישפּעטן פאַר די כאַטאָים פון די קינדער".

דער האַרבסט-יאָמטעוו ווערט איינמאָל אין סייפער „שמויס" כג, טז. אָנגערופן כאַג-האָאסיף — יאָמטעוו פון טוואָרע-זאַמלונג, און אין „דוואָרים" טז, יג—טז. ווערט ער שוין אָנגערופן סוקעס (ביידלעך). לויט די געזעצן, וואָס ווערן געבראַכט אין „שמויס" און „דוואָרים", ווערט דער דאָזיקער יאָמטעוו געפייערט אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרענדיקן די פעלד-אַרבעט (אין אופקלייב פון ווייגטרויבן), און לויט דעם סייפער „וואַיקראָ" כג, מד, ווערט דער דאָזיקער יאָמטעוו געפייערט צום אָנדייַנק פון די סוקעס (געצעלטן), אין וועלכע די בניי-ייסראָעל זיינען געזעסן, זייענדיק אין דעם מידבער (כי בסכות הושבתי את בני ישראל).

מען וואָלט געקאָנט ברייגגען נאָך אַ סאַך אַזעלכע סטירעס, נאָר שוין די, וועלכע זיינען דאָ געבראַכט געוואָרן באַווייזן, אַז די אַזוי גערופענע „טוירעס-מוישע" האָט בעשום אויפן ניט געקענט צוזאַמענגעשטעלט ווערן פון איין מענטשן און אין איין צייט. אַזעלכע ווידערשפּרעכנדיקע פאַרזאָגן וועגן איין און דער זעלבער פראַגע האָבן געקענט געשאַפן ווערן נאָר אין פאַרשיידענע צייטן. איבערהויפּט זעט מען עס קלאָר פון די געזעצן וועגן פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַוויירעס און וועגן געזעצלעכן אָרט פון קולט. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די זין (ד. ה. קרויווים) פאַר די זינד פון די פאָטערס איז נאָר מעגלעך בא דער פאַטריאַרכאַלער אָרדנונג, ווען ס'עקזיסטירט נאָך ניט דער נאַרמאַלער געריכט, און אָנשטאָט דעם געזעץ הערשט די פערזענלעכע נעקאָמע. די פערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ווערט איינגעפירט דעמאָלט, ווען דער פאַטריאַרכאַט הויבט שוין אָן אפּצושטארבן, און ס'איז שוין פאַראַן אַ געריכט, וועלכער שליסט אויס די פערזענלעכע נעקאָמע מיצאַד דעם געליטענעם בענויגייע דעם פאַרברעכער.

אן ארטיקער און א צענטראלער מיקדאש קאן געמאלט זיין נאר אין דער איינגעזעסענער עפאכע, א מישקן, וואס מ'קאן איבערטראגן—אין דער וואנדער-עפאכע. די פארניכטונג פון די ארטיקע מיקדאשים איז מעגלעך נאר דעמאלט, ווען ס'ווערט געשאפן א צענטראלער מיקדאש און ווען די טעריטאריע, וועלכע די מעלוכע פארנעמט, איז גאנץ קליין, קעדיי די צענטראליזירונג פון קולט אין איין באשטימטן ארט זאל ניט פארשאפן קיין איבעריקע שוועריקייטן פאר דער באפעלקערונג.

ס'איז איבעריק צו בריינגען די ווייטערדיקע באווייזן, א דאנק וועלכע די וויסנשאפט איז ס'אפקאלסאף געקומען צום אויספיר, אז די אזוי גערופענע „טירעס-מוישע" איז אנגעשריבן געווארן אין פארשיידענע צייטן צוליב פארשיידענע סיבעס, און אז די מעכאברים פון דער טוירע, ווי זי זעט אויס איצט, האבן די דאזיקע געזעצן צונויפגעקליבן און צוגעשריבן מוישען.

אופקום און באשטאנד פון „טוירעס-מוישע."

פארזעצנדיק אירע אויספארשונגען, איז די וויסנשאפט געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די אלע געזעצן זיינען אויפגעקומען אין דער לאנדווירטשאפטלעכער עפאכע. אין דעם פראט איז זייער וויכטיק די געזעצגעבונג וועגן דער ערדווירטשאפט. די שטאכים ווערן צעטיילט, ס'ווערט שטריינג פארבאטן איבערוקן די מעזשע (גבול) און פארנעמען פרעמדן פעלד (לא תשיג גבול רעך. „דווארים" יט יד). ס'ווערט איינגעשטעלט א שטריינגע פאראנטווארטלעכקייט פאר אנטאן שאדן אין א פרעמדן פעלד („שמויס" כב, ה. כי יבער איש שדה). ס'ווערט איינגעשטעלט א געוויסע סיסטעם פון ערדארבעט (געזעצן וועגן שמיטע „שמויס" כג, י.). דא איז קעדאי אנצעווייזן, אז אין דער צאל פון די קארבאנעס, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין די ערשטע קאפיטלען „וואיקרא", שפילן א גרויסע ראלע מעל און ברויט. אזעלכע זאכן פארמאגן נאר די לאנדווירטשאפטלעכע פעלקער. ווייטער אין „דווארים" געפינען מיר א ריי באשרייבונגען פון שטעדט, האנדל און מעלאכע. באזונדער כאראקטעריסטיש אין דעם פראט זיינען די געזעצן וועגן מאס און וואג—קאפיטל כה. פאסיק יד. (לא יהיה לך בביתך איפה) און די געזעצן וועגן פארבייטן קארבאנעס מיט געלט (ונתת כסף „דווארים" כה).

פון דאנען איז קלאר, אז די דאזיקע געזעצן זיינען צוזאמענגעשטעלט געווארן אין דער ערדארבעטנדיקער עפאכע, אין די צייטן פון די מעלאכים; נאר ס'פארשטייט זיך, אונזער אויפגאבע איז גענוי פעסטצושטעלן די צייט, די באדינגונגען, דעם סיידער פון דעם אופקום פון די געזעצן.

ענטפערנדיק אף דער דאזיקער פראגע, איז די וויסנשאפט געקומען צום באשלוס, אז קאמאט אלע געזעצן פון „טוירעס-מוישע" קען מען צעטיילן אף דריי גרופן, וועלכע זיינען מער אדער ווייניקער פארבונדן צווישן זיך: 1) די געזעצן, וואס זיינען פארשריבן אין „שמויס" אין די קאפיטלען כא. כג. דער אזוי גערופענער „סייפער-האבריס"; 2) די געזעצן פון „וואיקרא" און פון

די ערשטע קאַפּיטלען פון סײַפער „באַמידבאַר"; 3) די געזעצן, וועלכע געפינען זיך אין די קאַפּיטלען יב. כו. פון סייפער „דוואָרים". פון די דאָזיקע דריי גרופּן, איז גרינגער פון אַלע געלונגען צו פעסטשטעלן די צייט, ווען ס'זיינען אויפגעקומען די געזעצן פון דער דריטער גרופּע (סייפער „דוואָרים"). ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, ווערט אין „דוואָרים" קאַפּיטל יג. פאָרגעלייגט צו קאָנצענטרירן דעם קולט אין איין צענטראַלן מיקדאָש און פאַרניכטן אַלע איבעריקע מיקדאָשים. און פון „מעלאָכים" ב. קאַפּיטל כט. כג. דערוויסן מיר זיך פונקט, אַז אַזאַ רעפאָרמע האָט אין 621-טן יאָר פאַר קריסטוס'ס געבורט דורכגעפירט דער קיניג פון יעהודע יאָשיאָהו, לויט דעם „סייפער-האטוירע", וואָס איז דעמאָלט געפונען געוואָרן אין בייס-האַמיקדאָש. פון דאַנען איז קלאָר אַז די געזעצן פון דער דריטער גרופּע (סייפער „דווארים") געהערן צום סאָף פון דעם זיבעטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס'ס-געבורט, און לויט זייער אינהאַלט-פאַסטן זיי זיך טאַקע זייער גוט צו צו דער דאָזיקער עפּאָכע. נאָר אין די דאָזיקע געזעצן ווערט איינגעשטעלט די פערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן פאַרברעך. ס'ווערן איינגעפירט באַשטימטע געזעצן, ווי אַזוי צו אָפּהיטן פריוואַט-אייגנטום, ס'ווערט פאַרבאָטן די פערזענלעכע נעקאָמע, ס'ווערט רעגולירט דער האַנדל—אַזעלכע זאַכן, וואָס זאָגן איידעס אַף אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע.

אויב מיר וועלן די דאָזיקע געזעצן פאַרגלייכן מיט די געזעצן פון דער ערשטער גרופּע, מיטן „סייפער-האַבּרים". וועלן מיר זיך איבערצייגן, אַז די לעצטע זיינען געשאַפן געוואָרן מיט אַ צייט פריער. עמעס, ערדאַרבעט שפּילט שוין אויך דאָ אַ גאַנץ היבשע ראָליע, נאָר ס'רעדט זיך גאָרניט וועגן האַנדל, וועגן געריכט, ס'עקזיסטירט נאָך די פערזענלעכע נעקאָמע.

ס'איז דעריבער קלאָר, אַז דער „סייפער-האַבּרים" איז ערשינען מיט צוויי—דריי יאָרהונדערט פריער פאַרן סייפער „דוואָרים", גיכער פון אַלץ אין 9-טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס'ס געבורט. די געזעצן פון דער צווייטער גרופּע שיידן זיך אויך שטאַרק אונטער פון די געזעצן פון דער ערשטער און דריטער גרופּע. אַזוי, לעמאָשל, געפינען מיר אין „דוואָרים" און אין „סייפר-האַבּריס" גלייכצייטיק מיט די געזעצן וועגן רעליגיע און מאראַל אַ גאַנצע ריי געזעצן פון בירגערלעכן און קרימינעלן כאַראַקטער; און דערביי פאַרנעמען די געזעצן פון מאָראַל און עמונע וויניקער פון אַ העלפט אָרט אין דער דאָזיקער געזעצגעבונג. פאַרקערט, אין די געזעצן פון דער צווייטער גרופּע, פאַרנעמען רעליגיע און מאָראַל איבער 9 צענטלעך פון אַלץ, וואָס איז דאָרט פאַראַן. די גאַנצע אַכטונג פון דער צווייטער גרופּע געזעצן ווערט געווענדעט די פראַגן פון רעליגיע און געלט: וועלכע קאָרבאָנעס און אין וואָס פאַר אַ פאַלן דאַרף מען זיי ברענגען, ווי אַזוי און ווער דאַרף זיי ברענגען, ווי אַזוי מען דאַרף פירן די יאָמטויווים, ווי זיינען זיך מעטאַהער די קויהאַנים, וועלכע צופאַלן

און געגנשטאַנדן זיינען מעטאַמע, ווי אַזוי מען איז זיך מעטאַהער, וועלכע שפּייז מאָג מען עסן, וועלכע מען טאָר ניט, וואָס מאָג מען טאָן, וואָס ניט.

ס'איז קלאָר, אַז דעם הויפּט-אינטערעס האָבן די אַלע געזעצן געהאַט פאר די קויהאַנים. אין זיי, אין די געזעצן, האָט דער מעכאַבער געוואָלט געבן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר געווען נויטיק צו וויסן דעם קויהען.

און דעריבער טאַקע האָט די וויסנשאַפט די דאָזיקע גרופּע („וואיקרא" און דער אָנהויב פון „באמידבאר") אַ נאָמען געגעבן דער קאָדעקס פון די קויהאַנים („טוירעס-קויהאנים)". וועגן דער צייט, ווען „טוירעס-קויהאַנים" איז אויפגעקומען זיינען פאַראַן כלוקע-דייעס, ווייל דאָרטן זיינען פאַרשריבן זייער אַלטע ריטואלן, לעמאָשל, די ריטואַלן פון יאמקיפּער און מאים-האמאָררים פאַר אַן אייִשעס-איש און שפּעטערדיקע פארזאגן וועגן פייסעך. „טוירעס-קוי-האַנים" איז אויפגעשטעלט געוואָרן פון די קויהאַנים אין דער צייט פון גאלעס, אָדער נאָכן גאָלעס, ווען מען האָט געמוזט פאַרשרייבן די וויכטיקסטע געזעצן, קעדיי מען זאָל זיי ניט פאַרגעסן. דאָ האָט מען צוגעגעבן נייע ריטואלן, וואָס זיינען אויפגעקומען שוין נאָכן גאָלעס אין דער פּראַקטיק פון די קויהאַנים פון באַיס-שייני אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דער קויהאַנים-קאָדעקס איז אין אַלגעמיין צוזאַמענגעשטעלט אַסאַך שפּעטער פון „דוואָרים". אייניקע טיילן זיינע, פאַרקערט, זיינען זייער אַלט, זיי שטאַמען אַזש פון דער וואַנדער-עפּאָכע.

צו די דריי אויבנדערמאָנטע גרופּן גיט מען צו נאָך אַ טייל געזעצן, וואָס דאַרפן, לויט זייער אופקום, באַטראַכט ווערן גאַנץ באַזונדער.

לעמאָשל, צום „סייפער-האַבּרים" איז מען מויסיף די געזעצן וועגן די ער טער פון קולט (סאָף קאַפּיטל כ. אין סייפער „שמויס" און אין די „פארזאגן" פון קאַפּיטל לד. אין זעלביקן סייפער). מען האַלט, אַז די אַסערעס-האַדיבּרעס וואָס ווערן געבראַכט אין „שמויס" (כ. א—יח) און וואס כאזערן זיך דערנאָך איבער אין „דוואָרים" (ה, ו—יח), געהערן לויט דער צייט פון זייער אופקום און לויט זייערע אידייען צו די געזעצן פון דוואָרים. די זעלבע זאַך איז אויך מיט אַלע געזעצן וועגן מישקן, קויהען-גאדל, לעוויאים און די בּניי-אַהאַרן (זע צווייטן העלפט פון סייפער „שמויס"). מ'האַלט, אַז אויך די אַסערעס-האַדיבּרעס שטאַמען פון די שפּעטערדיקע טיילן פון קויהאַנים-קאָדעקס.

אַף אַזאַ אויפן האָט די וויסנשאַפט פעסטגעשטעלט, אַז אין דער טוירע זייגען פאַראַן געזעצן פון בירגערלעכן, קרימענעלן און רעליגיעזן כאַראַקטער, וואָס זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן צוליב פאַר-שיידענע סיבּעס, אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן פון דער וואַנדער-עפּאָכע ביזן גאָלעס. דאָס אַליין איז שוין אַ גרונט פאַרן היסטאָריקער צו באַהויפּטן, אַז די ביבּלישע סכעמע פון דער יידישער געשיכטע איז ניט קיין ריכטיקע, און אַז אַ ריכטיקע סכעמע קאָן מען שאַפן נאָר דעמאָלט, ווען מען זאָל שטודירן די געזעצן לויט אַ געוויסן סיידער, מאַכנדיק אַ פאַרגלייך צווישן

איינעם מיטן צווייטן, און אַזוי אַרום דערגיין, ווי ס'האָט זיך אנטוויקלט דער פֿאָלק ייסראָעל אַף אַלע געביטן פֿון זיין געשיכטע.

וואָס דערציילט די טוירע וועגן דער געשיכטע פֿון די בניי-ייסראָעל.

דאָ קאָן אונז צוניץ קומען די ביבל, אירע דערציילעריש-געשיכטלעכע ביכער, די נעוויאים און פֿריידיקער, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן פֿאַרן פֿאָלק ייסראָעל און יעהודע פֿון ניינטן יאָרהונדערט ביז דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג, און די דערציילונגען פֿון סייפֿער „ברייֵשיס" און „שמויס". דער סייפֿער „ברייֵשיס" דערציילט אונז, ווי אַזוי ס'איז געשאַפֿן געוואָרן די וועלט, ווי אזוי עס האָבן געלעבט די ערשטע מענטשן אין גאַניידן, ווי זיי האָבן געזינדיקט, ווי מען האָט אויסגעבויט דעם טורם פֿון באָוועל, ווען די געטער האָבן צומישט די מענטשלעכע לעשוינעס, און די מענטשהייט האָט זיך צעטיילט אַף פֿאַרשיידענע פֿעלקער. די אַלע דערציילונגען און מאַיסעס געהערן צום מין מיטוס, ד. ה. רעליגיעזע לעגענדעס מיט וועלכע דער אוראַלטער מענטש האָט געוואָלט דערקלערן דעם אופקום פֿון דער וועלט, פֿון מענטשן, די סיבעס פֿון קראַנקהייט און טויט, פֿון שפּראַך און פֿאָלק. דערביי זיינען זיי קאַמאַט אַלע ניט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פֿון יידן, נאָר גענומען פֿון די באַווּלים. אייניקע, ווי לעמאָשל, די לעגענדע וועגן מאַבל, איז קאַמאַט ניט געענדערט און אייניקע, ווי די געשיכטע וועגן דעם, ווי גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, איז איבערגענומען געוואָרן מיט באַדייטנדיקע שינוּיִם. היסטאָרישעס איז אין די אַלע דערציילונגען גאָרניט פֿאַראַן. ווייטער ווערן אין דעם דאָזיקן סייפֿער געבראַכט דערציילונגען וועגן דעם לעבן פֿון די אָוועס, פֿון אַוראָהאָם, ייִצכאָק און יאַנקעוו. לויט דער ביבלישער לעגענדע, האָט יאַנקעוו געהאַט 12 זין, פֿון וועלכע עס שטאַמען די 12 שוואָטים, וואָס האָבן געטראָגן זייערע נעמען: פֿון יעהודע-שייוועט יעהודע, פֿון בינִיאָמענען-דער שייוועט בינִיאָמין, פֿון יאַנקעווס אייניקל עפֿראַים-דער שייוועט עפֿראַיִם א.א.וו.

דער גרעסטער טייל פֿון די דאָזיקע לעגענדעס געהערט צו דעם מין פֿ אָ ל ק ס - ל ע ג ע נ ד ע ס, וואָס ווערן איבערגעגעבן מונדלעך פֿון פֿאָטער צו זון, פֿון דאָר צו דאָר. אין זיי ווערט דערציילט וועגן גאָר אַמאָליקע געשעענישן, וועגן אוראַלטן לעבנשטייגער, מינהאָגים און געוואוינהייטן. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז די אַלע דערציילונגען זיינען גוזמעדיק צוגעפּוצט און שטאַרק געענדערט פֿון דער צייט.

די לעגענדעס פֿון סייפֿער „ברייֵשיס" זיינען דורכגעקאָנטראָלירט געוואָרן אַף פֿאָלגנדיקן אויפֿן: מען האָט פֿאַרגלייכט די מינהאָגים און געוואוינהייטן פֿון די אָוועס מיט די מינהאָגים פֿון די איצטיקע בעדואינער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער לעבנשטייגער פֿון די אָוועס שטימט מיטן לעבן פֿון די איצטיקע וואַנדערנדיקע אַראַבישע שוואָטים. דעריבער קאָנען מיר אין אַ געוויסער מאָס, מיט געוויסע העאָרעס און פּיירושים, באַנוצן זיך מיט די דאָזיקע לעגענדעס, כדיי צו באַקומען אַ געוויסע פֿאָרשטעלונג פֿון דעם לעבנ-

שטייגער באַ די דעמאָלטיקע בניי-ייסראָעל. אין סאָף פון סייפער „בריישיס“ ווערט דערציילט אַ מאַיסע וועגן יאַנקעווס זון יויסעף, וועלכער איז פון זיינע ברידער, צוליב קינע, פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ קנעכט אין מיצראַים, ווי אַזוי ער איז דאָרטן ניט אומגעקומען און האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אַפן ערשטן אָרט און איז געוואָרן אַ שייני-לעמעלעך און מיט זיינע קלוגע אייצעס געראַטעוועט דאָס לאַנד פון די זיבן הונגער-יאָרן. אין דער דאָזיקער הונגער-צייט זיינען אין מיצראַים געקומען זיין פאָטער און ברידער, זיי האָבן אים דערקענט, כאַראָטע געהאַט אַף דער אַוולע, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען קעגן אים, געמאַכט מיט אים אַ שאָלעם און פאַרבליבן אין מיצראַים אין קאָוועד און אוישער.

די דאָזיקע לעגענדע איז אַן עמעסע ראָמאַנטישע מאַיסעלע, ווי אַלע אַנדערע מאַיסעלעך פון מיודעך, און האָט ניט קיין שום היסטאָרישע באַדייטונג. פון אָנהויב ביזן סאָף איז זי צונויפגעשטעלט פון פאַרשיידענע סיוזשעטן, וועלכע זיינען גאַנץ פאָפּולער אין די מיזרעך-לענדער, באַ די מיצרים און אַראַבער, און האָט אַ באַשטימטע קאַוואָנע: זי איז געשאַפן געוואָרן אין לאַנד עפראַים אין דער צייט, ווען עפראַים האָט געקעמפט מיט יעהודע. דער מיין פון דעם דאָזיקן מיטוס איז געווען—גרויס און באַרימט צו מאַכן יויסעפן, וועלכער איז לויט דער ביבל געווען דער פאָטער פון שייוועט עפראַים. אין סייפער „שמויס“ ביזן קאַפּיטל כ., וואו ס'הויבן זיך אָן די געזעצן, דערציילט זיך, ווי נאָכן טויט פון יויסעפן האָבן זיך די בניי-ייסראָעל גענומען מערן, די מיצרים האָבן זיך פאַר זיי דערשראָקן און האָבן זיי דעריבער געפייניקט מיט אַוואוידעס-פּעראָך. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז פאַרע האָט באַפוילן דערטרינקען אַלע נייגעבאָרענע זכאָרים פון די אָנגעקומענע. דעמאָלט איז צום פאָלק געקומען אַ פירער מוישע.

דער דאָזיקער מוישע איז אַף אַ וואונדערבאַרן אויפן ניצל געוואָרן פון טויט און האָט זיך דערצויגן באַ פאַרעס טאָכטער. מיט דער הילף פון גרויסן גאָט יאַהווע האָט ער אָנגעשיקט אַף די מיצרים די „צען מאַקעס“ און געצוואונגען פאַרען אָפּצולאָזן דעם פאָלק. נאָר, ווען די יידן זיינען שוין אַוועק, האָט די מיצרים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס זיי האָבן אָפּגעלאָזן אַזוי פיל קנעכט, האָבן זיי זיך אַף פערד און רייטוואָגן געלאָזן נאָכיאָגן נאָך די בניי-ייסראָעל.

דאָס מיצרישע כאַיל האָט אָנגעיאָגט די פּליייטים, ווען זיי זיינען דערגאַנגען צום יאַמסוף; דאָ האָט זיך דער יאַם געשפּאָלטן, דורכגעלאָזן די יידן און איינגעשלונגען זייערע פיינט.

ווען זיי זיינען דורך אַזאַ נעס אויסגעלייזט געוואָרן פון די מיצרים, זיינען די בניי-ייסראָעל נאָך אַ ריי ניסים געקומען צום באַרג סינאַי, וואו יאַהווע האָט זיי דורך מוישען געגעבן זייגע געזעצן.

די דאָזיקע געזעצן, ווי מיר וועלן זען, ווערן אויך ווייטער געבראַכט אין סייפער „שמויס" און אין די איבעריקע ספאָרים פון דער טוירע. פון דער נאָר וואס געבראַכטער באַשרייבונג וועגן דעם אופקום פון די געזעצן ווערט פאַר אונז קלאר, אז אפן באַרג סינאַי איז קיין שום געזעצגעבונג ניט פאָרגעקומען, אַז די גאַנצע מאַיסע איז אויסגעקלערט געוואָרן בלויז צוליב דעם, קעדיי צוצוגעבן די געזעצן אַ גרעסערן אַווטאָריטעט, מען זאָל גלויבן, אַז זיי זיינען קלוימערשט געגעבן פון גאָט אַליין דורך אַזאַ באַרימטן מענטשן, ווי מוישע.

אָבער ווי דאַרפן מיר זיך באַציען צו דער דערציילונג וועגן יעציעס-מיצראַים? די דאָזיקע פראַגע איז פאַר אונז באַזונדער וויכטיק, וויל אין „שמויס" ווערט דערציילט, אַז פייסאך איז איינגעשטעלט געוואָרן גראַדע דעמאָלט, ווען די בנײ-ייסראָעל זיינען ארויס פון מיצראַים, קעדיי צו פאַרהיטן די יידישע בכוירים, ווען יאהווע האָט געשלאָגן אַלע בכוירים, מיצרים פון מענטשן ביז בהמות. פאַקטיש אָבער דערציילט די פראַגע שטייט אַזוי: צי זיינען די יידן בעממעס געווען אין מיצראַים אָדער גאָרניט. וועגן דער פראַגע הערשט באַ די געלערנטע אַ גרויסע מיינונג-פאַרשיידנהייט. אַ סאַך געלערנטע מיינען, אַז די יידן זיינען אין מיצראַים גאָרניט געווען. זיי ווייזן אָן, אַז אין די מיצרישע דאָקומענטן איז וועגן דער גאַנצער געשיכטע אַפילע קיין רעמעז ניטאָ, און אַף דער ביבל מיט אירע מאַיסעס קען מען זיך זייער ווייניק סוימעך זיין. די לעגענדע וועגן „מעכירעס-יויסעף" איז בלויז אַ שיינער ראָמאַן. זיי זאָגן, אַז די דערציילונגען פון סייפער „שמויס" וועגן מוישען, וועגן יעציעס-מיצראַים און וועגן דער אויסוואַנדערונג אין דעם מידבער זיינען מער ניט ווי אַ בינטל מעשונעדיקע ניסים. וועלכע זיינען געיאַרשנט געוואָרן פון די אַרומיקע פעלקער. אַזוי, לעמאָשל, איז די געשיכטע וועגן מוישעס געבורט גענומען געוואָרן פון דער באַווילישער לעגענדע וועגן געבורט און רעטונג פון קיניג סאַרגוין דעם ערשטן.

אַנדערע געלערנטע האַלטן, אַז מען דאַרף טאַקע, עמעס, אָפוואַרפן די ראָמאַנטישע און ניסים-מאַיסעס. נאָר פונדעסטוועגן איז פון דעם ניט געדרונגען, אַז אַ טייל פון די בנײ-ייסראָעל זאָל צו יענער צייט ניט האָבן געקענט זיין אין מיצראַים. די דאָזיקע געלערנטע ווייזן אָן, אַז אין איניקע מיצרישע דאקומענטן ווערן דערמאַנט געוויסע צופאַלן, ווען די פאַרעס פלעגן דערלויבן אין דער צייט פון אַ הונגער איניקע בעדואינישע שוואָטים באַזעצן זיך מיט זייערע פי אין דעם געגנט, וואס גרעניצט זיך מיט אַראַוו, יענער ארט, וואו די יידן האָבן לויט דער ביבל געוואוינט אין דער צייט פון זייער זיין אין מיצראַים. און ווייטער ווייזן זיי אָן: אין די דערציילונגען פון סייפער „שמויס" זיינען גלייכצייטיק מיט די אויסערגעווינלעכע ניסים פאַראַן אויך אַזעלכע שטריכן, וואס פאַרדינען אַ געוויסע אופ-

מערקזאמקייט: ס'ווערט ריכטיק געשילדערט די נאטור פון מיצראַיִם און אירע ספּעציפישע באַזונדערקייטן, ס'ווערן געשילדערט די שטעט פּיסעם און ראַמסעס, וועלכע זיינען קלוימערש אויסגעבויט געוואָרן פון די בניי־יישׂראָעל. אָט די דאָזיקע שטעט זיינען ווירקלעך געבויט געוואָרן אין יענער עפּאָכע, ווען די בניי־יישׂראָעל האָבן זיך געקאָנט געפינען אין מיצראַיִם. אויך אין די דערציילונגען וועגן דעם, ווי אַזוי די יידן האָבן געוואַנדערט איבערן מידבער, קאָן מען באַגעגענען גאַנץ טיפּישע שטריכן פון מידבער.

נאָר אָבער אַפילע שוין די געלערנטע מיינען, אַז אויב די יידן זיינען שוין יע געווען אין מיצראַיִם, זיינען זיי דאָרטן פאַרבליבן זייער אַ קורצע צייט, א יאָר, צוויי, דריי—צום העכסטן, און זיינען אַוועק גאַנץ אומגעשטערט, ווען ס'איז אַריבער דער הונגער. און דעריבער דאַרף מען די דערציילונג, וועלכע שטעלט איין דעם פּייסאַך, ווי אַ זייכער פון יעציעס־מיצראַיִם. באַטראַכטן בלויז ווי אַן אויסגעקלערטן מיטוס. ריכטיק איז אין איר נאָר איין זאַך, אַז פּייסאַך איז אַ יאָמטעוו, וועלכער שטאַמט פון וואַנדער־שטייגער.

היסטארישע ביכער פון דער ביבל.

ווי אַזוי די יידן האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד קנאַאן, ווערט דערציילט אין סייפער „יעשוא־בין־נון". דער פּעריאָד צייט פון איינעמען דאָס לאַנד ביז וואַנען ס'האָט זיך איינגעשטעלט די מאַכט פון די קיניגן, ווערט דערציילט אין „שויפטים". וועגן דעם, ווי אַזוי ס'איז אופגעקומען די מאַכט פון די מעלאָכים און וועגן די ערשטע קיניגן שאאול און דאוויד—ווערט דערציילט אין „שמועל". וועגן שלוימען, וועגן דער צוטיילונג אַף צוויי קיניגרייכן און וועגן דער געשיכטע פון די דאָזיקע קיניגרייכן—אין סייפער „מעלאָכים". אויסער דעם, ווערט וועגן דאווידן, שלוימען און קיניגרייך יעהודע אויך דערציילט אין כראָניק־בוך „דיוורעי־האיאמים". אָט די אַלע ביכער, כוץ דעם „דיוורעי־האיאמים", זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן ביסלעכווייז פון פאַרשיידענע פאָלקס־לעגענדעס און זיכרוינעס־ביכער, וואָס פלעגן זיך פירן בא די קיניגלעכע הויפן פון יעהודע און עפראַיִם. אָבער די אַנטגילטיקע פאָרם זייערע האָבן זיי באַקומען אין דער עפּאָכע פון גאלעס, ווען די קויהאַנים און סאָפרים האָבן זיי איבערגעקוקט און באַאַרבעט אין גאָטספאַרכטיקע ביכער. זייער ציל, די קויהאַנימס, איז געווען צו דערווייזן, אַז דער כורבן פון יעהודע און יישׂראָעל איז פאָרגעקומען דערפאַר, וואָס דאָס פאָלק און די קיניגן האָבן ניט געפאָלגט די קויהאַנים און האָבן זיך געבוקט צו פרעמדע געטער און ניט צו יאַהווען, ניט היטנדיק אַפילע דעם „סייפער־האטוירע", וואָס מען האָט געפונען אין דער צייט פון יאשיאהו. די קויהאַנים האָבן דעריבער זייער אַ סאַך זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען אין „שויפטים", „שמועל" און „מעלאָכים", אַרויסגעוואָרפן, געענדערט. אייניקע זאַכן האָבן זיי אַפילע צוגעשריבן. אויב מיר וועלן עס געדיינקען און אָפּוואַרפן דאָס, וואָס די קויהאַנים האָבן קאַליע געמאַכט, וועלן מיר נאָך אין די דאָזיקע ספאָרים אַפילע קענען געפינען א גאַנץ

היבשן, זיכערן און באַלערנדיקן מאַטעריאַל. צום באַדויערן, איז דער דאָזיקער מאַטעריאַל ניט גאַנץ, וועגן אַ סאַך זאַכן מוזן מיר זיך ניט מער ווי אנשטויסן.

דאָ קאָנען אונז צוניץ קומען די אופשריפטן פון די קיניגן פון אַשור, אין וועלכע עס ווערט דערציילט וועגן די מאַרשן אַף פּאַלעסטינע. וואָס איז שאַיעך צום „דיוורייי-האַיאָמים"-מאַטעריאַל, מוזן מיר מודע זיין, אז עס איז קאַמאַט אינגאַנצן ניט קיין שטאָפּוואָגיקער. דער „דיוורייי-האַיאָמים" איז צונויפגעשטעלט געוואָרן שוין זייער שפּעט, ערשט אין ד'ריטן אָדער צווייטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס'ס געבורט, אין דער עפּאָכע, ווען ס'האבן געהערשט די קויהאַנים. אין דעם דאָזיקן בוך ווערט דערמאָנט די פּערסישע מאַטבייע דאריק. אין אים ווערט אויך געגעבן דער ייכעס-בריוו פון בניי-דאוויד פון גאנצע עלף דוירעס ביז נאָך זרובאָוועלן, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט, ווען די בניי-יעָהודע האָבן זיך צוריקגעקערט פון גאלעס-באָוועל (537–530 פאַר קר. געב.). דער מעכאַבער פון „דיוורייי-האַיאָמים" אַרבעט איבער א דערציילונג פון „שמועל" און „מעלאָכים" מיט א ספּעציעלער קאַוואַנע, וועלנדיק דערווייזן, אז די טוירע האָט שוין עקזיסטירט נאָך פאַרן גאָלעס-באָוועל און אַז די קיניגן, וואָס האָבן אָפּגעהיט די געזעצן, האָבן גליקלעך געקיניגט, און די, וואָס האָבן ניט געטאָן אזוי, האָבן געהאַט אַ ביטערן סאָף.

די הייניטיקע וויסנשאַפט האַלט, אז דער כראָניק-בוך איז ניט מער ווי מאקולאטור, ד.ה., אַז ער האָט קיין שום באַדייטונג ניט פאַר דער רעסטאווראציע פון דעם היסטאָרישן גאַנג פון אורזאלטן פאָלק ייסראָעל.

דערצו דאַרף מען צוגעבן, אַז פאַר די לעצטע 25 יאָר האָבן די דייטשישע און ענגלישע געלערנטע געמאַכט אַ סאַך אויסגראָבונגען אין פּאַלעסטינע, אַף די ערטער פון די אמאָליקע שטעט. זיי האָבן אַנטדעקט אַ ריי כאָרעווע שטעט און קעגנשטאנדן פון רעליגיעזן קולט, וואָס געהערן צו די צייטן פון קנאאן און ייסראעל. די דאָזיקע מאנומענטן זיינען זייער וויכטיק פאַרן היסטאָריקער, ווייל מיט זייער הילף קאָן ער באקומען א גענויע פאָרשטעלונג וועגן דעם לעבנשטייגער פון די אַמאָליקע יידן.

איבערבליק איבער דער געשיכטע פון ייסראָעל.

נאָך דער גוואַלדיק גרויסער צוגרייטונג-אַרבעט, וואָס די געלערנטע האָבן דורכגעמאַכט איבער דער ביבעל, און נאָך אַריי אַרכעאלאָגישע אַנטדעקונגען, ווערט די געשיכטע פון פאָלק ייסראָעל געשילדערט ווייט ניט אַזוי, ווי זי ווערט געשילדערט לויט דער טראַדיציע. די אורעלטערן פון די איצטיקע יידן, די בניי-ייסראָעל אין (1500–1200 פאַר.) ק.ג., האָבן זיך געטיילט אַף עטלעכע שוואָטים אָדער שטאַמען און האָבן געוואַנדערט מיט זייערע שעפסן און ציגן אין דאָרעם און אין דאָרעם-מיזרעך-טייל פון פּאַלעסטינע. אין דער דאָזיקער עפּאָכע זיינען זיי שוין גיכער געווען אַ האַלב וואַנדער-פאָלק, ווייל זיי פלעגן זיך שוין פאַרהאַלטן אַ לענגערע צייט אַף איין אָרט, וואו ס'איז געווען גענוג וואַסער און גראָז פאַר זייערע פי. אַף אַ פרימיטיוון אויפן האָבן זיי אַפילע די

ערד באַרבעט, זייענדיק הויפּטזעכלעך גערשטן. פֿון וויפֿל שוואָטים זײַנען זײַ דעמאָלט באַשטאַנען, איז ניט באַוואוסט. די צאָל 12, וואָס ווערט געבראַכט אין דער ביבל, איז אַ קיילעכדיקע, אַ הייליקע, און שטימט ניט מיט דערווירקלעכקייט. יעדנפֿאַל, איז די צאָל געווען מער פֿון 12, ניט ווייניקער פֿון 15, נאָר נאָכן באַזעצן זיך אין קנאַאַן איז די צאָל פאַרקלענערט געוואָרן, ווייל ניט ווייניקער פֿון פיר שוואָטים („רעאוואון", „שימען", „לייווי" און „גאָד") זיינען אָדער אומגעקומען אין די מילכאָמעס, אָדער האָבן זיך אויסגעמישט מיט זייערע שכיינים, די קנאַאַנים וועו אפּן ארט, וואו אַ שייוועט פלעגט זיך אפשטעלן, פלעגט אויסגײַין די פאַשע, אָדער גלאָט אין אַ הונגער־צייט, פלעגט דער שײַוועט איבערוואַנדערן אף אַ צווייטן פלאַץ. אָפט פלעגן זײַ אַפילע אויסוואַנדערן אין די מער קולטורעלע לענדער: צו די פלישטים, מיצרים און אראַמייער.

דער צוּוואוּקס פֿון דער באַפֿעלקערונג האָט די בניי־ייסראָעל געצוואונגען זוכן נייע פלעצער, און זײַ האָבן אָנגעהויבן זיך דורכשלאָגן אַ וועג אין קנאַאַן. דאָס איז אבער ניט פאָרגעקומען ווי אַן אָרגאַניזירטער אָנגריף, ווי ס'ווערט באַשריבן אין „יעשוּא־בין־נון", נאָר ביסלעכווייז, אין מעשעך פון אַ גאַנצן יאָר־הונדערט.

יעדער שייוועט איז געגאַנגען זעלבסטשטענדיק און מיט די אייגענע קוי־כעס געפירט דעם קאַמף פאַרן אויסגעקליבענעם אָרט. אָפט, ווען ס'איז נאָר געווען אַ פריי שטיק לאַנד, פלעגט מען זיך אַפילע בעשאָלעם באַזעצן בישכיינעס מיט די קנאַאַנים. אַריינדרינגענדיק אין קנאַאַן, זיינען די בניי־ייסראָעל איבערגעגאַנגען צו איינגעזעסענער ערדאַרבעט, איבערנעמענדיק די ווירטשאַפט־מעטאָדעס פון די קנאַאַנים. מעמיילע ווערט דעמאָלט זייער לעבנשטייגער ביסלעכווייז געענדערט. די דאָזיקע ענדערונג איז באַזונדער געווען ניכער בײַ יענע שוואָטים (ווי, לעמאָשל, עפראים), וואָס האָבן זיך באַזעצט אין מיטל־טאָל פון קנאַאַן, ווייל דער דאָזיקער טאָל ייזרעעל (איימעק־ייזרעעל) איז געווען דער סאַמער פרוכטבאַרער געגנט אין פאַלעסטינע. פאַרקערט, בײַם שייוועט יעהודע, וועלכער האָט פאַרנומען דעם דאָרעם־טייל פון פאַלעסטינע בישכיינעס מיטן מידבער, דער פריערדיקער וואַנדער־אָרט, האָט זיך נאָך איינגעהאַלטן די פיצוכט און צוזאַמען מיט דעם די פריערדיקע מינהאָגים; נאָר אין לעבן פון יעהודע אַפילע איז די איבערקערעניש געווען אַ גאַנץ גרויסע, ווייל ערדאַרבעט איז אויך בײַ אים געוואָרן די הויפט־באַשעפטיקונג. דער שייוועט־שטייגער פון דער וואַנדער־עפּאָכע הויבט אָן אונטערצוגיין און ווערט פאַרביטן מיטן געמיינדע־שטײַגער.

בעאייס דער מילכאָמע האָבן די בעסטע שטיקער לאַנד פאַרכאַפּט די פירער. באַלד האָבן זיי באַקומען גרויס קויעך און אויסגעטיילט זיך אין אַ פריווילעגירטער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע.

געלעבט האָט מען באַזונדער, יעדער שייוועט אין זיין ווינקל, נאָר אין דער צייט פון אַ סאַקאָנע מיצאַד דעם סוינע, פלעגן זיך די באַזונדערע געמיינדעס פאַראייניקן, קעדיי צו געבן אַ ווידערשטאַנד דעם סוינע. און סאָנים האָבן די בניי-ייסראָעל געהאַט אַ סאַך: די פלישטים, וואס האָבן געוואוינט באַם ברעג יאַם, די, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן דעם צענטראַלן פרוכטבארן געביט פון פּאַלעסטינע (איימעק יזרעעל), די מידיאַנים, אַמוינים און די קליינע וואַנדער-שוואָטים פון דעם מידבער, וואָס זיינען לויט זייער אָפּשטאַמונג געווען קרויווים מיט די בניי-ייסראָעל און האָבן אויך געוואָלט אַריינדרייסן זיך אין קנאַאַן. און, ענדלעך, די פריערדיקע באַלעבאַטים פון לאַנד, די אמוירים און די קנאַאַנים, וואָס זיינען ניט גאָר שטאַרק צופרידן געווען מיט די ניט געבעטענע געסט.

אין דער צייט פון אַזאַ סאַקאָנע פלעגט זיך, געוויינטלעך, אַרויסריקן אַ פירער, אַ ריכטער, אַ שויפעט, ווי מען האָט אים גערופן; אונטער זיין אַנפירונג פלעגט מען אָפּשלאָגן דעם סוינע. דער דאָזיקער שויפעט האָט אָפּט געהאַט אַ גרויסן אַוטאָריטעט אויך אין פרידנצייט און ער פלעגט מישפּעטן זיין שייוועט, פאַנדערקלייבן זיך אין די פאַרשיידענע סיכסוכים און מאַכלויקעסן, ווען מען פלעגט זיך צו אים ווענדן. אַזאַ פירער אין קאַמף מיט די אַמוינים איז לעכאַטכילע געווען שאָאול. באַזונדער גרויס איז דעמאָלט געווען די סאַקאָנע מיצאַד די פלישטים, און קעדיי צו געבן זיי אַ געהעריקן ווידערשטאַנד, האָט מען געמוזט האָבן אַ פאַראייניקונג פון אַלע בניי-ייסראָעל. די יידן האָבן דעמאָלט געזאַלבט שאָאולן פאַר א קיניג, וועלכער איז געוואָרן דער שטענדיקער באַלעבאָס פון פאָלק. האָט זיך אַרומגערינגלט מיט סאָרים (פירשטן), זיינע דינער ערד אוועקגעשיינקט און דערהויבן זיי פאַר סאָרים. מיט איין וואָרט, געפירט זיך, ווי יעדער פעאָדאַלער קיניג. אָבער שאָאול איז אומגעקומען אין קאַמף מיט די פלישטים, און דער געשאַפענער בונד פון אַלע שוואָטים איז זיך צעפאַלן. דער שייוועט יעהודע האָט אויסגעקליבן פאַר אַ קיניג דאָווידן, דעם זון פון יישאַי. ער האָט טיילווייז אויסגעהאַרגעט, טיילווייז אומשעדלעך געמאַכט שאָאולס מישפּאָכע און געצוואונגען אַלע בניי-ייסראָעל, אַז זיי זאָלן אָנערקענען זיין מאַכט. אונטער זיין אָנפירונג האָבן די בניי-ייסראָעל איינגאַנצן באַזיגט די פלישטים. דער דאָזיקער ניצאָכן האָט פאַרשטאַרקט זיין אַוטאָריטעט אין די אויגן פון פאָלק, און נאָך זיין טויט האָבן אַלע אָן קיינע כלוקעס-דייעס אָנערקענט די מאַכט פון זיין זון שלוימע. פאַר שלוימעס קיניגן איז געווען שאָלעם אין לאַנד, ער האָט שוין אָבער צופיל מיסגעברויכט מיט זיינע פעאָדאַלע רעכט, פלעגט אַרופלייגן צו גרויסע שטייערן אַף די סאָרים. נאָך זיין טויט האָבן טאַקע די רייכע סאָרים פון עפראַים ניט געוואָלט אָנערקענען די מאַכט פון זיין זון רעכאַוואָם און האָבן זיך געזאַלבט אַן אייגענעם קיניג יעראָוואָם. אַזוי האָבן זיך אויסגעביל-

דעט צווײ קיניגרײכן—די דאָרעמדיקע יעהודע און די צאָפנדיקע עפֿראַים. שטענדיק האָבן זײ קאָנקורירט צווישן זיך, זײ האָבן זיך ניט געקענט פֿאַראײניקן, ווײל דער עקאָנאָמישער צושטאַנד זײערער איז געווען אַ פֿאַרשײדנער. די קיניגרײך עפֿראַים האָט פֿאַרנומען דעם סאַמען פֿרוכטבאַרן געביט פֿון קנאַאַן, און דעריבער איז דאָרטן אױפֿן ערשטן ארט געשטאַנען די אגראַר-אריסטאָקראַטיע, וועלכע איז געוועזן געוואוינט צו אַ גרינגן, רײכן לעבן אױפֿן כעשבן פֿון אירע לײבקנעכט. די קיניגרײך יעהודע האָט פֿאַרנומען אַזאַ געביט, וואָס איז געווען זײער נאָענט צום מידבער. דאָרטן האָבן נאָך געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג די אמאָליקע בעדואינישע מישפּאָכעס, וואָס האָבן זיך נאָך באַשעפֿטיקט מיט פֿיצוכט. גלײכצײטיק אָבער האָבן זיך שוין גענומען אַרויסווײזן נײע עקאָנאָמישע קויכעס. די ערד איז געווען זײער אַ שלעכטע, מיטן אײגענעם ברויט האָט מען ניט געקענט עקזיסטירן, האָט די באַפֿעלקערונג געמוזט זוכן אנדערע מיטלען צום לעבן. דורך פּאַלעסטינע איז דעמאָלט געגאַנגען דער האַנדל פֿון מעסאָפּאָטאַמיען אין אראַוו און מיצראַים. די הויפּטסטאַנציע, וואו אלע סאָכרים פֿלעגן זיך אָפּשטעלן, איז דעמאָלט געווען יערושאלאַים.

נאָך שלוימעס טויט איז יערושאלאים געוואָרן אַ גאַנץ באַדײטנדיקער האנדל-צענטער. די יערושאלאַימער סאָכרים האָבן געשטרעבט אַרײנצונעמען אונטער זײער מעמשאָלע אַלע איבעריקע שטעט פֿון לאַנד קנאַאַן, און דאָ האָט מען קוידעם-קאָל געדאַרפֿט באַזיגן די „שטאָלצע און שיקערע בנײ-עפֿראַים, אַראָפּרײסן די קרוין פֿון זײערע קעפּ", ווי דער נאָווי דריקט זיך בילדעריש אויס. נאָר, קעדײ צו פֿאַרנעמען עפֿראים, האָבן אויסגעפֿעלט קויכעס, די סאָכרים אַלײן האָבן ניט געוואָלט מילכאמע האַלטן, און די אַריסטאָקראַטיע איז געווען זײער קלײן אין צאָל. האָט זיך דער סיכסעך צווישן די בײדע לענדער אזוי געצויגן, ניט ברײנגענדיק צו קײנע רעזולטאַטן.

א צווײטער קויאך באַווײַזט זיך אין יעהודע—די יערושאלאַימער קויהאַנים.

דער קיניג שלוימע האָט אויסגעבויט אין יערושאלאַים אַ בײס-האַמיקדעש, מיט וועלכן ס'האָט זיך ניט געקענט גלײכן, לויט דער גרויסקײט און שײנקײט פֿון זײן קולט, קײן אײן מיקדעש פֿון לאַנד עפֿראַים. די קויהאַנים פֿון יערושאלאַימער בײס-האַמיקדעש זײנען געווען אונטערטעניק דעם קיניג. נאָר אזוי ווי זײערע רײכטימער זײנען געוואַקסן פֿון יאָר צו יאָר אַ דאַנק די פֿולע מאַטאָנעס, האָבן זײ מיט דער צײט אנגעהויבן צו שטרעבן צו דעם, אַז די קיניגן זאָלן זיך געפֿינען אונטער זײער ווירקונג. מיט דער הילף פֿון די קיניגן פֿון יעהודע האָבן זײ געוואָלט פֿאַרניכטן אַלע איבעריקע מיקדאשים ניט נאָר אין לאַנד יעהודע, נאָר אויך אין עפֿראַים און פֿאַראײניקן אַלע בנײ-ייסראָעל אונטער אײן אײנהײטלעכן קולט פֿון יאַהווע, וועלכער פֿלעגט ווערן געפּראַוועט אין בײס-האַמיקדעש פֿון יערושאלאים.

רעליגיע פון פאַר געוויאים-עפּאָכע.

דאָ קומען מיר צו דער רעליגיע פון די בניי-ייסראָעל. ס'איז ביטא קיין איין מיינונג, וואָס זאָל זיין אזוי פאַלש, ווי די מיינונג, וואָס האָט זיך, צום באַדויערן, איינגעוואָרצלט אין דיברייטע קרייזן, אפילע צווישן אַ געוויסער גרופּע פון די געלערנטע, אז די אוראַלטע בניי-ייסראָעל זיינען געוועזן מאנאטעאיסטן. אין דערעמעסן וויל נאָר די ביבל זיי פאָרשטעלן אַלס אַזעלכע: די סאָפרים פון דער גאָלעס-עפּאָכע, וועלכע האָבן רעדאַקטירט די ביבל אין איר לעצטער פאָרם, זיינעןווירקלעך געוועזן מאנאטעאיסטן און זיי האָבן געמאַכט מאנאטעאיסטיש אויך די רעליגיע, וואָס איז געוועזן פאַר דער גאָלעס-עפּאָכע, דערקלערנדיק די עקזיסטענץ פון די איבעריקע קולטן פון אַנדערע געטער, אויסער יאהווע, ווי אַ פעלשונג אין דער עמעסער עמונע. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז דער גאָט יאהווע אין דער פאַר-גאָלעס-עפּאָכע קיינמאָל ניט געווען דער איינציקער גאָט פון אַלע בניי-ייסראעל און האָט אַזא ניט געקענט ווערן אפילע, ניט געקוקט אַף אַלע מיאונגען פון די יערושאלאַימער קיניגן און קויהאַנים. פעסט געהאַלטן זיך אָן דעם קולט פון יאהווע האָבן זיך בלויז די בניי-יעהודע, נאָר אויך זיי האָבן זיך ניט אָפּגעהיט גלייכצייטיק צו בוקן זיך אויך צו אנדערע געטער. אין בייס-האמיקדעש פון יערושאלאַים זיינען געווען מאכשירים, וואָס האָבן געהערט צום קולט פון גאָט — די זון (שפּיזן און רייטוואָגן פון דער זון). לעקאָוועד גאָט—דער זון זיינען אין אַלע אָרטיקע מיקדאָשים געשטאַנען זיילן. אין יעדער געגנט איז געווען אַן אייגענער באַשיצער-גאָט „באַאַל"— דער באַלעבאָס פון דעם דאָזיקן אָרט. אין דער קיניגרייך עפראַים איז אַפילע ניט געווען קיין באַזונדער מיקדעש לעקאָוועד יאהווע. אין דעם אוראלטן מיקדעש בייס-איל האָט דער קיניג יעראָוואַם אופגעשטעלט אַ מיזבייעך פאַרן גאָט בייס-איל, וועלכער האָט זיך געשילדערט אין געשטאַלט פון אַן אָקס. דער דאָזיקער גאָט איז געווען דער הויפּט-גאָט פון דער צאָפן-מעלוכע און האָט, מינאַסטאַם, געהאַט אַן אייגן-נאָמען, וואָס איז צו אונז ניט דערגאַנגען. דער שייוועט דאָן, וועלכער האָט אויך געהאַט אַן אוראוראַלטן מיקדעש, האָט אויך געדינט צו עפּעס אַן אוראוראַלטן גאָט. כוץ דעם, איז אין עפראַים, אזוי אויך ווי אין יעהודע, אין יעדער געגנט געווען אַן אייגענער באַאַל. פון זיי האָט זיך באַזונדער אויסגעטיילט דער „באַאַל-בריס"*), וועלכער האָט זיך געפונען אין שכעם אונטער אַן אוראַלטן דעמב. קעדיי פייערלעך צו שליסן אַן אָפּמאַך (בונד), וועלכער האָט געהאַט אַ מלוכע-באַדייטונג, פלעגט מען אין שכעם איינאָרדענען צונויפפאָרן און די פראטאקאלן אַליין פלעגט מען האַלטן אין מיקדעש פון „באַאַל-בריס". אויסער דעם, זיינען אין די הויפּט-שטעט פון עפראַים און יעהודע, שוימרען און יערושאלאַים געווען פאַרשפּרייט די קולטן פון פרעמדע געטער: פון באוולישן טאַמוז, פון דער באַווילישער געטין פון דער

*) בריס — בונד.

הימל (מיסטאמע, אשטוירעס), די געטער פֿון צויר און צידוין (פֿיניקיע), באַזונדער דער באַאַל פֿון צויר און, וואַרשיינדלעך, דער גאט מוילעך, צו וועלכן מען פֿלעגט ברענגען מענטשלעכע קאָרבאָנעס. דאָס זיינען אַלץ געווען מער אָדער ווייניקער גרויסע געטער. נאָר צוזאַמען מיט זיי איז אויך געווען אַ גרויסע צאָל קלענערע געטער אין רוכעס, וועלכע זיינען געווען באַזונדער פּאָפּולער צווישן די פּאָלקס־מאַסן. איינוקע פֿון די דאָזיקע איינגלויבן זיינען געווען ריין ייסריילישע, וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען בירושע נאָך פֿון וואַנדער־עפּאָכע, לעמאָשל, דער קולט פֿון ציגנאַרטיקע רוכעס („מידבער סעאירים”).

אַנדערע זיינען גענומען געוואָרן בא די קנאַאַנים, אַזוי ווי איינוקע אָרטיקע געטער באַאַל, צו וועלכע מ'האָט שוין געדינט נאָך מיט אַ צייט פֿאַרן אָנקומען פֿון די בני־ייסראעל אין קנאַאַן. בא אַזאַ פֿאַרשיידנפֿאַרביקייט און פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון די קולטן וועלכע זיינען געווען פֿאַרשיידן אין יעדן אָרט, איז זייער שווער געווען דורכצופֿירן דעם איינהייטלעכן קולט פֿון יאַהווע. פֿאַר די איינוואוינער פֿון יעדן אָרט זיינען נעענטער פֿון אַלעמען געווען די אָרטיקע געטער און די אָרטיקע מיקדאָשים מיט די אייגענע קוהאַנים. און אויב אין יעהודע איז קיינער ניט געווען קעגן דעם, אַז דער גאָט פֿון ירושאָלאַים יאַהווע איז גרעסער פֿאַר אַלע אָרטיקע געטער, האָט די קיניגרייך עפֿראַים מיט דעם ניט מאַסקים געווען. באַזונדערס ניט אָנגענעמבאַר איז די דאָזיקע לאַגע געווען פֿאַר די קיניגן פֿון עפֿראַים, ווייל אויב זיי וואָלטן אָנערקענט, אַז יאַהווע איז גרעסער פֿאַר די איבעריקע געטער, וואָלט מען געדאַרפֿט אָנערקענען, אַז די קוהאַנים פֿון ירושאָלאַים זיינען אויך גרעסער פֿאַר די איבעריקע, מען וואָלט דעמאָלט געדאַרפֿט זיך צוהערן צו זייערע רייד, שיקן זיי מאַטאָנעס — און די דאָזיקע קוהאַנים זיינען דאָך געווען דינער באַם קיניג פֿון יעהודע.

אָט פֿאַרוואָס צווישן דער דאָרעם־און צאָפֿן־קיניגרייך איז געווען אַ שטענדיקע רייסעריי און סינע. זי האָט זיך געשפּייזט מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַזונדערהייטן און מעמיילע מיט רעליגיעזע כלוקע־דייעס.

ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון אַלע רייבונגען און צוזאַמענשטויסן צווישן צאָפֿן און דאָרעם און פֿון דעם אינערלעכן קאַמף אין דער אָדער יענער קיניגרייך האָט פֿריער פֿון אַלעמען געליטן דאָס האָרעפּאַשנע פֿאָלק. די ערדבאַזיצער האָבן אָפּגענומען בא די ערדאַרבעטער די פֿעלדער, האָבן פֿאַרגרעסערט די שטייערן. די קיניגן, פֿון יעהודע האָבן זיך גענויטיקט אין מיליטערישע קויכעס און איינגעפֿירט אַלגעמיינע מיליטער־פֿליכט. שויפֿטים האָבן גענומען שויכאָד און אַלע איניאָנים צווישן רייכע און אָרימע געמישפּעט לטויווס די רייכע. די אוראַלטע פֿרייהייט און גלייכהייט פֿון דער וואַנדער־עפּאָכע איז פֿאַרשוואונדן. מיט דעם, אין ביטערן שווייס פֿאַרהאָרעוועטן ברויט, איז

אויסגעקומען צו קאָרמענען ניט נאָר זיך אַליין, נאָר אַ גאַנצע כאָפּטע ערדבאַזיצער און האַרן, וועלכע זיינען, ווי פּאַראַזיטן, געזעסן אַפן גוף פון פאָלק. באַזונדער שווער האט דאס פאשעטע פאָלק געקרעכצט, ווען ס'האָט זיך געפירט דער קאַמף פון די יידישע קיניגרייכן פאַר זעלבסטשטענדיקייט (אָנהויב 8-טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס'ס געבורט).

פון צאָפן האָט זיך אף פּאַלעסטינע אָנגערוקט אַשור. די דאָזיקע שטאַרקע מלוכע האָט זיך געריסן אונטערטעניק צו מאַכן מיצראים, אויב ניט אזוי, איז כאָטש אונטערוואַרפן מיצראַים אונטער איר ווירקונג. צוליב דעם צוועק האָט זיך אַשור געמוזט שטעלן מיט פעסטע פיס אין פּאַלעסטינע—דער הויפּט וועג אין מיצראַים. דער קאַמף מיט אַשור איז געווען אַ בלוטיקער און האָפענונגלאָזער. אין איינקע צענדליקער יאָרן האָט זיך דער דאָזיקער בלוטיקער קאַמף פאַרענדיקט דערמיט, וואָס די קיניגרייך ייסראָעל איז געוואָרן אַן אַשורישע פּראָווינץ. די מילכאָמע האָט אויך אָנגערירט דער קיניגרייך יעהודע—דער אשורישער כאַיל האָט אנגעשפּאַרט צו די ווענט פון יערושאלאים. דאס לאַנד יעהודע איז אָבער דאָס מאָל געראַטעוועט געוואָרן פון די אינערלעכע אומרוען אין אַשור. אין דער דאָזיקער שווערער צייט האָט דאָס פאָלק שטאַרק געליטן פון די מילכאָמעס, פון דער עקספּלואַטאַציע און הפקר-מאַיסים פון די האַרן, וואָס האָבן זיך גאר גיט פאַרטראַכט וועגן דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע און פאָרגעזעצט זייערע מאַיסים טאטואים.

נעוויאים און דער „סייפער-האטוירע" פון יאָר 621

דאָ טרעטן ארויס די באַוואוסטע נעוויאים מיט זייערע שאַרפע שטראָפּרעדעס, וואָס זיינען געווענדעט קעגן די עקספּלואַטאַציעס און גוואַלד-מאַיסים פון די האַרן איבערן פאַשעטן פאָלק. די נעוויאים דעקן אויף די שלעכטע זייטן און מאַיסים פון די קויהאַנים און רופן צו אַ נייעם גלויבן. נעוויאים זיינען געווען ניט ווייניק, ניט אַלע פון זיי זיינען געווען פון איין גרויס און ניט אַלע פון זיי האָבן פאַרנומען די זעלביקע פּאָזיציעס. אן עמעסער פאָלק-נאָווי איז געווען אָמוס, אַ פּאַסטעך פון דאָרעם-יעהודע. ער איז געקומען אין שוימרוין, ווייזט אויס, אף דעם גרויסן האַרבסט-יאָמטעוו און געשאָלטן די שיקערע בניי-עפראים. לויט זיין מיינונג, איז די צאָפנדיקע מלוכע געשטאַנען באַם אָנהויב פון איר סאָף. זיין רעדע האָט ער איינגעפאַסט אין פאָרם פון אַ קלאָג-ליד נאָך אַ טויטן. דער ביטערער סאף קומט דערפון—האָט אָמוס געזאָגט—וואָס דאָס פאָלק איז אַוועק פון זיין אורפּאָשעטקייט, פון זיין אוראַלטן מידבער-שטייגער און פון דער פריערדיקער פּאשעטער רעליגיע, וואו יאהוועפאַרנעמט דעם ערשטן אָרט. פון דאנען וואַקסן אַלע זינד עפראימס, און דערפאַר וועלן זיינע שטעט צושטויסן ווערן אונטער די שווערע קלעפּ פון אַשור. אָמויסעס פּערספּעקטיוו איז פינסטער, קיין שום האָפענונג אַף בעסערס האט אָמויס ניט געהאַט. אַנדערע נעוויאים האָפן אויך אַף בעסערע צייטן.

קאמאט גלייכצייטיק מיט אָמויטן טרעט אויך אַרויס דער נאָווי הוישייא.

אַליין איז הוישייא פון לאַנד בינ־אַמען און שטאַמט פון פויערים. ער פאַלט, דערהויפט, אן אף די קויהאַנים, וועלכע „לעבן נאָר פון דעם פאָלקס זינד". הוישייא האַלט דאס בוקן זיך צום אָרטיקן גאט באַאל פאַר אַ כעט און פאַר א פארברעך קעגן יאהוועז. דינען דעם באַאל און ניט יאהוועז איז גלייך צו דער פעלשונג פון אַ פרוי קעגן איר מאַן—ווילע פעלד און גיטער האָט געגעבן יאהווע און ניט דער באַאל. און הוישייא האָפט, אַז די רעטונג וועט קומען נאָר דעמאָלט, ווען דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיך פאראייניקן און וועט דינען נאָר צום גאָט יאהווע, דעמאַלט וועט זיך יאהווע דערבארעמען און ראטעווען דעם פאָלק פון פרעמדן שווערד.

אין דער אייגענער צייט, ווען דאָס לאַנד עפּראים איז כאָרעוו געוואָרן, האָט געלעבט אין ירושאָלאַים אַ דריטער גרויסער נאָווי יעשאַיע. יעשאַיע האָט געהאלטן, אַז דער כורבן פוןביידע קיניגרייכן, סאַי פון עפראַים און סאַי פון יעהודע, מוז און וועט קומען צוליב דעם סאָציאַלן אומרעכט און זינד, וואָס געוועלטיקט דאָרטן. ער, יעשאַיע, האָט אָבער געהאָפט, אַז נאָך אַ פעריאָד פון שווערע קאַטאַסטראָפעס, ווען דאָס שלעכטס וועט אינגאַנצן אויסגעוואָרצלט און באַשטראָפט ווערן, וועט יאהווע ווידער אופשטעלן אַ נייע קיניגרייך אין ציון אונטער דער אָנפירונג פון אַ „צווייג" פון דאָוויד, קיניג אין ירושאָלאַים. און דאָס וועט שוין זיין אַ הערשאַפט, אין וועלכער עס וועט ניט זיין ניט קיין שעקער און פאַלשקייט, ניט קיין פאַרברעכן, ניט קיין קאַבצאָנעס און אָרעמקייט; דאָרט וועלן מענטשן לעבן ווי ברידער, ווילדע כאַיעס וועלן ווערן הויזיקע, און שווערדן וועלן אין אַקערס איבערגעשמידט ווערן.

אַף אַזאַ אופן זיינען די נעוויאים געווען ניט מער, ווי טרייסט־און שטראָפּזאָגער, נאָר ניט קיין רעוואָלוציאָנערן: זיי האָבן דאָך ניט גערופן דעם פאָלק אופצושטיין קעגן זיינע אונטערדריקער, און האָבן ניט מער ווי געוואַרט אַף גאָטס ניסים. מיט זייערע רעדעס האָבן זיי זיך ניט געווענדעט צום פאָלק, נאָר צו די קיניגן, צו די האַרן און קויהאַנים. יענע האָבן צוגעהערט, טיילמאָל פלעגן זיי זיי גאָר אַרויסטרייבן. אַזוי האָט פּאַסירט מיט אָמויסן, ווען מ'האָט אים אַרויסגעטריבן פון קיניגס פּאַלאַץ. טיילמאָל האָבן די הערשער גאָרנישט געטאָן די נעוויאים און פאָרגעזעצט זייער פארברעכערישע אַרבעט. די וואָרענונגען פון די נעוויאים, אַז דינען דאַרף מען ניט צו קיין אַנדערן, נאָר צו יאהוועז, האָבן גוט געשמעקט די קויהאַנים און קיניגן פון יעהודע. עמעס, די נעוויאים האָבן געפּאָדערט צו צעשטערן אַלע קולטן, אויסער דעם קולט פון יאהווע, זיי האָבן אַפילע אויך געוואָרנט, אַז דינען יאַהוועזן דאַרף מען ניט מיט קאָרבאָנעס, נאָר מיט גערעכטיקייט און דערבאַרעמונג. פאַר דעם דאָזיקן אונטערשייד האָבן זיך אָבער די קויהאַנים פון ירושאָלאַים ווייניק וואָס געשראָקן.

ווען די קיניגרייך עפראַים איז כאָרעוו געוואָרן, און ס'איז איבערגע-

בליבן נאָר איין קיניגרייך יעהודע, זיינען די ירושאַלאַימער קויהאַנים געוואָרן נעענטער צו דער פאַרווירקלעכונג פון זייער ציל. די קיניגרייך יעהודע האָט פאַרנומען אַ קליינע טעריטאָריע, אומגעפער, ווי אונזערע אַ מיטעלע גובער־ניע, דעריבער האָט זיך טאַקע באַדייטנדיק פאַרגרינגערט די צענטראַליזירונג פון קולט. און די געפּערלעכע לאַגע, אין וועלכער יעהודע האָט זיך געפונען, איז צו הילף געקומען די קויהאַנים צו באַשאַפן די אַנטשפּרעכנדיקע שטימונג. זיי, די קויהאַנים, האָבן אויך אָנגעהויבן שטראָפן, ריידן, צוזאָגן און געוואָרנט, אַז אלע צאָרעס, וואָס עפראַים און יעהודע האָבן, איז דערפאַר, וואָס זיי בוקן זיך צו אַנדערע געטער און ניט צו דעם גאָט יאַהווע. מ׳דאַרף זיך בוקן נאָר צום גאָט יאַהווע, האָבן זיי געזאָגט, און נאָר אין דעם מיקדעש פון ירושאַ־לאַים, אַנדערש וועט זיך גאָט אָפּקערן פון יעהודע, אַזוי ווי ער האָט זיך שוין אפּגעקערט פון עפּראַים, און וועט אויך כאַרעוו מאַכן די קיניגרייך יעהודע.

אין דעם דאָזיקן גייסט איז אויפגעשטעלט געוואָרן דאָס בוך פון די געזעצן, וועלכן די קויהאַנים האָבן אין יאָר 621 „צופעליק“ געפונען אין בייס־האַמיקדעש. דעמאָלט האָט זיך שוין דער קיניג יאשיאהו מאַקדים געווען אויסצופילן די געזעצן. פון דעם איז אָבער גרינגער ניט געוואָרן. דער לעצ־טער גרויסער נאָווי האָט אָבער זיך אויסגעלאַכט פון די „קאַלטע רפוּעס“ און האָט געוואָרנט: „דאָס לאַנד יעהודע וועט און מוז כאָרעוו ווערן, דאָס לאַנד פון פרעכקייט און אומרעכט“.

אין יאָר 587 האָט באָוועל, דער יורעש פון אַשור, כאָרעוו געמאַכט יעהודע. ירושאָלאַים איז צושטערט, דער בייס־האמיקדעש פאַרברענט, די קוי־האַנים, אַריסטאָקראַטן און די רייכע סאָכרים זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד אין באָוועל אַריין. ס׳איז אָנגעקומען די עפּאָכע פון גאָלעס.

געמיינדע פון באַיס־שייני. די בניי־יעהודע האָבן זיך אָבער ניט אַסימילירט מיט זייער אונטערדרי־קער־פאָלק, ווי ס׳האָט פּאַסירט מיט די בניי־עפראַים.

ירושאָלאַימער סאָכרים האָבן נאָך אין דער עפּאָכע פון די קיניגן באַוויזן צו פאַרבינדן זיך מיט באַדייטנדיקע האַנדל־און אינדוסטריע־צענ־טרען, צווישן זיי אויך מיט באָוועל, וואו זיי האָבן געהאַט זייערע אַגענטן און קאָנטאָרן. האָבן טאַקע די סאָכרים גאַנץ גרינג איבערגעלעבט די קאַטאַ־סטראָפע. די אַראַמישע רעגירונג האָט זיי ניט געשטערט צו פאָרזעצן דעם האַנדל. האַבנדיק קרעדיט און פאַרבינדונגען, זיינען די יעאודייאישע סאָכרים באַלד צו זיך געקומען און גוטע געשעפטן געמאַכט אַף זייער נייעם אָרט. און ווי באַלד, אַז דאָס סאָכרימשאַפט איז גאַנץ געבליבן, האָבן זיך שוין פאַר זיין עק אָנגעבונדן די קויהאַנים און אַריסטאָקראַטן און זיך אויך פאַריהיט. די לעצטע האָבן נאָר געטרוימט וועגן צוריקקערן זיך פון גאָלעס, אופבויען דעם בייס־האַמיקדעש אין ירושאָלאַים, עקספּלואַטירן דעם האַמוין־אם און לעבן אַף די מיטלען פון דער אַוואוידע.

האָפּן אַף דעם האָט מען געקענט. צוקוקנדיק זיך צו דער אַראַמישער מלוכע, האָט מען באַלד געקענט זען, אַז זי איז ניט פעסט, אַז זי האָט צו גיך אופגעבליט און אַז מיט דעם ערשטן קלאַפּ קאָן זי איינפאַלן. די האָפע־נונג איז מעקויעם געוואָרן. אין 50 יאר אַרום ווערט די אַראַמישע מלוכע באַצוואונגען פון פּאַראַס, און קוירעש, דער קיניג פון פּאַראַס, ערלויבט טאַקע די בּני־יעהורע צוריקקערן זיך איז זייער פּאַטערלאַנד.

מיט דער ערלויבעניש האָבן זיך, דערהויפּט, באַנוצט די קויהאַנים און די פריערדיקע גוטבאַזיצער. קומענדיק אין זייער פּאַטערלאַנד, האָבן זיי אופגעבויט יערושאלים און אופגעפירט אַ קליינעם און באַשיידענעם בייס־האמיקדעש. די פּאָליטישע מאַכט איבער דער נייער געמיינדע האָט געהערט אַ פּאַר־טרעטער פון פּאַראַס און די רעליגיעזע דעם קויהיין־גאדל פון בייס־האמיקדעש אין יערושאלים. איינאָרדנען זייער מאַכט איז די קויהאַנים אָנגעקומען גאַנץ שווער. פּאַר פופציק יאָר פרעמדער הערשאַפט איז די באַפעלקערונג פון יעהו־דע, וואָס איז פאַרבליבן נאָכן כוידבן—און געבליבן איז דאָרטן דער „אמהאַ־רעץ” (דאָס פאָלק פון דער ערד), דער פויער—אָפּגעוואוינט געוואָרן פון דעם קולט און האָט פּאַשעט ניט געוואָלט ליידן די שטייערן, וואָס די קויהאַנים האָבן אַף איר אַרופגעלייגט. פון דער צווייטער זייט, האָבן זיך די וועלטלעכע צוריקגעקומענע גאַנץ ווייניק אינטערעסירט מיט די פראַגן פון עמונע און מיט די אופטועכצן פון די קויהאַנים. זייער גאַנצע דאַיגע און טירכע איז גע־ווען צו באַקומען זייערע גיטער. דעריבער טאַקע האָבן זיי זיך געסטאַרעט נאָכצוגעבן דער פּערסישער מאַכט, מיסכאַטן געווען זיך מיט איר און געדולדיק באַציגן זיך צום קולט פון די פרעמדע געטער. ווען די קויהאַנים האָבן נאָכגעשפּירט די פּערזאָנען, וואָס האָבן געמאַכט געמישטע כאַסענעס און זיינען פריינדלעך געווען מיט פרעמדע, האָבן די וועלטלעכע פּאַרמאַ־סערט אַף די קויהאַנים דער פּערסישער מאַכט.

ס'זיינען פאָרגעקומען רייסערייען און אומרוען.

עזרע האסויפער.

צוליב די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן האָט דער יונגער געמיינדע ווידער געדראָט אַ צושטערונג. דעמאָלט האָבן די קויהאַנים פאַרשטאַנען, אַז די הויפּט־סיבע פון די רייסערייען און פון ניט אונטערוואַרפן זיך זייערע געבאָטן באַ־שטייט אין דעם, וואָס זייער מאַכט האַלט זיך ניט אַפן געזעץ, נאָר אַף אַן אַלטער טראַדיציע, אין וועלכער קיינער נויטיקט זיך ניט. האָבן זיי זיך מישטאַדל געווען אין באָוועל און אין שושאָן, די הויפּט־שטאָט פון פּערסישן קיניג, וועגן דעם, אַז זייער מאַכט זאָל אָוועקגעשטעלט ווערן אַף אַ געזעלשאַפטלעכן יעסאָד, וואָס זאָל זיין קלאָר פּאַר יעדער איינציקן. אין באָוועל איז נאָך דעמאָלט פאַרבליבן אַ טייל יידן. צווישן זיי איז געווען איינער אַ געלערנטער עזרע האַסויפער און ער האָט עס אין איינעם מיט זיינע קאָלעגן אופ־געקליבן און רעדאַקטירט אַלע פריערדיקע געבאָטן, וואָס זיינען פאַרבליבן

באָכן כורבן יערושאַלים, און אַף אַזאַ אויפֿן צונויפֿגעשטעלט דעם „סײפֶער טוירעס־מוישע“. נאָך דעם האָט ער אויסגעבעטן באַם קיניג אַ צושריפט, אין וועלכן אים, עזרען, ווערט פאַרגעלייגט צו גייִן אין יערושאָלאַים און אײַנפירן אין לעבן דעם „סײַפער טוירעס־מוישע“. דעם דאָזיקן צושריפט זיינען די בנײ־יעהודע פאַרפֿליכטעט געוואָרן אויסצופילן אונטער דער דראָאונג פֿון קיניגלעכן צאָרן און געריכט.

אין שטיצע האָט עזרע אויך באַקומען אַ מאַכנע כאיל. און אין יאָר 440 אָדער 444 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג איז עזרע געקומען אין יערושאָלאַים און האָט פייערלעך, מיט גרויס פאַראַד איינגעפירט דעם נייעם געזעץ. די זקיינים האָבן געשוואָרן פאַרן פאָלק, אַז דער געזעץ וועט שטריינג „אָפּגעהיט ווערן“. אָט דער דאָזיקער „געזעץ“ איז דאָס די טוירע וועלכע מיר לייענען אין דער הײַנטיקער ביבל. דערהויפּט האָט עזרע אָפּגעגעבן גרויס אכט יענע שטעלן פון דער טוירע, וואו ס'ווערט פאַרזאָגט ניט צונויפֿמישן זיך מיט פרעמדע פעלקער. אַלע געמישטע כאַסענעס זיינען ערקלערט געוואָרן פֿאַר ניט געזעצלעך, און דער פּראָטעסט קעגן אַזוינע פאַראָרדנונגען איז דערשטיקט געוואָרן מיט דער הילף פֿון די פּאַרסים. ווײַטער איז די הויפּט־אַכטונג אָפּגעגעבן געוואָרן די רעליגיעזע געבאָטן: היטן יאָמטויוום, ברײנגען קאָרבאָנעס א. א. וו.

אַזוי האט זיך, מיט דער הילף פֿון פּרעמדע, אויסגעבילדעט די רעליגיעזע געמיינדע פֿון צווייטן באַיִס. אונטער איר רעליגיעזער העגעמאַניע האָבן זיך ביסלעכווייז אויך אונטערגעוואָרפֿן די יידן פֿון גאָלעס, דאָס הייסט די יידישע קאָלאָניעס פֿון באָוועל, מיצראַים און אַנדערע ערטער פֿון דער אוראַלטערער וועלט.

די געמיינדע פֿון צווייטן באַיִס האט עקזיסטירט 300 יאר. אין משך פֿון די יארן האט זי אַלץ געביטן אירע פּרעמדאָנגעקומענע הערשער: נאָך פּאָראַס איז זי געווען אונטערטעניק צו די גריכישע מיזרעך־מעלאַכים, נאך דעם צו די רוימער.

נאר אַף אַ קורצער צייט האט זיך דער געמיינדע איינגעגעבן צו באַפרייען זיך פֿון פּרעמדן יאָך. דאָס איז געווען פֿון דעם יאר 164 ביז 63, נאך דעם באוואוסטן אופֿשטאַנד פֿון די ברידער מאַקאַבייער. די מאַקאַבייער האבן אָנגענומען דעם טיטול קיניג, אָבער זייער מעלוכע איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען ניט מער ווי צייטווייליק. דאָס צופאַלן פֿון דער דאָזיקער מעלוכע האט צוריקגעקערט די געמיינדע אַף דער פריערדיקער לאַגע פֿון אַ רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע. די קויהאַנים און סאָפרים זיינען געווען דערפֿון גאנץ צופרידן.

דער סאָף פֿון דער געמיינדע איז אָנגעקומען נאָך דעם צווייטן אופֿשטאַנד קעגן די רוימער. דער ערשטער אופֿשטאנד איז פאָרגעקומען פֿון 60

ביז 70 יאר נאָך קריסטוס און האָט געבראכט צום כורבן בייס-האַמיקדעש
און צום איבערדייס פון דער אוואוידע. נאך דעם צווייטן אויפשטאנד האבן די
רוימער פאַרטריבן די יידישע געמיינדע און האבן אפילע פאַראַקערט יענעם
אָרט, וואו ס'איז געלעגן די שטאָט יערושאָלאים. יערושאָלאים האָט זיך ווי-
דער אופגעבויט, אבער ווי אַ פרעמדע שטאָט, און די יידן האָבן געשאַפן וויי-
טער זייער געשיכטע, וואָס האָט קיין שאיכעס ניט מיט זייער געוועזענער
לאנד, פארשטייט זיך, אויסער דער רעליגיע.

II.

יאמטויווים פון דער וואנדער־עפאכע.

די לעגענדע וועגן אופקום פון פייסאך.

אין דער טוירע און אין די היסטארישע ביכער פון דער ביבל ווערט דערמאנט א גאנצע ריי יאמטויווים. צווישן זיי זיינען פאראן אזוינע, וואס האבן קיין שום שאיכעס ניט מיטן לאנדווירטשאפטלעכן לעבנשטייגער פון דער מעלאכים־טקופע. אזוינע יאמטויווים האבן זיך פארהיט פון דער פריערדיקער וואנדער־עפאכע, ווען די בניי־יישראעל האבן געוואנדערט אין דער מידבער.

פון אזוינע יאמטויווים וועלן מיר אנהויבן. מיר וועלן זיי אויסטיילן פון די איבעריקע, דערקלערן זייער אויפקום און באשרייבן, ווי זיי פלעגן געפראוועט ווערן אין דער וואנדער־עפאכע. שפעטער וועלן מיר זיך צו זיי צוריקקערן און אנווייזן, ווי אזוי זיי האבן זיך פארענדערט צוליב דער פארענדערונג פון דעם ווירטשאפטלעכן און געזעלשאפטלעכן לעבנגאנג.

דער ערשטער פון אזוינע איז דער יאמטעוו פייסאך (אדער ווי ער ווערט אנגערופן אין דער ביבל פעסאך). אדהאיים איז ער איינער פון די גרעסטע יידישע יאמטויווים. ווען ס'ווערט דערציילט אין סייפער „מעלאכים“ וועגן דער רעליגיעזער רעפארם, וואס דער קיניג יאשיאהו האט דורכגעפירט, דערוויסן מיר זיך, אז פייסאך האט זיך אפיציעל ניט געפראוועט „אין די טעג פון די שויפטים און אין אלע טעג פון די קיניגן אין יישראעל און יעהודע“, און נאר יאשיאהו האט אפן אכצעטן יאר פון זיין קיניגן באפוילן, אז ער זאל געפראוועט און אפגעהיט ווערן פון דעם גאנצן פאלק, אזוי ווי עס ווערט געשריבן אין דעם געפונענעם בוך פון די געזעצן. און, ווירקלעך, נאר אין די געזעצן פון סייפער „דווארים“ (טז.) לייענען מיר א גענויעם פארזאג צו פראווען פייסאך אינאיינעם מיט דעם יאמטעוו פון די מאצעס. די אורא‌לטע געזעצגעבונג, דער „סייפער־האבריס“, דערמאנט גאר וועגן פייסאך ניט („שמויס“ כג, טז). צווישן די פארזאגן פון סייפער „שמויס“, אנהויבנדיק פון קאפיטל לד, פאסיק כה, ווערט פייסאך דערמאנט, דערעך אגעוו, באַ-

זונדער פון די דריי גרויסע ערדאַרבעט־יאָמטויוום*). אַפּילע אין „טוירעס-קויהאַנים" איז כאַג־האַפּעסאַך און כאַג־האַמאַצעס צוויי באַזונדע־רע יאָמטויווים: אין פערצעטן טאָג פון ערשטן כוידעש איז פּייסאַך צו יאַהוועז, און אין דעם פופצעטן טאָג איז דער יאָמטעוו מאַצעס („וואַיקרא", כג. ה—ו).

אין די היסטאָרישע ביכער פון פאַרן גאָלעס־באָוועל איז אויסער דעם אָנגעוויזענעם צופאַל, וואָס האָט פּאַסירט אין דער צייט פון קעניג יאשיאַהו, אפילע קיין רעמעז ניטאָ וועגן דעם יאָמטעוו פּייסאַך. אַף אַזאַ אויפן איז קלאָר, אַז פּייסאַך איז אַן אוראַלטער יאָמטעוו. נאָר פון יענער צייט אָן, ווען די בניי-ייִסראָעל האָבן זיך באַזעצט אין קנאַאַן און זיך באַשעפטיקט מיט ערדאַרבעט, איז פּייסאַך אַוועק אפן צווייטן פּלאַן, אין פאַר־גלייך מיט אַן אַנדער ערדאַרבעט־יאָמטעוו. אין דער טקופע פון די מעלאָכים, ווען מען האָט אים געוואָלט צוגעבן אַן אַלפאַלקישע באַדייטונג, האָט ער זיך טאַקע געניטיקט אין אַ באַזונדער געזעץ און אַ באַזונדער קי־ניגלעכן באַפעל.

וואָס האָט אָבער אין דערעמעסן מיט זיך פאָרגעשטעלט פּייסאַך אין דער וואַנדער-עפּאָכע? איז ער טאַקע איינגעפירט געווען ווי אַ זייכער פון יעציעס־מיצראַים, ווי ס'ווערט וועגן אים דערציילט אין „שמויס" אָדער ניין? און אויב ניט, טא אין וואָס זשע באַשטייט דער סייכל פון דעם דאָזיקן יאָמטעוו?

מיר ווייסן שוין, אַז דער עצעם פאַקט וועגן דעם, אַז די יידן זיינען געזעסן אין מיצראַים און אַז מוישע האָט זיי פון דאָרטן אַרויסגעפירט, קען ניט גערעכנט ווערן פאַר דערוויזן. נאָר, לאָמיר זאָגן, אַז דער פאַקט איז אַ ריכטיקער, און באַטראַכטן אים לויט די מקוירים, וועט אויסקומען, אַז צווישן פּייסאַך מיט יעציעס-מיצראַים איז קיין שום שאַיכעס ניט געווען, און אַז די הי־סטאָרישע דערקלערונג וועגן אים האָבן צוגעטראַכט ניט קיין אַנדערע, ווי די קויהאַנים פון יערושאָלאַים. מיר וועלן אָנהויבן פון דעם, וואָס וועגן יעציעס־מיצראַים האָבן מיר ניט מער ווי איין דערציילונג אין סייפער „שמויס", וואָס איז פול און פיל מיט ניסים און משונעדיקע איינצלהייטן. אין סייפער „שמויס", קאַפּיטל יא לייענען מיר, אַז גאָט האָט געזאָגט צו מוישען: „נאָך אַ מאַקע וועל איך אָנשיקן אַף פאַרען און אַף מיצראַים, נאָך דעם וועט ער אייך אַרויסשיקן פון דאַנען, ער וועט אייך טרייבן און פאַרטרייבן פון דאַנען". און מוישע זאָגט וועגן דעם אָן צו פאַרען דעם קיניג פון מיצראַים. די מאַקע באַ־שטייט אָט אין וואָס: אין האַלבער נאַכט וועט זיך יאַהווע אַדורכשפּאַצירן

---

*) דריי פרייד-יאָמטויווים אין יאָר זאָלסטו פאַר מיר פייערן: 1) א יאָמטעוו מאַצעס זאָלסטו היטן, זיבן טעג זאָלסטו מאַצעס עסן, אזוי ווי איך האָב דיר פאַרזאָגט. אין כוידעש אָוויוו (ניסן) זאָלסטו אים פייערן, ווייל (אין דעם כוידעש) ביסטו ארויס פון מיצראַיים; קומט ניט צו מיר מיט ליידיקע הענט. 2) א יאָמטעוו פון שניט—א יאָמטעוו, ווען דו שניידסט די טוואוע פון דיין פעלד און 3) א יאָמטעוו, ווען דו זאַמלסט די טוואוע פון פעלד, דעמאָלט, ווען דער יאָר פאַרגייט.

איבער מיצראַים און וועט טויטן אַלע בכוירים פון לאַנד, אָנגעהויבן פון פּאַרעס בכאָר, ביז די בכוירים פון קנעכט און פי, „אָבער קעגן די קינדער פון ייִסראָעל וועט אפילע קיין הונט זיין צונג ניט שאַרפן”. און יאהווע גיט צו — „זאָלן די מיצרים וויסן, אַז יאהווע מאַכט אַן אונטערשייד צווישן ייִסראָעל און מיצראים”. דעמאָלט אייצעט יאהווע — זאָל נאָר אײַנער פון אײַך אָדער זיין פרוי אַ בעט טאָן באַ זייער שאָכן גילדערנע אַדער זילבערנע כפייצים, וועט מען אים באַלד געבן, אַבי וואָס גיכער פּאָטער ווערן פון אים. ווייטער, אין קאַפּיטל יב, אָנגעהויבן פון פּאָסיק כט, ווערט דערציילט, אַז ס'איז טאַקע אַזוי פּאָרגעקומען: „אין האַלבע נאַכט האט יאהווע געשלאָגן אַלע בכוירים פון לאַנד מיצראים, פון פּאַרעס בכאָר, וואָס זיצט אַף דער קיניגליכער שטול, ביז דעם בכאָר, וואָס זיצט אין געפיינקעניש, און דעם בכאָר פון שאָף און רינדער. איז אויפגעשטאַנען פּאַרע באַ דער נאַכט, ער און אַלע זיינע קנעכט אין גאַנץ מיצראים, איז געוואָרן אַ גרויסע קלאָג אין לאַנד, ווארום ס'איז ניט געווען קיין שטוב, וואו עס זאָל קיין מעס ניט זיין. האָט פּאַרע גערופן צו מוישען און צו אַרעגען און האָט אזוי געזאָגט: שטייט אויף און גייט אַוועק פון פּאָלק, איר און די בניי-ייִסראעל, גייט און דינט אייך יאהווען (אייער גאט) אַזוי, ווי איר אליין האָט געזאָגט. אייער שאָף און רינדער נעמט מיט און גייט און בעט פאַר מיר אויך. האָבן די מיצרים געצוואונגען דאָס פאלק וואס גיכער פון לאנד ארויסצוגיין, ווייל זיי האָבן געזאגט: „מיר וועלן אלע צושטאַרבן”. האבן די בניי-ייִסראעל געטאָן, ווי מוישע האָט געזאגט, און באַ די מיצרים גענומען זילבערנע און גילדערנע כפייצים און קליידער. איז אויסגעקומען צו באַקן אין וועג ניט קיין געזויערטע קיכלעך (מאַצעס).

די דערציילונג פּאָדערט ניט קיינע דערקלערונגען — קיין שום היסטאַרישעס איז אין איר ניט פאַראַן, דאָס איז ניט מער ווי אַ האַמעטנע אויסגעטראַכטע געשיכטע, וואָס איז פול און פיל מיט באַרימעריי. דאָס איז אָבער ווייניק: פון די יעדיעס פון דער דאָזיקער דערציילונג איז אַפילע ניט ניקער, אַז פּאַר יעציעס-מיצראים זאל געפּראַוועט ווערן דער יאמטעוו פייסאך. אין דער זעלביקער דערציילונג זיינען אויך אריינגעשטעלט צוויי געבאָטן וועגן אָפּהיטן פייסאך („שמוים”, יב. א—כז), זיי געפינען זיך אָבער מיט איר ניט. אין די געבאָטן ווערט געזאָגט, אז אין יעדער שטוב דארף מען שעכטן אַ שעפּעלע און באַשמירן מיט זיין בלוט די אושאַקעס פון די ייִדישע הייזער, פון דעם וועט יאהווע האָבן א סימען, אַז דאָ וואוינט אַ ייִד, און וועט דעם הויז פאַרבייגיין. אָבער די פריער געבראַכטע דערציילונג זאָגט, אַז דאָס איז גאָר ניט נויטיק געווען — אפילע אַ הונט האָט אַף א ייִדן זיין צונג ניט געשאַרפּט — יאהווע האָט דאָך אליין געגעבן וויסן, אַז ער מאַכט אַן אונטערשייד צווישן א ייִד און א מיצרי. און אויב לויטן פאַרזאָג האָבן די ייִדן געדאַרפט זיין גרייט אין וועג: די לענדן פאַרגאַרטלט, די סאַנדאלן

אף די סִיס און אַפילע דעם שטעקן אין האַנט, קומט אבער לויט דער דערציילונג אויס פאַרקערט: אומגעריכט, זיי ווייסן גאָר ניט, אין וועלכער נאַכט וועט פאָרקומען די „מאקעס־בכוירים", ניט זיי און ניט די מיצרים ריכטן זיך אף דעם, כאָטש מ'האָט זיי, די מיצרים, וועגן דעם מאַסרע געוועז, ניט אָנזאָגנדיק וועגן אַ באַשטימטן טערמין. די יידן האָבן גאנץ געלאסן איינגעמאַכט דעם ברויט, קעדיי ער זאל ביז אַף מאָרגן איינזייערן צום באקן, און דאָ וועקט מען זיי גאָר אין מיטן דער נאַכט און מ'טרייבט זיי פון מיצראים. אין דעם פאַרזאָג איז פונקט פאר קערט: די גאַנצע נאַכט טאר מען ניט שלאָפן, ס'דאַרף פאָרקומען א וואך־נאכט, ביז באגינען טאָר קיינער אַפן גאס ניט אַרויס, דער גאַנצער כאָמעץ דאַרף פארדארבן ווערן.

אָט די סטירעס זייגען גענוג, קעדיי צו איבערצייגן זיך, אַז דער געבאָט וועגן פראוועז פייסאך איז געמאלאָכט, צונויפגעקלעפט מיט דער מאיסע פון יעציעס־מיצראים. די דאָזיקע געבאָטן זיינען, אַפאָנים, אופגעשטעלט געווארן אין דער טקופע פון די קיניגן. דאס איז קענטיק פון די פסוקים יז. און יט. דאָרטן ווערט געזאָגט, אַז „מ'דאַרף אָפהיטן מאַצעס, ווארום אין דעם דאָזיקן טאָג האָט יאהווע אַרויסגעפירט די יידן פון מיצראים, און פאר כאָמעץ עסן קומט פאַרשניטן צו ווערן. זאָל דער, וואָס עסט כאָמעץ, זיין א גער, אן אָנגעקומענער, צי אַ בירגער אין לאַנד". אַזוי האָט מען נאָר געקענט שרייבן אין דעם איינגעסענער טקופע. פאַר יעציעס־מיצראים האָט מען וועגן אזעלכע דיבורים און געבאָטן אפילע קיין פאָרשטעלונג ניט געקענט האָבן.

באדייטונג פון וואָרט פייסאך.

די לעצטע האשארע, וועלכע איז געווענדעט קעגן דער שאיכעס פון פייסאך מיט יעציעס־מיצראים, איז דער טייטש פון וואָרט פייסאך. דאָס וואָרט פעסאַך (פסח) פון פארזאָג איז אן אויסבילדונג פון צייטוואָרט „פאָסאַך", וואָס איז דער טייטש פאַרבייגיין. נאָר דער דאָזיקער אויסטייטש און דאס גלייכן אַלע איבעריקע אויסטייטשן פון אייגן־נעמען און טערמינעס, וואָס טרעפן זיך אין דער ביבל, האַלטן ניט אויס די וויסנשאפטלעכע קריטיק. אויסער „שמויס" יב, טרעפן מיר אין דער ביבל דעם צייטוואָרט „פאָסאַך" נאָך דריי מאָל. ער האָט אָבער ניט דעם זעלביקן טייטש. צוויי מאָל ווערט ער פאַרטייטשט „הינקען", ווערן הינקעדיק" און איין מאָל אין זין פון „צוהאָפקען"—דאָס ווערט גערעט וועגן אַ ספעציעלן ריקוד פון די קויהאנים פאַרן באַאַל, וואָס פלעגן גלייך, ווי הינקעדיקע אונטערשפרינגען און אונטערטאַנצן. דעריבער האַלטן די געלערנטע דעם אויסטייטש פון דעם וואָרט „פעסאַך" אינם זין פון פאַרבייגיין פאר ניט ריכטיק און זוכן אַ פינקטלעכן טייטש. אייניקע פון זיי האָבן געמיינט, אַז „פעסאך" הייסט א הייליקער ריקוד, וועלכער קומט פאָר דעמאָלט, ווען דער הייליקער יאמטעוו גייט אַוועק. דאָס גלויב זיך אָבער ניט, ווייל אזאַ זאַך איז צווישן די ריטואלן פון פייסאך, ווייזט אויס, קיין מאָל ניט געווען. ווי מיר וועלן באלד זען,

איז דאָ מער צוגעפּאַסט אַן אַן אַנדער אויסטייטש: אין דער אַשוריש-אראמישער שפּראַך, וואָס איז אין באַנעטער קרויוועשאַפט מיט דער העברייאישער, געפינען מיר א וואָרט „פּאשאכי"—דערבאַרימען זיך. דאָס וואָרט ווערט באַנוצט באַ א דערצארנטן גאָט, וואָס קומט אין גענאד אַריין. דער יאָמטעוו פּייסאַך האָט טאַקע לעכאַטכילע געהאַט אַזאַ באַדייטונג. דער יאָמטעוו האָט געהאַט פאַר זיך אַן אויפגאַבע צו ברייגנען אין גענאָד דעם גייסט אָדער גאָט, וועלכער דאָרשט נאָך בלוט.

די ריטואלן פון פייסאך.

עמעס, די געבאָטן וועגן דעם, ווי אזוי ס'זאָל אָפּגעהיט ווערן פּייסאך, זיינען טאַקע פאַרשריבן געוואָרן אין דער עפּאָכע פון די קיניגן; זיי שטיצן זיך אָבער אף אַן אוראלטער טראַדיציע, וואָס האָט זיך אין דאָרעם פון יעהודע איבערגעגעבן פון דאָר צו דאָר. אין סייפער „שמויס", קאפּיטל יב, זיינען אזעלכע געבאָטן פאַראַן צוויי: דער ערשטער (פּאסיק א—כ), וואו יאהווע גיט געניי צו וויסן וועגן דעם, ווי אַזוי מ'דאַרף עסן דעם קאָרבן-פּעסאַך, וועגן זיבן טעג מאַצע עסן און וועגן פאַרוועך צו עסן כאָמעץ. דעם צווייטן געבאָט גיט מוישע די זקיינים פון יסראָעל (פּאסיק כא—כד). דאָרטן איז וועגן עסן דעם קאָרבן פּעסאך און וועגן מאַצעס ניט דערמאָנט אפילע. ס'איז קלאָר, אַז דער ערשטער געבאָט איז אַ שפּעטערדיקער און איז געוואָרן אויפגעשטעלט דעמאָלט, ווען די צוויי באַזונדערע יאָמטויווים פּייסאַך און מאַצעס האָבן זיך פאַראייניקט אין איין יאָמטעוו, ד. ה. אין זיבעטן יאָרהונדערט, ס'קען זיין, אַז אַפילע שפּעטער פון יאשיאהו. ס'איז קענטיק, אז דאָס האָט אָנגעשריבן אַ פאַראינטערעסירטער קויהען, וואָס טראַכט וועגן אַלע דעטאַלן: וועלכן כוידעש, וויפל טעג צו יאמטעווען און אַלע איבעריקע דעטאלן פון קולט. דער צווייטער איז קירצער, פּרימיטיווער און רעדט אַפילע ניט וועגן מאַצע; ער איז אַף אַזוי פיל פּרימיטיוו, אַז מיר געפינען פאַר נויטיק צו ברייגעגן אים אין גאַנצן ווי ער שטייט און גייט. א ן אים ווערט אזוי געזאָגט: „גייט און נעמט אייך אַ שעפּס, פאַר יעדער ש ט אַ ם אייערן און שעכט דעם פּעסאַך (ד. ה. דעם „קארבן-פּעסאך") און נעמט א בינטל ביטערע קרייטעכעך און טונקט אים איין אין בלוט (פון קאָרבן), אין דאָס בלוט, וואָס געפינט זיך אין בעקן, און באַשפּריצט מיט אים, מיט דעם בלוט פון בעקן, די אויבערשטע באלקע און די צוויי אושאַקעס פון טיר. ביזן פרימאָרגן טאָר קיינער פון טיר פון זיין שטוב ניט אַרויס. און ווען יאהווע וועט גיין מיצראים פּלאגן און דאס בלוט אַף דעם אויבערשטן באלקן און אושאקעס דערזען, וועט יאהווע פאַרביי טיר אדורכגיין און וועט דעם מ א ש כ י ס (דעם שלעכטן גייסט) נ י ט ל אָ ז ן א י ן ש ט ו ב צ ו א י י ך א ר י י ן א ו ן צ ו פ ל א ג ן א י י ך. היטן זאָלט איר די דאָזיקע ווערטער, ווי א געבאָט פאַר אייך, אייערע קינדער, קינדס-קינדער, אייביק".

דא צים צו צו זיך די אופמערקזאמקייט דאס, וואס לעכאטכילע איז

יאהוּוע אליין דער פלאָגער און דערנאָך ווערט ער פארביטן מיט דעם גייסט
—פאַרדאַרבער, מיטן מאשכיס, וועלכן יאהוּוע האלט אפּ ביי יענע הייזער,
וועמעס באלקן און אושאקעס עס זיינען באַשמירט מיטן בלוט פון קאָרבן-
פּעסאַך. ס'פארשטייט זיך, אז יאהוּוע איז דא מער ניט ווי אף א קינסטלעכן אויפן
צוגעקניפּט נאָר דערפאר, קעדיי צו פארבינדן עס מיט יעציעס-מיצראים. אויב
מיר זאָלן אָט דעם דאָזיקן טעקסט נעמען ווי אַ גאַנצן און ארויסוואַרפן דעם
וואָרט יאַהוּוע, וועלן מיר דאָ האבן צו טאָן מיט אַ געבאָט און מיט אַ רי-
טואל, וואָס האָט קיין שום שאיכעס ניט מיט יעציעס-מיצראים.

קוידעם-קאָל געהערט דער דאָזיקער יאמטעוו צו דער עפּאָכע פון שיי-
וועט-שטייגער. דעם קארבן ברייגגט יעדער פאָטער-הויז, פאַר אַלע זיינע
מיטגלידער. אָט מיט דעם קאָרבן-בלוט פלעגן, פארשטייט זיך, אין דער וואנ-
דער-עפּאָכע באַשפּריצט ווערן ניט די אושאקעס, נאר די סטויפּעס באַם
אַריינגאנג פון די געצעלטן. לויט דעם רעליגיעזן וועלט-קוק, איז דער דאָזי-
קער יאמטעוו נאָך עלטער, ער שטיצט זיך אף א פאלקס-איינגלויב וועגן
דעם, אז יעדער פריילינג וואכט אוף עפּעס אַ גייסט, א מאַשכיס, וואס איז
הונגעריק און דאָרשטיק נאָך בלוט און ער גייט אַרום די שטיבער און פאלט
אן אף יעדער איינציקן, וואס ער טוט אין זיין וועג באַגעגענען, ער טוט אין
הייזער און שטאלן אויך אריינדרינגען. קעדיי צו פארהיטן זיך פון זיין אָנ-
פאַל, דארף מען, ערשטנס, טאָן דאָס: ניט ארויס פון שטוב און, צווייטנס,
שעכטן אַ שעפּעלע פאר אַ קארבן, מיט זיין בלוט באשמירן די אושאקעס
פון די טירן, און דאָס דאָזיקע בלוט וועקט די באַרימהאַרציקייט פון דעם
מאשכיס און לאָזט אים אין שטוב ניט אריינדרינגען. דא האָבן מיר פאר
זיך זייער אַ פרימיטיווע פאַרשטעלונג וועגן מאגישער פאַרגעבנדיקער*) קראַפט
פון בלוט. לויט דער מיינונג פון פרימיטיוון מענטשן, איז דער כּיעס (דאס
לעבן) אין די בלוט. דער בעסטער קאָרבן פארן גייסט איז בלוט-דער גייסט
טרינקט דאס בלוט און האַלט מיט דעם אונטער זיין לעבן. אָט פון וואַנען
עס שטאמט די פאַרשטעלונג וועגן פאַרגעבנדיקן קויאַך פון בלוט: אויב איי-
נער זינדיקט אף אזוי פיל, אז ער קען פון גאָט מיטן טויט באשטראפט ווערן,
ברייגגט ער א קארבן פאַר זיך, דאָס הייסט, ער ברייגגט דאס בלוט פון
קארבן אנשטאט זיין אייגן בלוט, און גאָט פאַרגיט אים. אזוי האבן אויך די
בניי-יִסראעל, די אוראלטע וואנדערער, מיט די בלוט פון דעם קארבן אָפּגע-
ראטעוועט זיך, זייער הויזגעזינד און פי פון קריינקען און טויט, וואס דער
גייסט, דער מאַשכיס, וואלט אף זיי אָנגעשיקט.

אויך די אַראַבער פלעגן אין אוראַלטער פראַוועו אזא יאָמטעוו אין
כוידעש ראַגאַבע (אַ כוידעש, וואס פאַלט אויס אינאיינעם מיטן יידישן כוי-
דעש ניסן). אט אַזוי פלעגט עס פארקומען באַ די אַראַבער: די גאַנצע מאכנע

*) פאַרגעבן ניט נאָר אַף די זינד פון אָוואַר, נאָר אויך פון אָסיד.

פלעגט זיך אופקלייבן אין איין ארט, אופפירן אַ מיזבייאַך פון שטיינער און נעבן אים דערהארגענען אַ קעמל אַזוי, אַז זיין בלוט זאָל טריפן אַפן מיזבייאך, און נאכדעם ביז דאָס קעמל איז נאך ניט טויט געווען, פלעגן זיי זיך אַ ווארף טאָן צום מיזבייאַך און טרינקען דאָס בלוט, וואס טריפט פון קעמלס וואונדן. צו גלייכער צייט פלעגט דער באַלעכאים אַף שטיקער צושניטן ווערן און רויערהייט צוגריזשעט ווערן. דער אונטערשייד פון דעם נאר וואס באַשריבענעם אראַבישן קולט און פון דעם יידישן „פעסאַך"*) באשטייט אין דעם, וואָס בא די ערשטע ווערט דער קארבן געבראַכט פאר דער גאַנצער מאכנע און דער מיזבייאַך ווערט באשפריצט מיט בלוט, און דא ברייגנט דעם קאָרבן יעדער הויזגעזינד באזונדער, און מיט בלוט ווערן באַשפריצט די באַלקע און די אושאַקעס פון די טירן. דער אונטערשייד ערקלערט זיך אבער דערמיט, וואס דער געבראַכטער פארזאָג פון ספער „שמויס" געהערט צו דער איינגעזעסענער טקופע, צו יענער צייט, ווען די בניי־יסראעל האבן שוין געוואוינט אין הייזער און ווען דער קולט האָט זיך שוין, פארשטייט זיך, פאַרענדערט.

ווי מיר זעען, האט דער יאָמטעוו פייסאַך אין דער ייאנדער־עפּאָכע געהאט ניט קיין שכוביקן כאראַקטער, נאר אַ פאטערהויז־כאַראַקטער; און ניט נאָר בא די אַראַבער, נאָר אַפילע בא אַנדערע וואנדערנדיקע און האלבוואנדערנדיקע שוואָטים, קרויווישע מיט יידן און אַראַבער, שוואָטים, וועלכע האָבן געוואוינט אין די צאפן און מיזרעך־גרענעצן פון פאַלעסטינע, באַגעגענען מיר אויך אַ באַזונדער פייערלעכן פרילינג־יאָמטעוו, ווען עס ווערט געבראכט אזאַ קאָרבן, א קארבן פון פאַרגעבונג.

אַפילע מיטן איבערגאַנג צו אַן איינגעזעסענעם לעבן, איז נאָך דער פאַרגעבן־קאָרבן ניט פארשוואונדן בא די אַראַבער און אַנדערע סעמיטן. בא די באַוולים האָט זיך זייער שטרייגג אָפגעהיט דער קולט צו פאַרהיטן די איינוואוינער פון קיניגלעכן פאַלעץ פון פארשיידענע כאַלאַסן און אום־ליקן. און באַטאנען איז די פאַרהיטונג אין דעם, וואָס אין די טויערן פון פאַלעץ פלעגט געבראַכט ווערן פאַר אַ קאָרבן אַ שעפס און מיט איר בלוט פלעגט מען באַשפריצן די אויבערשטע באַלקעס און אושאַקעס פון די טויערן און טירן.

אַדהאָיעם איז דער איינציקער מיטל צו ראַטעווען זיך פון אַן עפּידעמיע בא די היינטיקע אַראַבער—ברייגגען אַ שעפס פאַר אַ קאָרבן און באַשפריצן מיט איר בלוט די טירן און אושאַקעס.

איצטער ווען מיר זיך ווענדן צום ערשטן געבאָט (פּאָסיק א—כ.) און זען, וואָס קענען מיר פון אים נעמען פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם

*) קארבן־פעסאַך.

אורפּיִסאַך. אָט דער דאָזיקער געבאָט שטאַמט פֿון אַ שפּעטערדיקער צייט. דער „פּעסאַך"—זאָגט ער—דאַרף געפּראַוועט ווערן אין שטוב, ד. ה. ער ווערט אַ פֿאַמיליע־יאָמטעוו. צו פּייסאַך ווערן צוגעפּאַסט די מאַצעס. נאָך פֿינדעסט־וועגן געפֿינען מיר אויך אין די פּסוקים אייניקע עלטערע ריטואַלן. דאָ ציען צו זיך צו די אופֿמערקזאַמקייט אַזוינע פֿאַרזאָגן: „עסט די פֿלייש זיינע בײַ דער נאַכט געבראָטענעם אויפֿן פֿייער. מיט ביטערע קרייטעכער זאָלט איר אים עסן. עסט אים ניט רויער און ניט געקאָכטערהייט. און אַזוי זאָלט איר אים עסן: די לענדן אייערע פֿאַרגאַרטלט, די שיך אייערע אויף די פֿיס און אייערע שטעקנס אין די הענט אין אייערע".

דאָ ווערט פֿאַרזאָגט צו עסן דעם קאָרבן־פּעסאַך אָנגעטאָן, ווי קלויִ־מערשט אין וועג געגרייט זיך, אין דער עמעסן איז דאָס דער מאַלבוש פֿון אַ וואַנדערער. אין דער וואַנדער־עפּאָכע זיינען די יידן שטענדיק געגאַנגען אַזוי אָנגעטאָן. דער דאָזיקער וואַנדערער־הילעך האָט זיך אויך פֿאַרהיט אין די פּייסאַך־מינהאָגים, ווי צום ביישפּיל, די פֿאַרעס פֿון מיצראַים האָבן ביז די לעצטע טעג פֿון זייער לאַנדס עקזיסטענץ אויף זייערע קליידער געטראָגן אַ לײַ־בּישן עק פֿון גילדערנע פּעדים־שיראַים פֿון די פּרימיטיוויסטע צייטן, ווען דער פּירער פֿלעגט זיך אונטערשיידן פֿון די איבעריקע מיט דעם, וואָס ער פֿלעגט טראָגן אַ לײַבּישן עק.

ווייטער ווערט פֿאַרוועדט צו עסן די פֿלייש געקאָכטער אָדער רויער הייט. נאָר אויב עפּעס אַ זאַך ווערט פֿאַרוועדט, ווײַזט אויס, אַז זי באַגעגנט זיך אין דער פּראַקטיק. ס'איז קלאָר, אַז די שכיינישע מיט די בני־ייסראָעל וואַנדער־שבֿטים האָבן געהאַט פֿאַר זיך אַן אָנשטעקנדיקן בײַשפּיל צו עסן רויע קאָרבן־פֿלײַש אין דעם אַראַבּישן יאָמטעוו פֿון כוידעש ראַגאַבּע, און ס'קאָן גריילעך זיין, אַז אין דער וואַנדער־עפּאָכע האָבן די בני־ייסראָעל געגעסן דעם קאָרבן פּעסאַך רויערהייט. נאָר עסן רויע פֿלייש, אין 7־טן יאָרהונדערט, האָט זיך שוין געדעכנט פֿאַר ווילד און באַרבאַריש. קאָכן פֿלייש איז, ווידער, געווען נאָר וואָס איינגעפֿירט און פֿלעגט באַנוצט ווערן ניט מער ווי אין פּריוואַט לעבן. דער סאַמער אוראַלטסטער מיטל צו פֿאַרטיק מאַכן פֿלײַש, איז באַקן אָדער בראָטן אויף אַ שפּינדל; קאָכן פֿלייש האָט זיך באַוויזן אַ סאַך שפּעטער. אין קולט ווערט טאָמיד דאָס קאָרבן־פֿלייש פֿאַרברענט אויפֿן פֿייער, ד. ה. געבראָטן. אין זיבעטן יאָרהונדערט זיינען ערגעץ וואו יאָ געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו קאָכן דעם קאָרבן־פּעסאַך, האָבן דאָס די קויהאַנים פֿאַר־ווערט. שפּעטער, נאָכן גאָלעס, ווערט פֿאַרוועדט נאָך אַ נייער אײַנפֿיר: מען טאָר דעם קאָרבן־פּעסאַך ניט בראָטן אויף אַ מעטאַל־שפּינדל, מ'מעג עס נאָר אויף אַ הילצערנעם, און די הילצערנע זיינען די סאַמע אוראַלטסטע. אין דער וואַנדער־עפּאָכע האָט מען געבראָטן נאָר אויף הילצערנע שפּינדלעך.

דער טאָג פון יאָמטעוו פּייסאַך.

פאַרוואָס קומט פאַר דער יאָמטעוו פּייסאַך נאָר אין פרילינג און ניט אין קיין אַנדער צייט פון יאָר? פאַרוואָס עפּעס זאָרגט מען נאָר אין פרילינג וועגן אַרויסרופן גענאָד באַ די גייסטער און ניט אין אַן אַנדער צייט פון יאָר?

אין ווירטשאַפטלעכן זין איז פאַר פּיצוכט די הויפּט-צייט פון יאָר פרילינג. אין פרילינג פרוכפּערט און מערט זיך די פי. יעדער מאַכלע און מאַגייפע אַף די פי איז אין פרילינג-צייט זייער געפערלעך סיי פאַר די זויגנדיקע און סיי פאַר די זויגערנס. דעריבער שטרעבן טאַקע די פי-פירער צו פאַרהיטן זייער שאָף פון קאָלערליי פּלאָגן און קריינקען דערהויפּט טאַקע נאָר אין פרילינג-צייט, וויל זומער, נאָך דער דאָזיקער קריטישער צייט, קענען שוין אַזעלכע געפערלעכע מאָמענטן ניט זיין.

באַ די בנײ-ייסראָעל האָט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם מאָמענט, אין דער וואַנדער-עפּאָכע, עקזיסטירט נאָך אַ מינהעג צו ברייגגען פאַר אַ קאָרבן דעם בכאָר פון די פי. דער ערשטער וולאַד האָט געקומט גאָט, ווי אַ קאָרבן פון פאַרגעבונג פאַר אלע איבעריקע וולאַדן. אָפּגעבנדיק דעם ערשטן פון זיין מוטער, ציגעלע אָדער שעפּשעלע, האָט זיך קלוימערשט דער פי-פירער אויסגעקויפט פון פאַרלירן זיינע יונגע, ערשט געבוירענע פי. אַפילע אין דער איינגעזעסענער עפּאָכע האָט זיך דער דאָזיקער מינהעג פאַרהיט און האָט זיך אויך פאַרשפּרייט אַף די בכוירים פון רינדער. פאַר אַ קאָרבן פלעגט זיך דער בכאָר ברייגגען, פאַרשטייט זיך, אין פרילינג.

איייניקע געלערנטע ווילן זאָגן, אַז דער דאָזיקער קאָרבן האָט אַ שאַיכעס צו פּייסאַך, ווייל דער געבאָט וועגן דעם קאָרבן פון די פי-בכוירים געפינט זיך אין סייפער „שמויס“, קאַפּיטל יג, גלייך מיט דער דערציילונג וועגן יעציעס-מיצראַים. ער ווערט טאַקע אויך מאָטיווירט מיט דעם: קלוימערשט אַ קאָרבן דערפאַר, וואָס באַ יעציעס-מיצראַים האָט יאַהווע פאַרגעבן אַף אַלע יידישע בכוירים.

אַזאַ דערקלערונג איז, פאַרשטייט זיך, קינסטלעך. זי איז געווען נויטיק צוליב דעם, אַז דאָס ברייגגען פון דעם בכוירים-קאָרבן זאָל אַף אַ וואָסער עס איז אויפן האָבן אַ שאַיכעס מיטן „פּעסאַך“, דעריבער האָבן זיך די קויהאַנים געמיט צו דערקלערן דיביידע קולטן אַף איין און דעם זעלביקן אויפן.

איצטער, ווען מיר וועלן רעזיומירן דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט געזאָגט וועגן פּייסאַך, וועלן מיר זען, אַז ער איז געווען אַ פרילינג-פּיצוכט-יאָמטעוו, וואָס האָט געהאַט זיין ציל צו ברייגגען אין גענאָד די גייסטער, מאַשכיסים און צו פאַרזיכערן מיט געזונט און וואוילטיק אַף אַ גאַנץ זומער דעם מענטשן און די הויז-פי, וועלכע פרוכפּערט זיך און מערט זיך אין פרילינג-צייט.

צוליב דעם ציל האָבן די מיטגלידער פון אַ שטאַם, וועלכע האָבן גע-

וואַנדערט אינאיינעם, געבראַכט אַ שעפּעלע אָדער אַ ציגעלע און מיט זיין בלוט באַשפּריצט די געצעלטן זייערע. דאָס קאָרבנפלייש פלעגט מען אופעסן. אין איניקע ערטער האָט מען אים געגעסן רויערהייט, אין אַנדערע ערטער — געבראָטענערהייט. דערביי פלעגט מען עס צופּראַוען מיט ביטערע קרייטעכער, וועלכע וואַקסן אין מידבער, — אַ געווינלעכע צופּראַוועך באַ די וואַנדערער. דערהויפּט איז וויכטיק צו געדיינקען, אַז דער דאָזיקער יאָמטעוו האָט אין דער וואַנדער־עפּאָכע געטראָגן אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. ער האָט זיך געזאָרגט פאַר דעם גוירל פון דער גאַנצער מאַכנע, גלייך ווי באַ די אַראַבער אין דעם כוידעש ראַגאַבע. נאָר, מיט דעם איבערגאַנג צום איינגעזעסענעם לעבן, ווערט פּייסאַך, ווי מיר האָבן פריער געזען, אַ יאָמטעוו אַ שטוביקער, אַ פאַמיליע־יאָמטעוו.

מיט דער צייט פון פּייסאַך קומט אויך נאָך אַ קרויווישער ריטואַל. איינעקע געלערנטע מיינען אַפילע, אַז לעכאַטכילע איז דער דאָזיקער ריטואַל צונויפגעפאַלן מיט פּייסאַך. די פּי־בכוירים פלעגט מען ברייגנען פאַר אַ קאָרבן צו די געטער, אַ קאָרבן וואָס דאַרף פאַרגעבן פאַר די צוקונפטיקע וולאַדן פון דער מוטער, ד. ה., מ'האָט מאַקריוו געווען דעם ערשטן וולאַד, קעדיי צו פאַרהיטן אלע איבעריקע.

געבאָטן צו ברייגנען אַ בכאָר פאַר אַ קאָרבן, געפינען זיך אין פאַרשיידענע טיילן פון דער טירע. איינער פון זיי געפינט זיך גלייך מיטן געבאָט וועגן פּייסאַך, אין סייפער „שמויס" קאַפּיטל י'ג. פון די דאָזיקע געבאָטן איז צו זען, אַז דער ריטואַל צו ברייגנען אַ בכאָר פאַר אַ קאָרבן, האָט זיך אַפּילע אויך פאַרשפּרייט אָפן מענטשן. „יעדער ערשטער וולאַד וואָס עפנט די טראַכט פון זיין מוטער פון מענטש און רינדער, געהערט מיר (גאָט)". אָבער דער מענטשלעכער בכאָר קאָן פאַרביטן ווערן מיט אַ קאָרבן פון באַלעכאַים.

אַפאַנים אַז אין דער וואַנדער־עפּאָכע איז אַזאַ פאַרבייט פון אַ מענטשן אף אַ באַלעכאַים ניט דערלאָזט געוואָרן, געקומען איז ער שפּעטער אף אַ העכערער מאַדרייגע פון קולטור־לייטער, אין דער איינגעזעסענער עפּאָכע.

די באַוואוסטע דערציילונג אין סייפער „בערייִשיס" וועגן דעם, אַז אַווראָהאָם האָט געוואָלט ברייגנען דעם בכאָר זיינעם, ייִצכאָק, פאַר אַ קאָרבן, שטיצט זיך, פאַרשטייט זיך, אף דעם דאָזיקן ריטואַל פון דער וואַנדער־עפּאָכע.

יאָמקיפּער. פּייסאַך איז אַ פרילינג־יאָמטעוו, וואָס פאַרזיכערט דעם זומער מיט גליק און וואוילטיק. אין האַרבסט פלעגט מען אויך פּראַווען אַ יאָמטעוו פון דעם זעלביקן מין — יאָמקיפּער — דער טאָג פון לייטערן זיך, פון פאַרגעבונג. אַדהאַיעם איז יאָמקיפּער דער גרעסטער יאָמטעוו באַ יידן. געבאָטן וועגן יאָמטעוון יאָמקיפּער, לייענען מיר אין „טוירעס־קויהאַנים" (וואַיִקראָ טז. און כג.).

אין די „נוויאִים" און אין די היסטאָרישע ביכער פון דער ביבל

געפֿינען מיר אפֿילע קיין רעמעז ניט וועגן אים. דעריבער האָבן אייניקע געלערנטע געמיינט, אז ער איז אופגעקומען נאָכן גאָלעס, קעדיי איינצופלאַנצן אין די בניי-ייסראָעל דעם געפֿיל פֿון מיסוואָדע זיין זיך אף זייערע זינד, פֿאַר וועלכע די בניי-ייסראָעל האָבן, לויט דער מיינונג פֿון די קויהאַניס, פֿאַרלאָרן זייער זעלבסטשטענדיקייט. אַצינד האָט אבער די וויסנשאַפט וועגן יאַמקיפּער גאָר אן אנדער מיינונג. דער יאַמטעוו איז זייער אלט, זאָגט די וויסנשאַפֿט. אין דער איינגעזעסענער עפּאָכע איז ער אַוועק אפֿן צווייטן פּלאַן און ווייטער, נאָכן גאָלעס האבן, אים די קויהאַנים ווידער אופגעלעבט שוין אין א נייער פֿאָרם, ווי א יאָמטעוו פֿון טשואווע און פֿאַרגעבונג. און ווירקלעך, אויב מיר וועלן זיך נעהענטער באַקאָנען מיט די געזעצן וועגן יאָמקיפּער, וועלן מיר באַלד באַמערקן און גאַנץ גרינג אויסטיילן זיינע ארכאַיישע שטריכן. קוידעם קאָל ציט צו זיך צו די אופֿמערקזאַמקייט אפילע דער נאָמען אליין פֿון דעם דאָזיקן יאָמטעוו. הייסן הייסט ער יאָמקיפּער, (יום-כפור) פֿאַרקירצט, זיין פולער נאמען איז יאָמקיפּורים (יום כפורים). אויב ס׳וואלט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן א נייעם יאָמטעוו פֿון כאַראטע און טשואווע טאָן אף די זינד, ד. ה. וועגן אַ יאָמטעוו פֿון טשואווע אין מאָראַלן זין פֿון וואָרט, אזוי ווי מע האָט אים פֿאַרשטאנען אין דער לעצטער עפּאָכע און בא היינטיקן טאָג, וואלט מען אים אזא נאָמען גאָרניט געגעבן.

דער באַגריף „כאַראָטע האָבן אף זינד" ווערט אין דער ביבל אויסגעדריקט מיטן וואָרט „היניאַכיים" (הנחם), פֿון שורעש „נאכיים" (נחם); אזוי זאגט איעוו „אין אַש און שטויב האב איך (אף מיינע זינד) כאַראָטע „ניכאַמטי" (נחמתי). וואָלט דאָך א סאַך נאַטירלעכער געווען אָנצורופן דעם דאָזיקן יאָמטעוו „יאָם-ניכאמים" (יום ניחמים), אבער דער עקזיסטירנדיקער נאָמען איז דאָך ניט אזא, ער האָט גאָר אן אנדער באַדייטונג און זאָגט איידעס אף דער טיפֿער אוראלטקייט פון דעם דאזיקן יאָמטעווס אינהאַלט. דאָס ווארט קיפּורים (כפורים) איז דער טייטש, אויסקויפן זיך, לייטערן זיך דורך מאגישע ריטואלן, ס׳שטאמט פון צייט-ווארט „קאפּייר" (כפר), פון דעם זעלביקן שורעש ווי דער אראמישער צייטוואָרט „קאַפּאַרי", און די ביידע צייט-ווערטער, סיי דער העברייאישער, סיי דער אַראַמישער האָבן איין און די זעלביקע אורבאַדייטונג, לייטערן זיך מיט דער הילף פֿון מאגישע צערעמאניעס.

בא מאגישע ריטואלן פּאַדערט זיך ניט קיין שום כאַראטע און קיין שום טשואווע פֿון דעם וואָס לייטערט זיך. דער אורמענטש רעכנט די זינד פֿאַר עפּעס א שטיק מאַטעריע, וועלכע מ׳קאָן אנטאַפּן און וועלכע מ׳קאן אראָפּנעמען פֿון מענטשן מיט דער הילף פון באַזונדערע מאגישע ריטואלן.

און אויב מיר וועלן אָנווענדן אונזער אופֿמערקזאַמקייט אף דעם געבאָט וועגן יאָמקיפּער (וואַיקראָ טז.), וועלן מיר זיך איבערצייגן אז דער דאָ-

זיקער יאָמטעוו האָט אין דער איינגעזעסענער עפּאָכע און אַפֿילע נאָכן גאָלעס געהאַט אזא, ווי דעם נאָר וואָס באַשריבענעם, מאגישן כאראקטער.

אין דעם דאָזיקן יאָמטעוו הייסט דער געבאָט צו ברייגען פֿאַר אַ קאָרבן א קאַלב, א קאָרבן פֿאַר די זינד פֿון דעם קויהען־גאָדל און זיין הויז־געזינד, און צוויי בעק (סעאירים) פֿאַר די זינד פֿון די בניי־ייסראָעל. ס׳איז גאַנץ קלאָר, אַז פֿון די זינד לייטערט מען זיך דאָ מיט קאָרבן־בלוט, אַף דעם זעלביקן אויפֿן מאגיש, ווי מ׳פֿאַרהיט אין דעם יאָמטעוו פּייסאַך מיט קאָרבן־בלוט מאגיש די גאַנצע מאַכנע און אַלץ, וואָס עס געפֿינט זיך צווישן איר.

אַ קאַלב, אַ קאָרבן פֿאַר די זינד פֿון קויהען־גאָדל, האָט מען פֿאַרשטייט זיך, אין דער וואַנדער־עפּאָכע ניט געבראַכט—דאָס איז שוין א נייס, אַן איינפֿיר פֿון דער אַיינגעזעסענער עפּאָכע, וואָרום גרויסע האָרן־פּי איז פֿאַרבונדן מיט ערדאַרבעט, און דער קויהען־גאָדל—מיט דעם בייס־האַמיקדאָש און מיט דער אויינדע אין אים. אָבער די בעק האָבן טאַקע פֿיגורירט אין דער וואַנדער־עפּאָכע, דערהויפּט דער צווייטער באָק, וואָס פֿלעגט אוועקגעשיקט ווערן אין דער מידבער. דער ערשטער באָק, וועלכער פֿלעגט געבראַכט ווערן פֿאַר א קאָרבן צו יאהווען, איז מיסטאָמע צוגעקומען אין דער איינגעזעסענער עפּאָכע.

אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט דאָס וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט, וועלן מיר זיך קאָנען פֿאָרשטעלן דעם האַרבסט־יאָמטעוו פֿון לייטערונג און פֿאַרגעבונג, ווי א פֿאַראַלעלן צום פֿרילינג־יאָמטעוו פּייסאַך. אין האַרבסט, באַם אָנקומען פֿון ניי־יאָר (די בניי־ייסראָעל האָבן גערעכנט דעם ניי־יאָר פֿון האַרבסט) פֿלעגט פֿאָרקומען דאָס פֿייערלעכע לייטערונג דעם מיקדאָש און פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער מאַכנע, פֿון די אַ גאַנץ יאָר אָנגעקליבענע טומע (אומריינקייט) און זינד. צוליב דעם פֿלעגט מען דעם הויפּטגאָט פֿון מידבער אַזאָזעל, ברייגען א באָק פֿאַר א קאָרבן. ברייגען פֿלעגט מען נאָר אַ באָק און ניט קיין אַנדער באַלעכאים, וואָרום די בניי־ייסראָעל האָבן געהאַלטן די מידבער־רוכעס פֿאַר „סעאירים” (שעירים)—בעק, פֿאַר ציגנאַרטיקע, און אזאָזעל אליין האָט זיך טאַקע גערופֿן „גאָט דער שאָפּבאָק”.*)

א באָק פֿלעגט זיך ברייגען פֿאַר אקאָרבן באַם ריטואַל פֿון לייטערן זיך (קיפּורים). באַם ביזיין פֿון דער גאנצער מאַכנע פֿלעגט דער הויפּט פֿון די זקיינים אוועקשטעלן דעם באָק אַנטקעגן געצעלט, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפֿונען די הייליקייטן. ער פֿלעגט אַרופֿלייגן די הענט אַפֿן קאָפּ פֿון באָק און זאָגן א באַזונדער מאגישן שפּרוך, אַדאַנק וועלכן אלע זינד פֿון דער מאכנעס מיטגלידער פֿלעגן איבערגעגעבן ווערן צום באָק.

*) עזאָזל (אַזאזל) איז א צונויפֿגעשטעלטער הויפּטווארט פֿון עז—א ציג און אל—א גאט. דער צווייטער „ז” איז אוועקגעשטעלט צוליבן וואוילקלאנג. און דאס איבערשטעלן דעם „א” און דעם „ז” איינעם אפֿן ארט פֿון דעם צווייטן, איז אן ארבעט פֿון די שפּעטערדיקע טעאלאגן, וואס האבן געוואלט פֿארטונקלען די עמעסע באדייטונג פֿון דעם דאזיקן ווארט.

אין זיין גאַנצקייט איז דער דאָזיקער שפּרוך צו אונז ניט דערגאַנגען, עס איז געבליבן ניט מער ווי דער סאָף פון אים, וועלכער ווערט איבערגעגעבן פון די שפּעטערדיקע יידישע געלערנטע און גייסטלעכע — די: באַלעהאַטאַלמוד. אזוי איז דער סאָף זיינער: „געם זיי (די זינד) און גיי אוועק”.

נאָכדעם פלעגט מען דעם באָק איבערגעבן א שוין פון פריער אָנגעמערקטן מיטגליד פון דער מאַכנע. יענער פלעגט אים אין מידבער פאַרפירן און האַרגענען דאָרטן. ווי אזוי מ׳פלעגט אים האַרגענען, ווייסן מיר ניט פּינקטלעך. עס קען גריילעך זיין, אז דאָס פלעגט זיך טאָן ווי די באַלעהאַטאַלמוד באַשרייבן. זיי דערציילן, אַז דער באָק פאַר אַזאָזעלן (שעיר לעזאזל סאָאיר לאַזאָזול), פלעגט זיך דערהאַרגענען אַף אַזאַ אויפן: מ׳פלעגט אים אַוועקפירן פון שטאָט ירושאָלאים צו דער וויסטענעש צוק (מידבר צוק-מידבער צוק), צוואַנציק וויאָרסט אין מיזרעך-זייט פון ירושאָלאים. אָט דער מענטש וואָס פלעגט אַוועקפירן דעם באָק, פלעגט אים אַראָפּוואַרפן מיטן קאָפּ אַראָפּ פון א באַרג אין א טהאָם אַריין אַף פעלזן, אַזוי, אַז דער באָק זאָל אַף שטיקלעך צודרוזשגעט ווערן. דערביי פלעגן די הערנער פון דעם באָק און די אויבערשטע פעלזן פון טהאָם פאַרבינדן זיך מיט א רויטע פאָדים (פארב פון בלוט), דאָס האָט געלאָזט וויסן אז דער באָק איז א קאָרבן, און די פעלזן — אַ מיזבייעך. דער דאָזיקער ריטואַל פון ברייגנען א באָק פאַר א קאָרבן אזאָזעלן, האָט אלע סימאָנים פון טיפן אוראַלטער.

לויט דער פאָרשטעלונג פון די בעדואינער, נעסטן זיך די בייזע רוכעס אין ווילדע פעלזנדיקע און אומצוטרעטלעכע טהאָמען, און אַראָפּוואַרפן א באָק אין א פעלזן-טהאָם, האָבן זיי געקאָנט רעכענען פאַר דעם ריכטיקסטן וועג, דורך וועלכן דער קאָרבן זאל קענען צוקומען צו די רוכעס. דער מענטש, וועלכער פלעגט אוועקפירן דעם באָק צו אזאָזעלן, האָט זיך גערעכנט פאַר א טאָמע (אומריינעם). ער האט זיך דאך אָנגערירט אן דעם באָק, וועלכער האט געטראָגן די גאַנצע זינד פון די מיטגלידער פון דער מאכנע, דעריבער האָט דער דאָזיקער מענטש געדארפט זיך מטאַהער זיין (ריייניקן זיך), אוסוואַשן זיך און זיינע קליידער, איידער ער האָט זיך צוריקגעקערט צום איינשטיי-פלאַץ.

אויסער דעם „סאיר לאאזאָזול” האָט מען פאַר אַ קאָרבן געבראכט נאָך אַ צווייטן באָק. דאָס אפגעבן אַ באָק אזאָזעלן, איז געווען ספּעציפיש אָפּגעבן די זינד פון דער מאַכנע און אוועקטראָגן אין דער מידבער, אבער לויט דעם איינגלויב פון דעם פרימיטיוון מענטשן, האָט מען אויך געדאַרפט לייטערן דעם מיקדאש און די געצעלטן פון דעם גאַנצן איינשטיי-פלאַץ. דער בעסטער מיטל צו דעם האָט זיך גערעכנט דאס בלוט פון א באַלעכאים-קאָרבן. אזאָזלס באָק פלעגט מען דאָך האַרגענען אין דער מידבער, האָט זיין בלוט פאר דעם דאָזיקן צוועק ניט געקאָנט דינען, דעריבער האָט מען געדאַרפט האבן נאָך א קאָרבן.

אַט דעם צווייטן באָק פֿלעגט מען ברענגען פֿאַר אַ קאָרבן, איידער מ'פֿלעגט אַוועקשיקן דעם באָק צו אַזאָזעלן. דער עלטסטער פֿון דער מאַכנע פֿלעגט אים שעכטן אַנטקעגן געצעלט, וואו ס'האָט זיך געפֿונען דער מיקדאָש. מיט זיין בלוט פֿלעגט דער עלטסטער באַשפּריצן דעם אָרן און אַלע הייליקע זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפֿונען. נאָכדעם פֿלעגט ער מיט דעם זעלביקן בלוט מע'זאָהער זיין (ריין מאַכן) די געצעלט פֿון אַלע איבעריקע מיטגלידער פֿון דער מאַכנע, זיך אַליין און די גאַנצע מאַכנע. דאָס בלוט האָט קלוימערשט געדאַרפֿט אָפּוואַשן (מטאַהער זיין) די טומע, און ווי ס'האָבן געמיינט די פּרימיטיווע מענטשן, האָט זיך דאָס בלוט, גלייך ווי די רוכעס, געטראָגן אין דער לופֿט. דאַ האָט דער עלטסטער מיט דער הילף פֿון אַ מאַגישער פֿאָרמול געצוואונגען דאָס בלוט צונויפֿזאַמלען זיך אויף דעם באָק, וואָס פֿלעגט געשיקט ווערן אַזאָזעלן, און אויף אַזאַ אופֿן פֿלעגט די גאַנצע טומע אַוועקגעשיקט ווערן אין דער מידבער.

יאָמקיפּער און דאָס גלויבן אין רוכעס.

ביז אַהער האָבן מיר אַלץ גערעדט וועגן לייטערן זיך פֿון טומע און זינד, דאָס איז אָבער אַ גאַנץ שפּעטערדיקער באַגריף, וואָס האָט, פֿאַרשטייט זיך, עקזיסטירט אין דער איינגעזעסענער עפּאָכע. צי האָט שוין דער באַגריף וועגן טומע עקזיסטירט אין דער וואַנדער-עפּאָכע? אַוודאי יאָ, מע האָט אים אָבער אַנדערש פֿאַרשטאַנען, ניט אין מאָראַלן זין, נאָר אין מאַטעריאַלן

אין די ריטואַלן פֿון לייטערן זיך און מטאַהער זיין זיך, ווערט פֿאָרגעשטעלט „טומע און זינד" ווי עפּעס אַ מאַטעריע אָדער קייט, וועלכע מע קאָן איבער־טראָגן פֿון איין אָרט אין דעם צווייטן, און וועלכע מע קאָן אויך איבער־ציילן. אונדז קומט אַזאַ זאַך אויס מאָדנע און אומפֿאַרשטענדלעך; מיר וועלן דאָס אָבער פֿאַרשטיין דעמאָלט, ווען מיר וועלן זיך פּרוּוון איבערטראַגן אין דער פּסיכיק און אַרט דענקען פֿון דעם אורמענטש דער אורמענטש האָט געמיינט, אַז אַלץ קומט פֿון רוכעס. דאָס גאַנצע שלעכטסקייט, קרענקען, טויט, קריג, מילכאָמע, דאָס אַלץ קומט פֿון בייזע רוכעס. זיי, די רוכעס, צווישן זיי די בייזע, קענען אַריינדרינגען אומעטום, און וואוהין בייזע רוכעס פֿאַרקלייבן זיך, ווערט אומריין, עס ווערט „באַנומען". ווי זאָגן די גלויביקע לייט: אויב די בייזע רוכעס טשעפּן זיך איין אין אַ מענטשן, מוז יענער קראַנק ווערן, קריגן זיך, באַליידיקן זיין גלייכן, „פֿוירעץ-גדר זיין" אין די מינהאָגים פֿון זיין אידע, ד. ה. ער מוז זינדיקן. אַראָפּנעמען די זינד און פֿאַרטרייבן דעם „ניט-גוטן", קאָן מען נאָר אויף דעם זעלביקן אופֿן ווי מ'פֿאַר־טרייבט בייזע רוכעס, און ריידנדיק וועגן לייטערן זיך פֿון זינד און פֿון טומע, האָט דער אוראַלטער ייסראָעל-וואַנדערער אין דערעמעסן געמיינט אַרויס־טרייבן די בייזע רוכעס; מיטן בלוט פֿון דעם באַלעכאַיִם-קאָרבן פֿלעגן די בייזע רוכעס פֿאַרטריבן ווערן פֿון אַלע ערטער פֿון איינשטיי־פּלאַץ און פֿון אַלע מענטשן, אין וועלכע זיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט. נאָר קעדיי די „ניט

גוטע" זאָלן ניט פֿאַרבלייבן אױפֿן אָרט אײנײנעם מיט די מענטשן, פֿלעגט מען זיי מיט אַ מאַגישן שפּרוך אַרײַנטרײַבן אין אַ באָק, און אים, דעם באָק, פֿאַרשיקן אַהין, פֿון וואַנען די רוחות זײַנען געקומען, ד. ה. אין דער מידבר.

דער דאָזיקער טאָג יאָמקיפּער האָט, פֿאַרשטייט זיך, אַזוי ווי דער יאָמטעוו פּייסאַך געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירטשאַפֿטלעכע באַדײַטונג. פֿאָטערווערנדיק פֿון די „ניט גוטע", האָט זיך דער פּרימיטיווער מענטש פֿאָרגעשטעלט, אַז ער האָט אויף אַ גאַנץ יאָר, ביז פּייסאַך, פֿאַרסטראַכירט, זיך און זײַן פֿי פֿון פֿאַרשיידענע אומגליקן, קוידעם קאָל פֿון קרענקען און טויטפֿאַלן, ד. ה. ער האָט זיך באַזאָרגט מיט גליק און וואוילטיק אויף אַ גאַנץ ווינטער.

אין אַראַביע און אין פּאַלעסטינע ווערט אײגנטלעך דאָס יאָר צעטיילט אויף צוויי צײַטן. זעען מיר טאַקע, אַז די לײַטערונג און פֿאַרגעבונג-צערעמאָניעס קומען פֿאַר אין פֿרילינג-יאָמטעוו פּייסאַך און אין האַרבסט-יאָמטעוו — יאָמקיפּער. אַזוי צעטיילט אויך דער פֿי-פֿירער דעם יאָר אויף צוויי העלפֿט, פֿאַר און נאָך דעם מערן און פֿרוכפּערן זיך פֿון די פֿי.*) אין דער וואַנדערעפּאָכע האָבן זיך פּייסאַך און יאָמקיפּער געיאָמטעווט אין באַשטימטע צײַטן, אָבער ניט אין באַשטימטע טעג פֿון כוידעש, ווי אין דער שפּעטערדיקער אײַנגעזעסענער עפּאָכע.

לעוואָנע-יאָמטויווים. א באַשטימטער טאָג אין כוידעש ווערט אײַנגעשטעלט פֿאַר אַ יאָמטעוו נאָר דעמאָלט, ווען עס ווערט אויסגעאַרבעט אַ מער אָדער ווייניקער פּינקטלעכער קאַלענדאַר. דאָס קומט אָבער פֿאָר אין אַן אײַנגעזעסענער ערדאַרבעטנדיקער - עפּאָכע. וואַנדערער האָבן, ווי געוויינטלעך, קיין פּינקטלעכן קאַלענדאַר ניט געהאַט, זיי האָבן אָבער אַ בערערדיקן קאַלענדאַר; אַזוי אַ שטייגער האָבן די וואַנדערער בני-ייסראָעל גערעכנט די צײַט נאָך דער לעוואָנע, אײַנגעפֿירט די יאָמטויווים נאָך אירע פֿאַזעס. פּייסאַך פֿלעגט מען פּראַווען אין דער צײַט פֿון דעם ערשטן פֿרילינגדיקן האַלב כוידעש (פֿול לעוואָנע) און יאָמקיפּער, אין דער צײַט פֿון דעם ערשטן האַרבסטיקן האַלב כוידעש.

פֿאַר די וואַנדערער בני-ייסראָעל איז די לעוואָנע געווען ניט נאָר אַ מיטל צו דער צײַט-רעכענונג. זיי האָבן איר געהאַלטן פֿאַר אַ גאָט און טאַקע געבוקט זיך צו איר. מ'קאָן ניט זאָגן, אַז די קאַלענדאַר-באַדײַטונג

*) מיט די ריטואלן פֿון יאמקיפּער איז גאַנץ אינטערעסאַנט צו פֿאַרגלײַכן אַ ריטואַל פֿון די דראַווידן (אין צאַפֿן-אינדיע), וואָס ווערט דורכגעפֿירט בײַ אַ קוואָרע. בײַם פֿאַרברענען אַ געשטאָרבענעם ווערן געבראַכט צוויי בופֿלעקסלעך, מיט דער הילף פֿון אַ שפּרוך וואַרפֿט מען אויף איינעם פֿון זיי אַרויף די זינד פֿון געשטאָרבענעם און זײַן פֿאַמיליע, נאָכדעם ווערט דער דאָזיקער בופֿלעקסל פֿאַרטריבן אין דער מידבר, און דעם צווייטן פֿאַרברענט מען אינאײנעם מיטן קערפּער פֿון געשטאָרבענעם.

פֿון דער לעוואָנע זאָל דינען פֿאַר אַ יעסאָד פֿון א קולט צו איר. טכּילאס האָבן דאָ געשפּילט אַ ראָליע גאָר אַגדערע באַאַבּכטונגען און פֿאָרשטעלונגען קוידעם קאָל האָט דאָ א געוויסע באַדייטונג דער צוגויפבונד פֿון דער לעוואָנע מיט דער נאַכט. לויטן וועלט-קוק פֿון דעם פּרימיטיוון מענטשן, איז די נאַכט די סאַמע באַליבסטע און באַקוועמסטע צייט פֿאַר די רוכעס, דעריבער האָט מען גערעכנט, אַז די לעוואָנע איז אַ ספּעציעלע ליכט זייערע, און וואָס קלערער, וואָס פֿולער די לעוואָנע איז, אַלץ מער פֿרייקייט און ראַכוועס איז פֿאַר די רוכעס. אַפּילע דער לעוואָנע אַליין האָט מען צוגעשריבן א טויט-טראָגנדיקע קראַפֿט. די בּניי-ייִסראָעל האָבן געמיינט, אַז די זון טויט באַטאָג (מיט זונשלאָגן) און די לעוואָנע-באַ דער נאַכט.

אויסער דעם האָבן די פּי-פּירער געמיינט, אַז צווישן די לוואָנע-פֿאַזעס מיט די געשלעכטס-פֿונקציעס פֿון פֿרויען-אָרגאַניזם, איז דאָ א געוויסע שייכעס. באַמערקנדיק, אַז די כּוידעש-מענסטרואַציע באַ די פֿרויען קומט פֿאַר לויטן לעוואָנע-כוידעש, און אז אַ ווייניקערע און מערערע טריפונג באַ א „זי" פֿון באַלעכאַים קומט אויך אַזוי פּעריאָדיש, האָבן די אוראַלטע וואָנדערער גע-גלויבט, אז די לעוואָנע איז דער גאָט, וואָס העלפֿט מיט די פֿרוכפּערונג און מערונג.

נעמענדיק אין אַכט די געבראַכטע ראַיעס, האָבן מיר א גרונט צומיינען, אז דער קולט פֿון דער לעוואָנע איז אופֿגעקומען זייער פֿרי און האָט זיך פֿארהיט אפילע נאָך דער אויסבילדונג פֿון באַזונדערע סעמיטישע פֿעלקער: באַ די בּניי-ייִסראָעל, אראבער און באַ די באַוולים. באַ די אַראַבער האָט זיך דער דאָזיקער קולט פֿארהיט אַפּילע נאכן איסלאם, א האַלבע לעוואָנע איז נאָך באַ היינטיקן טאָג זייער רעליגיעזער סימוואָל, און א סאך יאָמטויוום זייערע זיינען פֿארבונדן מיט דער לעוואָנע. דער לעוואָנע-גאָט סין האָט זיך באַ די באַוולים גערעכנט פֿאַר דעם עלטסטן גאָט, פֿאַרן פֿאָטער פֿון דער זון.

ס'איז קיין ספֿק ניט, אז אין דער וואַנדער-עפּאָכע האט זיך דער קולט פֿון דער לעוואָנע באַ די בּניי-ייִסראָעל ניט געקאָנט באַגרענעצן מער ניט ווי מיט דעם, וואס ער פֿלעגט צענויפֿגעפאסט ווערן מיט די האָרבּ-סטיקע און פֿרילינגדיקע לייטערונג-יאָמטוווים, פֿון פֿרילינגדיקן און האָרבּ-סטיקן האַלב כוידעש, ס'האבן אויך געמוזט עקזיסטירן ספּעציעלע יאָמטויווים געווידמעט דער לעוואָנע. אין דער איינגעזעסענער עפּאכע פֿלעגן יעדער כוי-דעש געפֿראַוועט ווערן צוויי פֿרייד-יאָמטויווים: א יאָמטעוו לעקאָוועד דעם כוילעד (ניי לעוואנע), און א יאָמטעוו לעקאָוועד דעם האַלב כוידעש (פֿול לעוואנע). ביידע יאָמטויווים ווערן אנגערופֿן אין סייפֿער „טהילים" קאַפּיטל פֿא, פּאָסוק ד. אט די דאָזיקע יאָמטויווים זיינען פֿאַרפֿירט געוואָרן פֿון דער וואַנ-דער-עפּאָכע אין דער איינגעזעסענער, דער יאָמטעוו פֿון ניי-לעוואָנע איז

געווען דער יאמטעוו פון דער לעוואָנעס געבוירן (מוילעד), דער יאָמטעוו פון פול-לעוואָנע איז געווען דער יאמטעוו פון איר וואוקס און פולער קראפט.

פון דעם קאפיטל פא. (סייפער טהילים) קאָנען מיר אפלערנען אז אין דער איינגעזעסענער עפאכע זיינען די דאָזיקע יאָמטויווים געפראוועט געווארן מיט גרויס פרייד, מיט געזאנג, מיט מוזיק, מיט קלאפן אין פויקן און מיט קלאנגען פון שויפער-בלאזן. אין דער וואנדער-עפּאָכע האָבן זיי, פארשטייט זיך, געדארפט טראגן גאר אן אנדער כאראקטער, בלאָזן אין שויפרעס איז אן אוראלטער מינהעג פון דער וואנדער-עפאָכע. אין דער איינגעזעסענער עפּאָכע איז שטריינג פארווערט געוועָן צו בלאָזן אין א האָרן ניט פון א באראן אָדער א אינד. דערהויפט האָבן זיך די שפּעטערדיקע גייסטלעכע אפגעהיט פון א גרויס-פיהאָרן *). בא די וואנדערער בניי-ייסראעל האבן קיין אנדערע הערנער זיך ניט געקענט געפינען. אן אָקס און א בהיימע זיינען באלעכאים פון אן ערדארבעטער. א בהיימישער הארן איז א נייער איינפיר און איז טאָקע פארווערט געווארן. צו דער וואנדער-עפאָכע געהערט אויך נאך א מינהעג שלאָגן אין פויק פון אלע קלאַס-אינסטרומענטן איז די האנט-פויק דער סאמע אוראלטסטער. וואס איז דער סייכל פון די דאזיקע ריטואלן?

מיר ווייסן, אז די אפריקאנער נעגרעס, די אווסטראליער, סיבירער נאטור-פעלקער און אלע וויניק קולטורעלע פעלקער שלאָגן און פויקן, טרומייטערן און טומלען, קעדיי מיט דער הילף פון די דאָזיקע קלאנגען דערשרעקן און פארטרייבן די „ניט גוטע". אָט די אייגענע באדייטונג האָבן געהאט די זעלביקע צערעמאָניעס בא די וואַנדערער ייסראיילים. ווען די לעוואָנע באווייזט זיך צו דאָס ניי אפן הימל, גייען ארויס, לויט דער מיינונג פון דעם אור-מענטש, די רוכעס פון זייערע נעסטן. וואָס העלער די לוואָנע איז, אלץ פרייער זיינען די רוכעס און אלץ מער ווערן זיי. דערהויפט מערן זיי זיך אין האלב כוידעש (פול לעוואָנע) און דעמאָלט זיינען זיי מער ווי אלע מאָל געפערלעך פארן מענטשן.

איצט איז שוין פאר אונז פארשטענדלעך פאַרוואָס די לייטער-יאָמטויווים, פייסאַך און יאָמקיפער, פאלן אויס אין די טעג פון פרילינגדיקן און האַרבסטיקן האַלב כוידעש א גאַנץ יאָר, אין די טעג פון ניי און פול לעוואָנע פלעגט מען מיסטאָמע אויך ברייינגען א באָק פאר אלייטער-קאָרבן. מ'קאָן אזוי טראכטן דערפאר, ווייל אין דער איינגעזעסענער עפּאָכע פלעגן די דאָזיקע יאָמטויווים באגלייט ווערן מיט בלוט-קאָרבאנעס. אין דער צייט פון דעם הויפט-מוילעד (ניי לעוואָנע), צו ניי-יאָר, שרייבט צו דער קאָדעקס פון די קויהאַנים א ספעציעלן קאָרבן פון א באָק, א קאָרבן צו לייטערן זיך פון זינד (באמידבאָר, כט. ה.).

*) מסכת „ראש השנה". כ"ו. א. כל השופרות כשרים חוץ משל פרה...

אורשאבעס.

די יאָמטויווים לעקאָוועד דער לעוואָנע, האָבן געהאַט זייערע ספּעציעלע נעמען. דער יאָמטעוו פון מוילעד, פון ניי-לעוואנע, האָט זיך גערופן רויש-כוידעש, אָדער כוידעש. דער דאזיקער נאמען איז גאַנץ פארשטענדלעך און פאַרדעט ניט קיין דערקלערונגען. דער יאָמטעוו לעקאָוועד דער פול לעוואָנע, האַלב כוידעש, האָט זיך גערופן שאַבעס. דאָס וועט עפּשער אויסקומען מאָדנע, ס'איז אָבער בלי שום סאָפעק אזוי, בא הײַנטיקן טאָג זיינען אין דער וויסנשאַפט וועגן דעם אפילע קיין כלוקיי-דייעס ניטאָ. די זאך באַשטייט אין דעם, וואָס סיי אין די היס'אריִשע ביכער, סיי אין די „נוויאים" פון פאַרן גאָלעס, איז וועגן שאַבעס, ווי וועגן א וועכנטלעכן אָפּרוטאָג, אפילע קיין רעמעז ניטאָ, און אין די דאָזיקע ביכער ווערט שאַבעס דערמאָנט נאָר פאראלעל און אינייִנעם מיטן יאמטעוו כוידעש *).

דאָרטן זיינען צוויי פון איינע יאָמטויווים, יאָמטויווים ווען מענטשן זיינען זיך מעסאַמייאך און ברייִנגען קאָרבאָנעס צו יאהוועך. בא די באַוולים האָט זיך טאַקע גערופן דער יאָמטעוו לעקאָוועד דעם האַלב כוידעש, פול-לעוואָנע, מיטן נאָמען ש א ב א ט י. ווענן שאַבעס, ווי וועגן א וועכנטלעכן פון יעדער ארבעט, רוטאָג, געפינען מיר ערשט אָנווייזונגען אין די שפּעטערדיקע טיילן פון דער טוירע. שאַבעס, א וועכנטלעכער רוטאָג, איז שוין דאָרטן א נייער איינפיר, וואָס פלאנצט זיך איין „בעיאַד כאַיאָקאָ". בא הייַנטיקן טאָג האָט די וויסנשאפט פעסטגעשטעלט אז די זיבנטאָגיקע וואך מיט דער וואָכענטלעכן שאַבעס, ווי א רוטאָג, איז גענומען פון די באַוולים אין דער עפּאָכע פון גאלעס. נאָר וועגן דעם וועלן מיר ריידן שפּעטער.

אט אזעלכע זיינען אין דער וואנדער-עפּאָכע געווען די אָמטויווים. דאָס זיינען ניט די יאָמטויווים פון דער שפּעטסטער פאָרם, טעג פון רו און טפילע, נאָר טעג פון מאַגישע ריטואלן צו קעמפן מיט רוכעס און „ניט גוטע". דעם וואַנדערער, פּי-פירער קומט אויס צו אַרבעטן ניט אזוי ווי פּי-אַרבעטער אָדער א באַלמעלאָכע. יעדער טאָג פּיטערן זיך זיינע טשערעדעס, יעדער טאג דראָעט אים א סאַקאָנע פון ווילדע כאיעס און מענשלעכע סאנים. די צייט פון שטיין אף איין אָרט איז א צייט פון פאַרהעלטניסמעסיקן אָפּרו, און סיי דער סאָף, סיי דער אָנהויב פון א נייעם אוועקגאנג זיינעם ווענדט זיך ניט אן אים, אן דעם וואנדערער אליין, נאָר אן דער נאַטור. יאָמטויווים פון וואַנדערער זיינען ניט קיין אפּרוטעג, אָבער די ווירטשאַפטלעכע באַדייטונג פון זייערע יאָמטויווים, ווערט מיט דעם ניט קלענער. דער קאמף מיט רוכעס, מיט די „ניט גוטע", וועמען די יאָמטויווים פון וואַנדערער זיינען געווידמעט, איז פאַרן פרימיטיוון מענטשן א טייל פון זיין קאַמף פאר דער עקזיסטענץ, מ קאָן זאָגן אז דער הויפּט-טייל, וואָרום מיט דעם ראַטעוועט ער, לויט

*) פארגלייך „מלאָכים" ב, ד, כג; „יעשאיע" א, יג,; „אמויס" ה,, „הוישייא" „ב", יג.

זיין מיינונג, זיין ווירטשאַפט און זיין לעבן פון סאָנים טמייאים, וואָס זיינען פאר אים אסאַך שרעקלעכער ווי די סאָנים, וועלכע ער האט בגעגעניאן צו זען אין דער נאטור.

III.

יאָמטױוים אין דער עפּאָכע פֿון די קיניגן.

איבערגאנג צו ערדארבעט.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אז ווי די בני־ייִסראָעל זיינען ארײַנגעדרונ־
גען אין כנען און איבערגעגאנגען צו אן אײַנגעזעסענעם לעבן, האָט ערד־
ארבעט פֿארנומען דעם אויבנאָן אין זייער ווירטשאפטשטײַגער, דאָס הייסט
אָבער ניט, אז זיי האָבן אין גאַנצן צעריסן מיט פֿיצוכט. פֿיצוכט איז פֿאַר־
בליבן, זי האָט אָבער באקומען אן אנדער כאַראַקטער. אין דאָרעם כנען—
אין יעהודע, האָט זיך נאָך פֿארהיט די שעפּסן־האָדעוואניע. די צייט פֿון
שערן די שאָף, איז אין יעהודע נאָך אלץ געווען א יאָמטעוו־צייט. אין דער
אייגענער צייט האט מען אין יעהודע און דערהויפּט אין עפֿראים געהאָדע־
וועט גלייך מיט די שעפּסן אויך גרויסע הארן־פֿי. מיט אָקסן פֿלעגט מען אקערן
דאס פֿעלד, געשטאָפּטע אָקסן פֿלעגט מען באנוצן פֿאר שפּייז און פֿאר קאָרבאָ־
נעס, בעהיימעס האָט מען געהאָדעוועט צוליב מילך און פּוטער. מיר האָבן
שוין געזאָגט, אז אין קיניגרייך עפֿראים האָט זיך דער הויפּט־גאָט „בייס־
אייל" געשילדערט אין דער פֿאָרם פֿון אן אָקס. ווען די אויבערהאנט נעמען
אין פֿיצוכט גרויסע האָרן־פֿי איבער די שאף, פֿירט עס טאָמיד צו ערד־
ארבעט. גרויסע האָרן־פֿי איז א כאראקטעריסטישער שטריך פֿון אײַנגעזעסע־
נער דארף־ווירטשאַפֿט.

באם איבערגאנג צו ערדארבעט האָבן די בני־ייִסראעל א סאַך איבער־
גענומען פֿון די כנאַנים. פֿון זיי, פֿון די כנצאַנים האָבן זיי איבערגענומען
די מעטאָדעס ווי צו באַארבעטן די ערד, וואָס צו זייען און וואס צו פֿלאנצן.
געזייט האָבן זיי גערשטן, ווייץ און ליין. אין זייערע סעדער האָבן זיי מער
פֿון אלץ געפֿלאַנצט ווײַנטרויבן, אײַלבערטבוימער און אנדערע פֿרוכטבוימער.
דער גאַנצער יאָר איז פּינקטלעך צעטיילט געוואָרן פֿאר פֿארשיידענע ערד־
ארבעטן און אפּעראציעס.

בעאייס עס זיינען געמאכט געוואָרן די אויסגראָבונגען אף דעם ארט פֿון
דער שטאָט געזער אין יעהודע, האט מען געפֿונען אַ קאַלענדאַר, אין וועלכן

אלע צוועלף כֿאדאָשים פֿון יאָר זיינען געווען פֿארטיילט אַף פֿאלגענדיקן אופֿן:

צוויי כאדאָשים–גערעטעניש-אראפּפֿיר פֿון פֿעלד אין שייער,
צוויי כאַדאָשים–זייען,
צוויי כֿאדאָשים–שפּעטיקער זייען,
איין ׳דעש–לײן־אראָפּנעם,
איין כוידעש–גערשטן־שניט,
איין כוידעש–ברויט־שניט,
צוויי כֿאדאָשים-וויינטרויבן־זאמלונג,
איין כוידעש–פּיירעס־זאַמלונג.

גערשטן שניט אין פּאלעסטינע הויבט זיך אָן אין כֿוידעש ניסן. פֿון דאנען האָבן מיר צוזען, אז דער ערדארבעטנדיקער יאָר האט זיך, לויט דעם געבראכֿטן קאַלענדאר, געענדיקט אין עלול–טישריי. זייען פֿלעגט מען פֿון כעשוועז ביז אדער. מיט דעם דאזיקן נייעם ווירטשאפֿטשטייגער און נייעם קאלענדאר האט זיך פֿאַרענדערט דער רעליגיעשטייגער; דערהויפּט האט זיך פֿארענדערט דער קולט, די פּראקטישע זייט פֿון דער רעליגיע, וואס איז טאָמיד איינג פֿארבונדן מיטן פּראקטישן לעבן.

אויב מיר וועלן זיך ווענדן צו די געזעצן וועגן יאָמטויווים, וואס געפֿינען זיך אין „סייפֿער-האבֿריס", „דוואָרים" און „טוירעס־קויהאנים", („שמויס", כֿ"ג, ט"ז-י"ז; ל"ד, י"ח–כ"ג; „דווארים", ט"ז; „וואיקראָ", כֿ"ג), וועלן מיר אומעטום זען איין און די זעלביקע סיסטעם פֿון יאָמטויווים. הויפּט־יאָמטויווים זיינען דריי: דער ערשטער פֿאלט אויס מיטן אנהויב פֿון שניט, דער צווייטער–מיטן סאָף שניטצייט, דער דריטער–מיטן זאַמלען פֿון פּרוכט. אט די דאָזיקע יאָמטויווים זיינען נייע, אין דער וואנדער-עפּאָכֿע האָבן זיי ניט עקזיסטירט און ס'איז גאנץ פֿארשטענדליך פֿארוואָס: זיי זיינען געקומען איניינעם מיט איינגעזעסענער ערדארבעט. דאָ שטעלט זיך אבער א פֿראגע: צו האבן די בניי־יסראעל אליין איינגעשטעלט די יאָמטויווים אין צונויפֿבונד מיט זייער נייעם לעבנשטייגער, אדער זיי האבן זיי איבערגענומען פֿון די קנאאנים, אינאיינעם מיט דער ערדארבעט, טעכניק און אוראלטע קנאַאנישע מיקדאשים.

אַף דער דאַזיקער פֿראגע קען מען קיין באַשטימטן ענטפֿער ניט געבן, גלייך ווי עס איז שווער צו ענטפֿערן אַף דער פֿראגע וועגן די מיקדאָשים, וואָס איז שאייך צו די לעצטע, גיבן אַף דעם א קאטעגאָרישן ענטפֿער די אויסגראָבונגען. דער אָרט און טיילווייז די מיקדאָשים זיינען איבערגעגאַנגען פֿון דער קנאאנישער עפּאָכע צו דער עפּאָכֿע פֿון די בניי־יסראָעל, זאָגן די אויסגראָבונגען. וועגן די יאָמטויווים, אבער, קענען די אויסגראָבונגען אזאַ קאטעגאָרישן ענטפֿער וועגן עצעם איניען פֿון דער זאַך, גיט געבן. פֿונדעסטוועגן, גיבן אָבער איניקע זאַכֿן פֿון די אויסגראָבונגען די טערמינאָלאָגיע און בעמיילע אויך אַ קאַטעגאָרישן ענטפֿער וועגן די דאָזיקע יאמטויווים.

די דריי ערדאַרבעט-יאָמטויווים ווערן אָנגערופן מיט א טערמין, מיט וועלכן ס'זיינען קיינמאָל ניט אנגערופן געוואָרן ניט פּייסאַך, ניט יאָמקיפּער און ניט אנדערע יאָמטויווים, דאָס איז דער טערמין כ א ג (חג). אט דאָס וואָרט באַצייכנט, אייגנטלעך, א „רעליגיעזן ריקוד", א מין „קאָדעששפּרונג-קאַראַהאָד".

בעת די אויסגראָבונגען האָט מען געפונען א ליימענע גרופּע, וואָס שטעלט פאָר א היליקן קאַראַהאָד ארום א היליקן בוים (אשיירא), און די דאָזיקע גרופּע געהערט טאָקע צו דער קנאַאַנישער עפּאָכע. און ווי באַלד, אז דער ריטואַל איז א קנאַאַנישער, פאַרשטייט זיך שוין, אז דער נאָמען איז אויך א קנאַאַנישער, איז שוין טאַקע דערפון געדרונגען, אז די דריי ערדאַרבעט-יאָמטויווים פירן זייער ייכעס פון די קנאַאַנים. ספאַרשטייט זיך, אז די בני-יסראָעל האָבן די קנאַאַנישע יאָמטויווים ניט אָנגענומען „ווי עס שטייט און גייט", נאָר זיי האָבן זיי פאַרענדערט אין הסכּם מיט זייער אייגענעם איינגלויב און פריערדיקע יאָמטויווים. ווען מיר וועלן באַטראַכטן יעדן יאָמטעוו באַזונדער, וועלן מיר זען, וואָס פאַר א ענדערונגען ס'זיינען אריינגעטראָגן געוואָרן, וואָס אין די דריי ערדאַרבעט-יאָמטויווים קען מען רעכענען פאַרן קנאַאַנישן יעסאָד און וואָס-פאַר א נייעם איינפיר פון די בני-יסראָעל.

כאַג-האַמאַצעס. דעם ערשטן ערדאַרבעט-יאָמטעוו פלעגט מען פּראַווען, ווען עס פלעגט זיך דער סערפּ אין פעלד באַווייזן (דוואָרים טז, ט) ד. ה., ווען עס פלעגט זיך אָנהויבן דער גערשטן-שניט. אָט דער דאָזיקער יאָמטעוו האָט געהייסן „כאַג-האַמאַצעס", צוליב דעם קאָרבן פון ניט געזייערטן ברויט, מיט וועלכן „כאַג-האַמאַצעס" איז געווען פאַרבונדן. וועגן דעם ריטואַל פון דעם דאָזיקן יאָמטעוו, אַזוי ווי פון די איבעריקע צוויי, געפינען מיר קיינע פּראָטים, ניט אין „סייפער האַבּרים" און ניט אין דער געזעצגעבונג פון סייפער „דוואָרים", אויסער דעם געבאָט זיבן טעג מאַצעס עסן. דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָרום די דאָזיקע יאָמטויווים פלעגט מען פּראַווען אין הסכּם מיט די מינהאָגים, וואָס זיינען גוט באַוואוסט געווען פאַר אַלעמען און שטריינג פון אַלעמען אָפּגעהיט געוואָרן.

פּראָטים פון ריטואַל דערוויסן מיר זיך פון די געבאָטן וועגן יאָמטויווים אין „טויראַס קויהאַנים" (וואיקרא כג.). אין דער נאָכגאָלעס-עפּאָכע האָט דאָס פאָלק ביסלעכווייז פאַרגעסן דעם דאָזיקן אוראַלטן ריטואַל, און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס די קויהאַנים האָבן עם פאַרפעסטיקט אין שריפטלעכע געבאָטן.

ווי ס'איז צו זען פון די דאָזיקע געבאָטן, איז „כאַג-האַמאַצעס" געפּראַוועט געוואָרן אַף אַזאַ אויפן: מיט גרויס כאַראַד פלעגט מען דעם ערשטן גאַרב אַוועקטראָגן צום קויהען פון אָרטיקן מיקדאש און דער קויהען פלעגט אים ברענגען פאַר אַ קאָרבן צו יאַהוועך. די זאַנגען פון גאַרב פלעגט מען אַרופלייגן אַפן מיזבייאַך און די קערנער צעמאַלן אין א האַנט-מיל און פון

די מעל אויסבאקן אַף בוימל ניט קיין געזייערטע פלעצלעך, וואָס פלעגן נאָכ־דעם געבראַכט ווערן פאַר א קאָרבן. אַף אַזאַ אויפן פלעגט גאָט, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַרן הויפּט־באַלעבאָס פון געגעבענעם געגנט, דער ערשטער באַקומען דעם ערשטן כיילעק פון דער גערעטעניש.

דער מינהעג צו באקן ניט קיין געזייערטע פלעצלעך איז, ווייזט אויס ניט קיין קנאַאנישער, נאָר א ייסראַיילישער, ער שטאַמט פון דער וואנדער־עפּאָכע, פון די האַכנאָסעס־אָרכים־מינהאָגים בא די וואנדער־שוואָטים. ווען צו אַ וואַנדערער איז געקומען אַן אוירעַך, פלעגט ער אים גלייך מעכאבעד זיין מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. אויב איין געצעלט האָט זיך קיין ברויט ניט געפונען, פלעגט מען באַקן פלעצלעך איילנדיק און מעכאַבעד זיין דעם אוירעַך. אזוי האט לויט מעכאַבעד געווען יאהוועס שעלוכים (מאַלאָכים), ווען זיי זיינען געגאַנגען צופאַרניכטן סדוים און אַמוירא, אַזוי האָט גידוין (גדון) געוואָלט מעכאַבעד זיין יאהווען, ווען ער האָט זיך צו אים אין פעלד גע־וויזן און גידוין האָט געמיינט, אז ער איז א פּאָשעטער מענטש.

אזוי האָט מען זיך מאַקע נויהעג געווען אין דעם יאָמטעוו פון אָנהויב שניט, קעדיי ניט צו פאַרהאַלטן דעם קאָרבן, וואָס האָט געקומט גאָט, האט מען אים ניט פאַרזייערט אין ברויט, נאר איילנדיק געבאקט פלעצלעך. שפּע־טער, אין א צייט ארום, ווען דער דאָזיקער מינהעג האט זיך אויסגעמעקט פון זיקאָרן, האט מען אין אים געזען א באזונדער ספּעציפישן אטריבוט פון יאָמ־טעוו. אים, דעם דאָזיקן מינהעג, האָט מען פארשפרייט, פארפליכטנדיק די מענשן, אז זיי זאָלן אין פארלויף פון די ערשטע זיבן טעג שניטצייט, עסן מאצע. נאָך דעם געוויקס־קארבן האט מען, לויטן קנאאנישן מינהעג, איינגע־ארדנט אן אלגעמיינעם קארבן־מאלצייט מיט געזאנג, לידער און טענץ. פאר קארבאנעס צו גאָט פלעגט מען ברייגנען שעפסן און קעלבער, יעדערער פלעגט ברייגען נאָך זיין פארמעגן. באשטימטע טיילן פון די קארבאנעס פלעגן פארברענט ווערן אפן מיזבייעך און דאס איבערגעבליבענע פלעגן אופעסן די מענטשן באם אַלגעמיינעם מאָלצייט, „געגעסן, געטרונקען און געפרייט זיך פאר יאהווען“.

אין אלגעמיין איז די גאנצע צייט פון שניט, אַרום צוויי כאדאָשים, גע־ווען א יאָמטעוו פון פרייד, לידער און טענץ.

אין דאָרעם פון קנאַאן, אין יעהודע, דערהויפּט אין יענע ערטער, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיטן מידבער, וואו פיצוכט האָט נאך געשפּילט א באַ־דייטנדיקע ראל, האט מען דעם „כאַג־האמאַצעס“ געפראוועט גלייך נאכן יאָמ־טעוו פייסאַך.

פייסאָך האָט שוין אבער אופגעהערט צו זיין א גרויסער יאמטעוו פארן גרעסטן טייל פון די בניי־יישראָעל.

די געבאָטן פון סייפער „שמויס“ האָבן אים אין דער צאָל פון די דריי

גרויסע, אָבליגאַטאָרישע יאָמטויווים ניט איינגעשלאָסן, אין סאָף קאַפּיטל ל״ד ווערט נאָר דערמאָנט דערעך־אַגעוו, אַז דער קאָרבן-פּעסאַך טאָר ניט פֿאַר-בלייבן ביזן באַגינען. די דאָזיקע ווערטער באַווייזן, אַז דער ריטואַל פֿון פּייסאַך האָט זיך שוין געטומען ענדערן: פֿון אַ גרופּן-יאָמטעוו איז פּייסאַך געוואָרן אַ יאָמטעוו אַ שטוביקער. אין דער וואַנדער-עפּאָכע, פֿאַרשטייט זיך, האָבן די מיטגלידער פֿון דער מאַכנע אופגעגעסן דעם פּייסאַך-לעמעלע אָן קיין שום אָגשטריינגונג און מי, נאָר פֿאַר אַ קליינער איינגעזעסענער פֿאַמיליע איז אין איין אוונט-ברויט געווען שווער און אומעגלעך אופֿצועסן אַ גאַנצע שעפּס, פֿלעגט מען טאקע אַ טייל אירן איבערלאָזן אפֿן צווייטן טאָג.

די אָפּהיטער פֿון די מינהאָגים האָבן אָבער געפֿונען, אַז אזוי איז ניט דערלאָזבאר; דאָס פּייסאַך-לעמעלע דאַרף אופגעגעסן ווערן פֿאַר איין מאָל, דאס איז אן אלטער מינהעג פֿון די אָוועס, און פֿעלשן אין אים איז א כעט. פֿון דאַנען נעמט זיך דער געבאט פֿון סייפֿער „שמויס“ ניט איבערצולאָזן דעם קאָרבן-פּעסאַך ביז באגינען פֿון צווייטן טאָג.

שוואועס. פֿון ערשטן טאָג שניט פֿלעגט מען אָפּציילן זיבן וואכן אדער פֿופֿציק טעג. דעמאָלט פֿלעגט זיך פֿראוועז דער צווייטער ערדארבעט-יאָמטעוו פֿון סאָף שניט. דעם דאזיקן יאָמטעוו האָט דאָס פֿאָלק גערופֿן אזוי ווי די קנאאנים, פּאָשעט דעם יאָמטעוו פֿון שניט „כאג-האקאָציר“ (חג-הקציר). די קויהאנים האָבן אים געגעבן אן אנדער נאָמען, נאָך דער צייט, ווען ער ווערט געפּייערט — שוואועס — ד. ה. זיבן וואָכן, אדער אפגעציילט זיבן וואכן פֿון ע״שטן גארב.

קעדיי אונטערצושיידן דעם דאָזיקן יאָמטעוו פֿון כאג-האמאצעס, פֿלעגט מען מוזן אומבאדינגט ברייגגען פֿאר א קארבן צוויי ווייצענע געזייערטע לאבנס ברויט. דער דאזיקער אונטערשייד איז גאנץ פֿארשטענדלעך: ווייצענע ברויט פֿלעגט מען מאקריוו זיין דערפֿאר, ווייל אין דער צייט פֿון דעם יאָמ-טעוו האָט מען שוין אראָפּגענומען די ווייץ פֿון די פֿעלדער, און געזייערט האָט דער ברויט געדארפֿט זיין צוליב דעם, ווייל ס׳איז שוין קיין נויט ניט געווען צו איילן זיך, דארף טאַקע דער ברויט זיין גוט אויסגעבאַקן; און קעדיי ווי געהעריק איז אָפּצודאנקען די געטער, דארף מען זיי טאקע ברייגגען די עמעסע געשמאקע מאטאָנע — געזייערטן, גוטאויסגעבאקענעם ברויט.

אָט דער דאָזיקער קאָרבן האָט זיך גערופֿן „ביקורים“ (בכּורים), דער ערשטער פּרואוו, דער ערשטער ברויט פֿון די נייע מעל. ערשט נאך דער דאזיקער מאַטאָנע צו גאָט האָט מען שוין געמאָגט פֿון דעם נייעם מעל באַקן ברויט פֿאר דעם מענטשן. דער דאָזיקער יאָמטעוו איז געווען נאָך א פּיילע-כערער ווי דער „כאג-האמאַצעס“. דער שניט האט זיך געענדיקט, דארף מען פֿריילעך זיין. דער געזעץ האָט טאַקע פֿארגעלייגט פֿריילעך צו זיין: אלע זאָלן פֿריילעך זיין, ניט נאָר די בניי-ייסראעל אליין, נאר אפֿילע די קנעכט זייערע און די „גיירים“ (גרים — פֿרעמדע) וואס וואוינען אין לאַנד. די קארבן-

מאַלצייטן פֿון „כאַג־האַקאָציר“ פֿלעגן געפּראַוועט ווערן נאָך פֿריילעכער ווי אין „כאַג־האַמאַצעס“.

מיר האָבן שוין אנגעוויזן, אז די קאָרבאַנעס, וועלכע פֿלעגן געבראַכט ווערן אין „כאַג־האַמאַצעס“ און אין „כאַג־האַקאָציר“, פֿלעגן, לויטן געזעץ, גע-בראַכט ווערן צום גאָט יאַהווע. אָבער פֿון די „נעוויאים“, דערהויפּט פֿון באָווי „הוישייאַ“ (הושע) איז צו זען, אז אין עפֿראַים און אַפֿילע אין אייניקע געגנטן פֿון יעהודע, פֿלעגט מען, לויט דעם מינהעג פֿון די פֿריערדיקע איינ־וואוינער פֿון לאַנד קנאַאַן, אין די דאָזיקע יאָמטויווים דעם גערעטעניש-קאָרבן ברייינגען ניט יאַהווען, נאָר די אָרטיקע געטער „באַאַל“. ס'איז באַשיינ־פּערלעך, אז דאָס, וואָס די געבאָטן פֿון „שמויס“ און „דוואָרים“ פֿאַרזאָגן, אז די יאָריקע דריי יאָמטויווים דאַרפֿן געפּראַוועט ווערן פֿאַרן גאָט יאַהווע, איז געווענדעט קעגן דעם מינהעג צו ברייינגען קאָרבאָנעס ניט צום גאָט יאַהאַווע, נאָר צו די אָרטיקע געטער „באַאַל“.

ס'איז קיין סאָפֿעק ניט, אז אויסער די הויפּט־געטער, דעם גאָט יאַהווע און די געטער באַאַל, פֿלעגט מען אויך אין די יאָמטויווים פֿון שניט דערמאָנען און מעהאַנע זיין מיט קאָרבאָנעס די פֿעלד־רוכעס.

ס'האָט עקזיסטירט אַ מינהעג, וועלכער איז פֿאַרשריבן אויך אין דער טוירע, אז אין דער צייט פֿון שניט טאָר מען ניט אַראָפּנעמען די טוואָע פֿון בּרעג פֿעלד (פּייע, פּעה) און אופֿקלייבן די זאַנגען, וועלכע פֿלעגן אָפּפֿאַלן באַם אופֿבינדן די גאַרבן (שיקכע און לעקעט, שכחה, לקט). דער דאָזיקער מינהעג (וואַיקראַ כג., כב) ווערט אין געזעץ דערקלערט מיט דעם, וואָס ניט דערשניטענע און ניט דערקליבענע טוואָע געהערט צום אָרימאַן. ס'איז אָבער באַשיינפּערלעך, אז די דאָזיקע דערקלערונג איז קינסטלעך און איז פֿון אַ שפּעטערדיקער אָפּשטאַמונג. אין דער עמעסן זיינען די דאָזיקע שיראַיִם פֿון שניט געווען ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ קאָרבן פֿאַר די פֿעלד־רוכעס.

די רוכעס, וואָס לעבן אין פֿעלד, שפּייזן זיך, ווי דער נאַטור־מענטש גלויבט, מיט די געוויקסן פֿון פֿעלד. דעריבער היטן די רוכעס צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן די פֿעלדער און געוויקסן. און אויב מ'זאָל אַראָפּנעמען און אופֿקלייבן פֿון פֿעלד ביזן לעצטן זאַנג, וועלן די פֿעלד־רוכעס אַריין אין גרימצאָרן און צום קומענדיקן יאָר וועלן זיי אָנשטאָט צו היטן, פֿאַרדאַרבן די פֿעלדער. דאַרף מען זיי טאַקע עפּעס איבערלאָזן, זייער כיילעק ווערט ניט געשניטן און דער אָפּפֿאַל ניט אופֿגעקליבן.

ווי די רוכעס האָבן זיך גערופֿן, ווייסן מיר גענוי ניט. ס'קאָן געבן, אז דאָס זיינען געווען די „שיידים“, וועגן וועלכע ס'רעדט זיך אין „דוואָרים“ (לב., יז.), אז זיי זיינען די נייע געטער, וואָס זיינען געקומען ביערושע פֿון די שכיינים. דאָס וואָרט שעד, שיידים (שד, שדים) איז ענלעך צום העברייאישן וואָרט סאָדע (שדה—פֿעלד). די קלאַנגען שין און סין (ש, ש) פֿלעגן אויסגע־

רעדט ווערן קימאַט אלצאיינס, און אין דער אוראלטער עפּאָכע פלעגט מען זיי גאַנץ אָפּט פאַרבייטן (א שטייגער ש״בוילעס און סיבוילעס — א זאַנג). אלנפאל איז דער קולט פון פעלד-שיידים בא די בני-ייסראָעל איבערגענומען געווארן פון די קנאאנים, אזוי ווי די איצטיקע אראבער, וועלכע וואוינען אין פּאלעסטינע, האבן אים איבערגענומען פון זייערע פאָרגיינגער. אַדהאַיעם איז בא די אַראַבער איינגעפירט, אז זיי נעמען אַראָפּ די טוואוע פון פעלד, באַשפּריצן זיי די ערד מיט קאָרבן-בלוט, קעדיי צו מעהאנע זיין דערמיט די רוכעס פון פעלד.

סוקעס. אין הארבסט, צום סאָף יאָר (שמויס כג., טז.) האָט מען געפייערט דעם צווייטן ערדארבעט-יאָמטעוו. אָט דער יאָמטעוו איז געווען דער גרעסטער, דער באליבסטער און דער פרייליכסטער. ער איז פארגעקומען אין דער צייט, ווען מ׳פלעגט צונויפזאמלען די פּירעס און וויינטרויבן (דוואָרים טז. יז.). דער דאָזיקער יאמטעוו האָט געהאט פארשיידענע נעמען, אָפּט האָט מען אים גערופן פּאָשעט כאַג, ווי דער הויפט-יאָמטעוו, נאר ער האָט אויך געהאַט אייניקע ספּעציעלע נעמען: כאג-האָאָסיף — יאמטעוו פון פּירעס און וויינטרויבן-זאמלונג, הילולים — יאָמטעוו פון פרייד, סוקעס — יאָמטעוו פוןביידלעך. דער לעצטער נאָמען איז אים פארבליבן. ער שטאַמט פון דעם מינהעג וואָס די בני-ייסראָעל פלעגן זיך איבערקלייבן נאָכן אַראָפּנעם פון די פּירעס אין ביידלעך, וואָס פלעגן געמאַכט ווערן פון צווייגן אין די סעדער און וויינגערטענער. אדהאַיעם עקזיסטירט נאָך אין פּאַלעסטינע דער דאָזיקער מינהעג.

איינער א רייזנדער ראבינסאָן דערציילט, אז די צייט, ווען מ׳זאמלט די וויינטרויבן, איז פאר אַלעמען א צייט פון פרייד און פאַרוויילונג. די שטעט ווערן פוסט און אלע קלייבן זיך איבער אין די וויינגערטנער, וואו זיי וואוינען אין ביידלעך און געצעלטן. אין וואָס-זשע איז באשטאַנען די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן וויכטיקסטן ערדארבעט-יאָמטעוו? אָט אף דער פראגע איז ניט גרינג צו געבן אַן ענטפער באַלד, ווארום דער ריטואַל פון דעם יאָמטעוו ווערט אין דער טוירע באַשריבן אין צוויי, דריי קורצע אָנמערקונגען, וועלכע זיינען נאָך דערצו ניט גענוג קלאָר. מיט די דאָזיקע בעקיצערדיקע אָנמערקונגען דארף מען פאַרגלייכן דאָס, וואָס ווערט דערציילט וועגן סוקעס אין די היסטאָרישע ביכער, „גוויאים“ און „מישנע“.

דער טאַלמוד האָט סוקעס אַזוי ווי די איבעריקע יאָמטויוים: פּייסאַך, יאָמקיפּער, ראשעשאָנע און אַנדערע געווידמעט אַ באַזונדער מעסיכטע „סוקא“ (סוכה). אין דער דאָזיקער מעסיכטע ווערט גענוי באשריבן דער ריטואל פון יאָמטעוו, אין דער צייט פון ערשטן יאָר-הונדערט.

פון פאַרשיידענע ריטואלן קאָנען מיר לייכט אויסטיילן די אוראלטסטע, וועלכע זיינען דערמאָנט אין דער טוירע.

אפן סמאך פון דעם דאָזיקן גאַנצן מאַטעריאַל וועלן מיר פעסטשטעלן

די באַדייטונג פֿון סוקעס. אין טאָך געגומען, איז ער געוועֶן א צווײדייטיקער יאָמטעוו און האָט באפרידיקט די נויטיקסטע באַדערפנישן פון דעם ערד־אַרבעֶטער. די ערשטע באַדייטונג פֿון סוקעס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען א יאָמטעוו פון פיידעס און וויינטרויבן־אופֿקלייב, מיט וועלכן ס׳האָט זיך פארענדיקט דער ערדאַרבעֶט־יאָר, סוקעֶס פֿלעגן געֶמאַכט ווערן די סאַכאקלען פון דער גערעטעניש, נאָכדעם פלעגט אף א גאַנץ האַלב יאָר איבערגעריסן ווערן די פרייד פֿון יאָמטעוו. דעריבער, האָבן די דאַנק־קאָרבאָנעס פון סוקעס געֶטראָגן א ספעציפישן כאַראַקטעֶר—זיי זיינען באַשטאַנען בלויז פון די ערשטע פיירעס פֿון די גערטנער, צווישן זיי האָבן אַ געוויסעֶ ראל געֶשפילט די אזוי גערופֿענע „עסרויגים”, אזא מין צעטרין וואס וואַקסט אין פאלעסטינע.

אויסער דעם האָט זיך טייכנווייז געגאָסן דער עֶרשטער ווין, וואָס איז אויסגעטראָטן געֶוואָרן אין קעלער. דאָס האָט צוגעגעבן דער סימכע פון יאָמטעוו אַ באַזונדער פֿריילעכן ארגיע־כאראקטעֶר. נאָכדעם ווי גאָט האָט באַקומען זיין כיילעק, פלעגן זיך די מעֶנטשן נעמעֶן פאַר זייעֶר כיילעק: עסן, טרינקען, מסאַמייאך זיין זיך אף אַזויפיל, אַז דער יאָמטעוו האָט מיט רעכט פֿאַרדינט זיין נאמעֶן הילולים (פרייד). זיבן טעג נאָכאַנאַנד האָט זיך דער ווין טייכנווייז געגאָסן, ס׳האָט געדונערט און געקלונגען די מוזיק, ס׳האָבן זיך געֶלאָזט הערן לידער און אין א ווילדן טאנץ האָבן זיך קאַראַהאָדן געדרייט. אין די געֶצעלטן—סוקעס פלעגן אויך פאָרקומען סצענעֶס פון זנוס. דאָס פֿלעגט אלץ פאָרקומען אין נאָמען פֿון גאָט*).

אויסלענדער, גריכן, וואָס האָבן זיך מיט יעֶהודע באַקאָנט אין דריטן יאָרהונדערט פֿאַר קריסטוס געבורט, נאָכן גאַלעס, נאָך דעמאָלט, ווען די פֿרייד פֿון סוקעס האָט נאָך אייגעהיט איר שיקער־כאַראַקטער, האָבן געזאָגט, אז די יידן פראַוועוון אַ יאָמטעוו וואַקכוס, לעקאָוועד דעם גאָט פון וויינטרויבן. די ענלעֶכקייט האָט אין די אויגן פון די גריכן אויסגעזען באַזונדער שטארק, ווייל אויך אין גריכנלאַנד פֿלעגט מען אין דער צייט פון די „וואַקכאַנאַליעס” אופֿשטעלן ביידלעך אין די ווייגגערטענער, וואו ס׳פלעגן זיך איבערקלייבן אַלע פֿון קליין ביז גרויס, אלט און יונג, מאַן און ווייב און פארברייגען די צייט אין אָרגיעֶס.

אין גריכיש באַטייט ‛ORGE„ א הייליקער שיקער־טאנץ, דרייעֶן זיך אין א קאַראָהאָד. די קאָרבאָנעֶס פֿון סוקעס—פיירעס און אויך די בלוטיקע

*) אז די אויהאלים (געצעלטן) זיינען געווען פארבונדן מיט זנוס־סצענעס, קאנען מיר דרינגען פון יענע נעמען, וועלכע דער נאָווי יעכעזקל גיט די צוויי זוינעס, וואס סימוואליזירן בא אים יערושאלאים און שוימרוין—אהאלא (אהלה) און אהאליווא (אהליבה) פון שוירעש אויהעל (אהל)—א געצעלט (אהל־מועד—אויהעל־מויעד—דער מישקן פון מוישע). יעכעזקל האט בלי שום סאפעק גערעכנט, אז דאס דאָזיקע ווערטער־שפיל וועט זיין גאנץ פארשטענדלעך פאר זיין לעוער, און אין זיינע רייד האט ער טאקע געקעמפט קעגן פריצעס פון קולט אין דער מלאכים־טקופע.

קאָרבּאָנעס האָבן, לויטן געזעץ, געהערט צו יאַהוועןֹ, נאָר צוזאַמען מיט יאַהוועןֹ פֿלעגט מען נאָך אָפּטער ווי אין פֿרילינג און זומער דערמאָנען די אָרטיקע געטער בּאַאַל, אַזוי ווי אין פֿרילינג און זומער פֿלעגט מען דאָ אויך ניט פֿאַרגעסן די רוכֿעס פֿון די סעדער און ווייַנגערטנער. אין דעם פֿראַט האָט מען אָפּגעהיט גאַנץ בּאַשטימטע מינהאָגים, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער געזעצגעבּונג, האָגאָם ניט דערקלערנדיק זייער סייכל.

אין „וואַיקראַ“ (יט, כג) ווערט געזאָגט, אַז די פֿייַרעס פֿון יעדן נייַ־אייַנגעפֿלאַנצטן בּוים ווערט אין פֿאַרלויף פֿון די ערשטע דרייַ יאָר ניט אָראָפּגענומען, די ערשטע דרייַ יאָר רעכֿענען זיך די בּוימער פֿאַר פֿאַרשטאָפּטע (אָרלאַ—„ערלה“), זייערע פֿייַרעס טאָרן אַפֿילע ניט געבּראַכט ווערן פֿאַר אַ מאַטאָנע צו יאַהוועןֹ אין דעם יאָמטעוו „הילולים“. ערשט אין פֿערטן יאָר ווערן די פֿייַרעס פֿון די נייַ־געפֿלאַנצטע בּוימער אייַנגאַנצן אָפּגעגעבּן צו יאַהוועןֹ, אין דער צייַט פֿון „הילולים“. אין פֿינפֿטן יאָר בּאַקומט שוין יאַהווע בּלויז, ווי געוויינטליך איז, די ערשטע אָראָפּגעקליבּענע פֿייַרעס, די איבּעריקע געהערן שוין דעם מענטשן. אין פֿאַרלויף פֿון אַט די ערשטע דרייַ יאָר באַנוצן זיך ניט מיט די פֿייַרעס, ניט יאַהווע און ניט דער מענטש.

צו וועמען געהערן די פֿייַרעס יאָ? דער געזעץ זאָגט וועגן דעם גאָרניט. ס'איז אָבּער גאָרניט שווער אָנצושטויסן זיך, אַז דער סייכֿל פֿון דעם דאָזיקן מינהעג איז געווען דער אייגענער ווי בּאַם איבּערלאָזן בּאַ די בּרעגן פֿון פֿעלד די ניט דערשניטענע „פּייע“ און די ניט דערקליבּענע אָראָפּגעפֿאַלענע זאַנגען. די פּרוכֿט פֿון די ערשטע דרייַ יאָר זייַנען בּאַשטימט פֿאַר די נאָענסטע האַרן פֿון די העדער און ווייַנגערטענער. פֿאַר די רוכֿעס, וואָס געוועלטיקן איבּער זיי. זיי, די רוכֿעס, קומט עס דערפֿאַר, ווייַל זיי האָדעווען דאָך און בּאַשיצן די יונגע בּוימער.

געבּעט אף רעגן אום סוקעס.

דער דאָזיקער מינהעג, פֿאַרשטייט זיך, איז אַ קנאַאַנישער. ווען די בּנייַ־יִסראָעל זייַנען אַרייַנגעדרונגען אין קנאַאַן, האָבּן זיי אים אייַנגעהיט אָן קיין שום שינואים. די בּנייַ־יִסראָעל האָבּן נאָר צוגעגעבּן צו דעם דאָזיקן מינהעג איין קלאַל, אַז אויך אין פֿערטן יאָר בּאַקומען די מענטשן גאָרניט פֿון די פֿייַרעס פֿון די יונג־געפֿלאַנצטע בּוימער, קעדייַ צו מעהאַנע זייַן מיט דעם אויך יאַהוועןֹ, זייער גאָט. דעם נייַעם גאָט איז פֿונדעסטוועגן אויסגעקומען צו וואַרטן אף זייַנע „בּיקורים“ (בּכורים)—פֿייַרעס־ערשטלינגען, גאַנצע דרייַ יאָר. נאָר ניט מיט דער דאַנקבּאַרקייט אַליין פֿאַר דער גערעטעניש פֿון די פֿייַרעס און ווייַנטרויבּן און אין אַלגעמיין פֿאַר דער גאַנצער ערדאַרבּעט האָט זיך אויסגעשעפּט דער ריטואַל פֿון יאָמטעוו סוקעס. אין די געבּאָטן פֿון סייפֿער „וואַיקראַ“ איז וועגן יאָמטעוון סוקעס פֿאַראַן אַזאַ אָנזאָג: אויסער די פֿייַרעס דאַרף מען נאָך אויך בּרייַנגען פּאַלמען־צווייַגן, צווייַגן פֿון געדיכט־בּלעטערדיקע בּוימער—מירטן (הדסים—האַדאַסים) און ווערבּע־צווייַגן. צוליבּ וואָס דאַרף מען

אזוי טאן, דערקלערט אבער דער גענויער גארניט. ס'איז ניט קיין קארבן און ניט קיין בוי-מאטעריאל אף די ביידלעך. וועגן די ביידלעך ווערט גערעדט באזונדער אין א פאר שורעס ארום. די צווייגן אבער זיינען נויטיקע מאכשירים פון כאג. אין דעם הינזיכט וועט אונז העלפן די מעסיכטע „סוקא". דארטן ווערן באשריבן צוויי ריטואלן, וואס פלעגן דורכגעפירט ווערן מיט די דאזיקע צווייגן. איין ריטואל פלעגן אויספילן אלע פארזאמלטע פון דער באפעלקערונג. זיי פלעגן מאכן פון צווייגן ענלעך צו א קראנץ א לולעוו אזוי, אז דער געקרייזלטער שפיצקאפ פון דער פאלמע-צווייג זאל ארויסשטעקן פון די איבעריקע צווייגן. יעדער איינציקער האט עטלעכע מאל געשאקלט מיט זיין לולעוו לויט די אויסגעשרייען פון די לעוויאים: „געלויבט איז גאט, וועגן יאהוועס גענדיינק!". דער צווייטער ריטואל פלעגט אויסגעפירט ווערן פון די קויהאנים אליין. פון א באשטימטן ארט, פון באשטימטע בוימער פלעגן זיי ברענגען ווערבע-צווייגן און אלע טאג מיט א גרויס פאראד-פראצעסיע פלעגן זיי ארומגיין ארום מיזבייאך, אף וועלכן ס'פלעגט געבראכט ווערן א ברען-קארבן, א קארבן-אוילע און אויסשרייען: „א, יאהווע, העלף, שיק א גוט יאר", און פלעגן בלאזן אין שויפרעס. דעם לעצטן טאג פון יאמטעוו פלעגט מען ארום מיזבייאך ארומגיין זיבן מאל, ס'קאן זיין, אז ניט מיט אזא פאראד. די דאזיקע ריטואלן אבער פלעגט מען פראווען אויך אין דער פארגאלעס-עפאכע. כאץ דעם גיט איבער די מעסיכטע „סוקא" וועגן נאך א ריטואל. די טוירע אבער, דערמאנט וועגן אים גארניט*).

דער דאזיקער ריטואל טיילט אפ דעם יאמטעוו סוקעס פון אלע איבעריקע. אט איז דער ריטואל: אלע טאג פלעגט מען אויסער דער יאמטעוו-גיסונג פון וויין און בוימל (נסך—נעסעך) פראווען נאך א גיסונג, א גיסונג פון וואסער פון א באזונדער בעקן, וואס פלעגט געשטעלט ווערן פון מאירעוו-זייט אפן מיזבייאך. אט די דאזיקע גיסונג פלעגט דורכגעמאכט ווערן פון א קויהען, וואס איז געווען ספעציעל באשטימט אף דעם. די איבעריקע קויהאנים פלעגן דעמאלט בלאזן דריי מאל שויפער. ווי ס'איז צו זען אט פון די אנגעמערקטע שטריכן, איז דער ריטואל פון קארבן-נעסעך אויך זייער אן אלטער און ווי מיר וועלן שפעטער אויסגעפינען, גיט ער דעם שליסל צו פארשטיין פון וואנען ס'נעמט זיך דער ריטואל פון שאקלען מיט די צווייגן. ער באווייזט אף נאך א באדייטונג, וואס דער יאמטעוו סוקעס האט געהאט פאר די בניי-ייסראעל.

רעב אקיווע, איינער פון די בעסטע קענער פון דער אוראלטער רעליגיעזער מעסוירע, דערקלערט די ספעציפישע קארבאנעס פון די דריי ערד-ארבעט-יאמטויווים אזוי: „ברייננ א גארב פון ערשטן גערשטן אף פייסאך, ווייל דעמאלט ווערט דער גערשטן צייטיק, זאל צוליבן גארב געבענטשט זיין די

*) מכות סוכה מ"ה, א—ב.

זאמלונג פון שניט, ברײנג אויך די ערשט-געבאַקטע ווײצענע ברויט — „ביקורים" (בכורים) אף שוואועס, וואָרום דאָס איז די צייט פון ווייץ-שניט. זאָלן געבענטשט זיין די פּיירעס פון דיינע בוימער און גיס וואַסער אום יאָמטעוו סוקעס, ס'איז די צייט פון רעגן, זאָלסט געבענטשט זיין מיט רעגן"*).

דערביי שטיצט זיך רעב אַקיווע אף דעם נאָווי זכאַריע, וועלכער זאָגט, אַז דער וואָס וועט ניט „אוילע-רעגל" זיין אף סוקעס אין יערושאָלאַים, דעם וועט יאַהווע ניט שיקן קיין רעגן („זכאריע" יד, טז—יז). פון דאַנען ווערט פאַר אונז באַשיינפערלעך די לעצטע באַדייטונג פון סוקעס. מיט דער הילף פון זיינע ריטואלן האָט מען געוואָלט זיך פאַזאָרגן אף א גאנץ ווינטער מיט רעגן, אָן וועלכן די גערעטעניש איז אוממעגלעך.

דער קלימאט אין פאַלעסטינע איז אזאַ, אַז אין דער צייט פון שניט און זאַמלונג פון די פּיירעס, פון סיוון ביז טישריי, גייען דארטן רעגנס זייער זעלטן און פאַר דער ערדארבעט זיינען זיי דעמאָלט טאַקע ניט נויטיק. פאַרקערט, אויב ס'איז ניטא קיין רעגן אין פעריאָד פון טוואָרע-זייען און וואקסן, הייסט עס אַן אומפאַרמיידלעכער הונגער מיט אלע זיינע אומגליקן.

אין סוקעס-צייט פלעגט מען ניט נאר דאַנקן פאר דער שוין אופגעזאַמלטער גערעטעניש, נאָר מען פלעגט זיך אויך סטאַרען באַזאָרגן מיט א נייער גערעטעניש, בעטנדיק אף רעגן, און דער ריטואל פון גיסן וואסער אפן מיזבייאך, האָט טאַקע צו דעם א שאיכעס. ער שטיצט זיך אף דער אזויגערופענער נאכמאַכונג-מאגיע, וועלכע באשטייט אין דעם, אז דעם אדער יענעם געוואונשענעם טאַט קאָן מען ארויסרופן, ווען מען מאכט אים נאָך. הייסט עס, אז א גוס-רעגן (אין פאַלעסטינע זיינען די רעגנס אַלעמאָל זייער שטאַרקע) קאָן מען ארויסרופן מיט אַ וואסער-גיסונג. דער בעקן פון קאָרבן-נעסעך פלעגט טאָמיד שטיין אין מאירעוו-זייט, ווייל די וואָלקנס אין פאלעסטינע קומען געוויינטלעך אָן פון מאירעוו. דאָס בלאָזן אין שויפער האָט דערביי געהאַט דעם זעלבן צוועק, וואָס אין יאָמטעוו פון דער לעוואָנע—אָפּטרייבן די בייזע רוכעס, וועלכע קענען אָפּשוואַכן דעם קויאך פון ריטואל. דעם זעלבן מאגישן סייכל האָט געהאַט אויך דער ריטואל צו שאָקלען מיט צווייגן פון בוימער, וואָס פלעגט אויסגעפירט ווערן פון די מיספּאַלעלים און קויהאנים. זייער ציל איז געווען ארויסצורופן מיט זייער נאכמאכנדיקער מאגיע דעם ווינט, וועלכער ברייננגט די רעגנוואָלקנס. די תּפילעס צו יאַהווען, וואָס פלעגן געזאָגט ווערן בעת דער דאָזיקער צערעמאָניע, האָבן געהאַט דעם ציל צו באַקומען הילף פון גאָט, אז די מאַגיע זאָל זיך איינגעבן („אָ, יאַהווע, העלף, אָ, יאַהווע, זיי מאצליעך!"). מיט די שויפרעס האָט מען אפגעטריבן די בייזע רוכעס. דאָס וואסער גיסן אפן מיזבייאך האט אויך געהאט דעם ציל רופן צו הילף יאהוועז בא דעם דאָזיקן מאַגישן ריטואַל.

---

*) תוספתא סוכה פרק ג. י"ח.

אָט דער ריטואַל איז טאַקע אַן אוראַלטער. מיר ווייסן, אַז מיט אַזעלכע ריטואַלן סטאַרען זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג די נאַטור־פֿעלקער אַרויסצורופֿן ווינט און רעגן אין דער צייט פֿון אַ טריקעניש.

ס׳איז קיין שום ספֿק ניט, אַז דער ריטואַל פֿון שאָקלען מיט די צווייגן און דאָס וואַסער גיסן, האָבן עקזיסטירט אין כּנען נאָך פֿאַר דער עפּאָכע פֿון ייִסראָעל און זיינען איבערגענומען געוואָרן פֿון די כּנענים. אין דער וואַנדער־עפּאָכע האָבן אַזעלכע ריטואַלן בײַ די בני־ייִסראָעל נאָך ניט געקאָנט זיין. דער וואַנדערער נויטיקט זיך ניט אין רעגן, ער נויטיקט זיך אין וואַסער־קוואַלן פֿון אַן אָאַזיס, און אויב אַ ווינטער־טריקעניש פֿלעגט אים לאָזן אָן ברויט, זיינע פֿי אָן פּאַשע, פֿלעגט ער זיך אויפֿהייבן מיט זיינע טשערעדעס און אַוועקלאָזן זיך אין דעם נאָענסטן ערדאַרבעט־לאַנד, קעדיי דאָרטן איבערצוקומען די הונגער־צייט.

שפּורן פֿון וואַנ־דער־יאָמטויווים אין דער עפּאָכע פֿון די קיניגן.

אַזאַ כאַראַקטער האָבן די יאָמטויווים אָנגענומען שוין אין דער צייט ווען ס׳האָט זיך איינגעשטעלט דער איינגעזעסענער שטייגער. פֿונדעסטוועגן זעען מיר, אַז האַגאָם די הויפּט־יאָמטויווים זיינען נייע און זיינען ניט געפּראַוועט געוואָרן אין דער וואַנדער־עפּאָכע, איז אָבער דער יעסאָד זייערער דער אייגענער וואָס פֿריער. אַזוי ווי פֿריער, ווען די וואַנדערער בני־ייִסראָעל פֿלעגן ברענגען דעם קאָרבן־פּעסאַך און אויספֿילן פֿאַרשיידענע לייטערונג־ריטואַלן פֿון יאָמקיפּער, האָבן זיי קודעם קאָל געהאַט אין אויג זיך אַליין זייער מישפּאָכע, זייער מאַכנע און זייערע פֿי, מיט איין וואָרט, זיי האָבן זיך געסטאַרעט צו פֿאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ, אַזוי אויך דאָ, האָט דער ערד־אַרבעטער דערמאָנט די געטער און רוכעס צוליב זיין אייגענער הויזגעזינד־צוליב זיינע פֿעלדער און גערטנער. אַזוי ווי יענער, דער וואַנדערער, אַזוי האָט אויך דער ערדאַרבעטער געמיינט, אַז צו פֿאַרזיכערן זיך מיט אַ מאַזל־דיק לעבן, דאַרף מען ווי ס׳איז אַריינטרעטן אין באַציאונגען מיט די רוכעס. דער אונטערשייד איז בלויז באַשטאַנען אין דעם: דער וואַנדערער, וועלכער האָט געלעבט אין געהיימניספֿולן, גראָען, אָרימען מידבער, וואו ער האָט זיך אויף יעדן שריט און טריט אָנגעשטויסן אויף אומדערוואַרטע סאַקאָנעס, האָט זיך געמוזט פֿאָרשטעלן די רוכעס ווי בייזע און געפֿערלעכע באַשעפֿענישן, און דעריבער האָט ער פֿריער פֿון אַלץ געטראַכט ווי אַזוי צו באַקעמפֿן זיי, צו פֿאַריאָגן זיי און מאַכן זיי אומשעדלעך, פֿאַרהיטן זיך און די באַלעבאַטישקייט זיינע פֿון פֿיינדלעכע מאַיסים.

דער ערדאַרבעטער אָבער, וואָס האָט געלעבט אין אַ קולטורעלן לאַנד און באַקומען גוטע גערעטענישן, האָט זיך פֿאָרגעשטעלט די געטער אין אַן אַנדער אויסזען. אים האָבן זיי געשיינט צו זיין גיכער גוטע ברואים איידער בייזע, וואָרום ער האָט אין זיי געזען די סיבה פֿון אומפֿאַרשטענדלעכער, פֿאַר אים, שפּראָצונג פֿון טוואָרע, גרינסן און פֿייעס.

ווי דער וואַנדערער גלויבט, לעבן די מידבער־געטער און רוכעס פונקט ווי די גאַזלאָנים אין דער וויסטע, זיי פאַלן אָן אַף מענטשן און פּי און זויפּן זייער בלוט. דער ערדאַרבעטער אָבער, גלויבט, אַז די רוכעס און געטער זיינען די באַלעבאַטים פון דער ערד, וועלכע ער, דער ערד־אַרבעטער, האָט ניט די זכיע צו זען מיט זיינע אויגן, און אַז זיי, די רוכעס, שפּייזן זיך מיט פּיירעס, געוויקסן. פּונקט ווי ער, דער ערדאַרבעטער אַליין. פון דאַנען נעמט זיך דער אונטערשייד פון קולט און ריטואַל פון די יאָמטויווים.

באַ די וואַנדערער פאַרנעמען דעם ערשטן אָרט די בלוט־קאָרבאָנעס — לייטערן זיך און אויסקויפן זיך מיט קאָרבן־בלוט: נעם זיך דייניקע און לאָז כאָטש די איבעריקע פאַר אונז. באַ ערדאַרבעטער איז אָפן ערשטן פלאַן דער פרידלעכער קאָרבן (זבחי־שלמים—זיוובֿיי־שלאָמים) — אַ קאָרבן פון געוויקסן, ווי אַ צייכן פון דאַנקבאַרקייט, אַ מין נאַטור־שטייער: נעם דייניקע, ווייל דאָס געהערט צו דיר און טו פון אונז דיין כעס ניט אָפּ. דערפאַר האָבן די יאָמטויווים פון דער וואַנדער־עפּאָכע געטראָגן אַ מאָרעשכוירעדיק ערנסטן כאַראַקטער, און פאַרקערט, אין דער איינגעזעסענער עפּאָכע, זיינען זיי געוואָרן טעג פון פרייד און פאַרגעניגן.

די פריערדיקע יאָמטויווים זיינען אָבער אינגאַנצן ניט פאַרשוואונדן, זיי האָבן נאָר, גלייך ווי פּייסאַך, געענדערט זייער כאַראַקטער און פּאָפּולערקייט. וואָס ווייטער צו צאָפן־צו, אַלץ ווייניקער האָט מען געפּראַוועט פּייסאַך. אין עפּראַיִם האָט מען אים, גאַנץ מעגלעך, גאָרניט געפּראַוועט. מ׳האָט אים געפּראַוועט בלויז אין יעהודע, וואו ער איז געווען אַ יאָמטעוו נאָר פאַרן גאָט יאַהווע. די זעלביקע זאַך און עפּשער נאָך מער קען מען זאָגן וועגן יאָמקיפּער. וואָס ווייטער פון מידבער, וואָס שענער און רייכער ס׳איז געווען די ערדאַרבעט־קולטור, אַלץ מער האָט מען פאַרגעסן אַף דעם דאָזיקן יאָמטעוו. אויב וועגן פּייסאַך זיינען פאָנדעסטוועגן פאַראַן געוויסע געבאָטן אין „שמוים“ און דוואָרים, ווערט דאָרט דער טאָג פון לייטערונג—יאָמקיפּער, גאָרניט דערמאָנט. מ׳דאַרף אָבער רעכענען, אַז אין לאַנד יעהודע פלעגט מען אים דאָך פּראַווען; ס׳האָט זיך אָבער שטאַרק געענדערט זיין ריטואַל. אויסער די בעק (סעאירים) פלעגט מען מאַקריוו זיין אַ קאַלב, אַ באַלכאַיִם, וואָס איז פאַרבונדן מיט ערדאַרבעט. איר בלוט האָט געקענט מעטאַהער זיין גלייך ווי די בלוט פון סאָאיר. דעם ערשטן סאָאיר פלעגט מען מאַקריוו זיין צו יאַהווען, פון דעם דאָזיקן סאָאיר־בלוט האָט מען געוואַרט, אַז עס זאָל העלפן קעגן דער „טומע“, קעגן די „ביט גוטע“. דעם סאָאיר לאַזאָזל פלעגט מען אַוועקשיקן, לויטן אַלטן מינהעג, וואָרום אַזוי האָט מען זיך נויהעג געווען פון פאַרצייטן.

פון די וואַנדער־יאָמטויווים האָבן זיך אומעטום איינגעהיט נאָר די יאָמטויווים פון ניי־לעוואָנע—ראָשכוידעש און פול־לעוואָנע—שאַבעס. און דאָס איז נאַטירלעך, וואָרום די צייט־רעכענונג, וואָס באַזירט זיך אַף די פאַזעס פון דער

לעוואַנע, איז פאַרן ערדאַרבעטער נאָך אַסאַך וויכטיקער ווי פאַרן וואַנדערער. ראַשכוידעש האָט זיך גערעכנט פאַר זייער אַ וויכטיקן יאָמטעוו. ווער ס'האָט זיך צו יענער צייט געפונען ניט אין דער היים, אין דער פרעמד, האָט זיך געסטאַרעט צו קומען אַהיים, קעדיי צו פּראַוועון אים צוזאַמען מיט די קרויווים, דאָס הייסט אַזוי געזעלשאַפטלעך ווי מ'האָט אים געפּראַוועט בײַ דער וואַנדער-עפּאָכע.

פון אַלע ניי-לעוואָנעס-ראַשכוידעש האָט זיך אויסגעטיילט דער האַרבסטיקער, מיט וועלכן ס'הויבט זיך אָן דער נייער יאָר ראָש-האַשאָנאַ. אין דעם דאָזיקן טאָג האָט מען אומבאַדינגט געמוזט בלאָזן שויפער און די טרועס האָבן געמוזט זיין באַזונדער לאַנגע. אַזוי האָט מען טאַקע גערופן אָט דעם דאָזיקן ראַשכוידעש, ריכטיקער, דעם דאָזיקן יאָמטעוו — יאָמטרוע — דער טאָג פון שאַלן אין שויפער (יום-תרועה). אָבער דער כאַראַקטער פון ניי-לעוואָנע און פול-לעוואָנע-יאָמטויווים, איז אין דער ערדאַרבעט-עפּאָכע געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין שרעקלעכע, געהיימניספולע טעג, ווען מען מוז זיך באַזונדערס סטאַרען צו פאַרטרייבן די רוכעס מיט קלאַנגען פון שויפער-בלאָזן; פאַרקערט. פונקט ווי די דריי ערדאַרבעט-יאָמטויווים זיינען זיי געוואָרן טעג פון פרייד און מאָלצייטן.

צו יאָהוועץ אָדער צום אָרטיקן גאָט באַאַל פלעגט מען דעמאָלט ברענגען קאָרבאָנעס, דאָס רוב פון באַלעכאַים, דערביי פלעגט מען, לויטן מינהעג פון אַמאָל, מאַקריוו זיין אַ לייטער-קאָרבן, אַ באָק. באַשטימטע טיילן פון קאָרבן פלעגן פאַרברענט ווערן אויפן מיזבייאַך, דאָס איבעריקע פלעגט מען אויפעסן אויפן קאָרבן-מאָלצייט, וואו ווין פלעגט זיך גיסן טייכנווייז. די שטרייגע בני-יעהודע, וואָס האָבן געוואוינט בישכיינעס מיטן מידבער, האָבן אומצופרידן געקוקט אויף אַזאַ ראַשכוידעש און שאַבעס-יאָמטעוון. לויט זייער מיינונג זיינען די יאָמטויווים, צוליב די דאָזיקע צערעמאָניעס, געוואָרן „טעג פון גאָט באַאַל“.

פון דער באַר וואָס געבראַכטער באַשרייבונג פון די יאָמטויווים אין קאַרבן-מאַלצייטן. דער עפּאָכע פון ערדאַרבעט, איז צו זען, אַז צווישן די ריטואַלן זייערע האָבן אַ גרויסע ראָליע געשפילט מאָלצייטן. די דאָזיקע מאָלצייטן האָבן פאַרן ערדאַרבעטער געהאַט ניט בלויז אַ רעליגיעזע, נאָר אַ שטייגערישע באַדייטונג. די רעליגיעזע באַדייטונג פון זיי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די מענטשן האָבן געמיינט, אַז עסנדיק די פלייש פון קאָרבן, עסן זיי צוזאַמען מיט די געטער, און אינאיינעם מיטן בלוט און פלייש פון קאָרבן זעטיקן זיי זיך אָן מיט געזונט און קויכעס. די שטייגער-באַדייטונג פון די מאָלצייטן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ראַשכוידעש און שאַבעס זיינען געווען די איינציקע טעג, ווען דער ערדאַרבעטער האָט געהאַט צום טיש גענוג פלייש. געוויינטלעך איז די שפּייז פון די בני-ייסראַעל סיי אין דאָרף און סיי אין שטאָט, סיי בײַ אַ האַר

און סיי בא א פאשעטן פויער געווען ברויט, פוטער און מילך, אויב מען האט פארמאגט—אויך האניק און פרוכט.

אין אזא ווארימן קלימאט ווי אין פאלעסטינע, איז עס גאנץ געווען. אין די ווארימע געגנטן איז פלייש ביכלאל נים אזא טעגלעכע נויטווענדיקייט, ווי אין די צאפנדיקע. ס'איז גאנץ פארשטענדלעך, אז פלייש, ווי א זעלטנ־הייט איז געווארן א „דעליקאטעס", א געטלעכער מאכל און דעריבער פלעגט מען עס געברויכן מיט באזונדערע רעליגיעזע צערעמאניעס. אין די מאלצייטן פון ראשכוידעש און שאבעס האט מען זיך געסטארעט אנעסן צו זאט אף גאנצע צוויי וואכן פאראויס. די קארבן־מאלצייטן זיינען געווען אלגעמיינע, געזעלשאפטלעכע, נים פאר יעדער הויז־געזינד באזונדער. לעבן מיקדעש אדער אין מיקדעש גופע פלעגט איינגעאָרדנט ווערן א ספעציעלער ארט פאר מאלצייטן, אפטער פלעגט מען אפילע צוליב דעם אויסבויען א ספעציע־לע גאלעריי אדער זאל. אהין פלעגן קומען אלע איינוואוינער פון דארף. פרייע בניי־יסראעל, קנעכט און גיירים פלעגן עסן, טרינקען און פרייען זיך פאר יאהוועןאדער פארן ארטיקן גאט באאל. אויב אין דארף איז געווען א קויהען, פלעגט ער די קארבן־פלייש צוטיילן צווישן די אייגטיילנעמער פון מאלצייט, און ס'פארשטייט זיך, אז די בעסטע כאלאקים פלעגן באקומען די באלעגופן פון דארף. אויב אבער קיין קויהען איז נים געווען (ווייל נים יעדער דארף האט געקענט אויסהאלטן א קויהען), פלעגט די פלייש צוטיילן דער עלסטער, וואס פלעגט אין דעם פאל שפילן די ראלע פון א קויהען. אין די דערפער זיינען די מאלצייטן געווען נאר איין טייל פון די ריטואלן אין די דריי ספעציעלע ערדארבעט־יאמטויוום. דער איקער־ריטואל איז באשטאנען אין די קארבאנעס.

ווען ס'זיינען אופגעקומען די שטעט און ס'האט זיך אויסגעטיילט א שטאטישע באפעלקערונג פון סאכרים און באלמעלאכעס, האבן די קארבן־מאלצייטן אין שטאט באקומען די וויכטיקסטע באדייטונג.

דעם ערשטן גארב און די ערשט־אויסגעבאקענע וויצענע לאבנס ברויט האט מען פאר א קארבן אין שטאט נים אזוי לייכט געקענט ברייגען און ווייט נים אלע שטאט־איינוואוינער האבן געקענט ברייגען אף סוקעס די ערשטע פרוכט, ווייל נים אלע האבן געהאט סעדער און וויינגערטענער. דעריבער האבן פארנומען אין שטאט דעם ערשטן פלאץ יענע ריטואלן, וועלכע האבן גע־קענט אויסגעפילט ווערן בא די שטאטישע באדינגונגען. אין כאג־האמאצעס האט מען שטרייג אפגעהיט דעם מינהאג פון מאצע, סוקעס—דעם מינהאג פון וואוינען איןביידלעך, ווי ווייט מעגלעך אויסערן שטאט, און אין אלע יאמטוי־ווים האט מען איינגעפירט קארבן־מאלצייטן. די רייכע שטאטישע איינוואוינער פלעגן איינאָרדנען די דאזיקע מאלצייטן מיט אזויפיל שפייז און מאשקאעס, אז די מאלצייטן אין דארף האבן אנטקעגן זיי אויסגעזען נעבאכדיק און ארים.

באַזונדער האָט זיך מיט די דאָזיקע מאָלצייטן אויסגעצייכנט שוימרוין. אין מיקדאָש פון שוימרוין פלעגט מען צושטעלן טישן איינע לעבן די אַנדערע, בא די טישן פלעגט זיצן אויסגעפּוצטע אין די שענסטע יאָמטעוו-קליידער און צירונג די גאַנצע שטאָטישע באַפעלקערונג. מ'האָט געהוליעט, געזויפט און געגעסן, ביז עס פלעגט אנהויבן קערן אף צוריק ביז „ברעכן". מ'פלעגט מייקענען אפן פאדלאָגע און אף די טישן, און ווען ס'פלעגט ווערן אביסל לייכטער, פלעגט מען זיך ווידער נעמען עסן און טרינקען.

פון אַלע זייטן האָט זיך געטראָגן א ווילדער געזאַנג. ווער עס האָט נאָר געקאָנט, האָט זיך געלאָזן אין טאַנץ. בעררויש פון דער ארגיע, אויבנאָן, זיינען געזעסן די קויהאַנים, זאַט און מיט גרויס גאַיווע—די האַרן מיט זייערע אויסגעפּוצטע ווייבער און דער קיניג מיט זיין פאַמיליע. צום סאָף, ווען אַלץ איז שוין געווען אויסגעטרונקען און אופגעגעסן, פלעגט דער האַמוין איינשלאָפן אין אַ שיקערן, אומרואיקן שלאָף.

אין האַרבסט-צייט, אין דער צייט פון יאָמטעוו סוקעס, פלעגן אף די דאָזיקע מאָלצייטן פאָרקומען עקלהאַפטע סצענעס פון זנוס. פרויען און מענער האָבן זיך ניט געשעמט און פאר אַלעמען אין די אויגן זיך איבערגעגעבן די טאַיוועס פון זנוס. אזוי האָט געפּראַוועט אירע יאָמטויווים די בורזשואַזיע פון יייסראָעל.

IV.

די יאָמטויווים, לויט די געזעצן פון קיניג יאשיאהו.

אין דעם ערשטן קאפּיטל האָבן מיר געזאָגט, אז די קויהאַנים פון בייסהאַמיקדאש אין יערושאָלאַיִם האָבן פארשטאַרקט זייער מאכט אין 7-טן און 8-טן יארהונדערט פאַר קריסטוס געבורט.

וואס גרעסער און שטארקער די שטאט יערושאלאים איז געווארן, אלץ פעסטער איז געוואָרן די לאַגע און ווירקונג פון די קויהאַנים. ביכלאַל, האָט דער אופקום פון שטעט, פון האַנדל און פון א שטאָטישער באַפעלקערונג מיטגעווירקט, אז די צאל פון די קויהאנים זאל אויסוואקסן און אויסטיילן זיך אין א באזונדער פראפעסיאנעלע-געזעלשאַפטלעכער גרופע.

קויהאנים.

אין דער וואנדער-עפאכע זיינען קיין קארבאנעס-ברײנגער-פראפעסיאנאלן, איינגאַנצן נית געווען. דעם קארבן פלעגט ברײנגען אדער דער עלטסטער פון דער מאכנע, אדער דער פירער פון שייוועט, אדער א פאטריארך פון א פאטער-הויז. צוליב רעליגיעזע פונקציעס פלעגן אויסגעטיילט ווערן אזוינע מייסים-ארויסרופער, שפרעכער, אלצווייסער, צייכנווארפער. וואס האבן געוואוסט דעם קונץ פון טרעפן און, קלוימערשט, געהאט א מעגלעכקייט צו אנטפלעקן פארן מענטשן דעם ראָצן פון די געטער. אזוינע מענטשן האבן בא די אראבער געהייסן קאַהין, א ווארט, וואס אנטשפרעכט דעם העברייאישן קויהען (כהן), און פון דאנען איז געדרונגען, אז אין לאנד ייסראָעל זיינען די קויהאנים טכילעס געווען נית די, וועלכע פלעגן זיך באשעפטיקן מיט מאקריוו זיין קארבאנעס, נאר טרעפער און שפרעכער.

אין אנהויב פון דער מעלאָכים-עפאָכע איז אפילע אויך אזוי געווען. דער קיניג דאָוויד פלעגט טאמיד האלטן בא זיך קויהאנים, נית אף מאקריוו זיין קאָרבאָנעס, נאר צוליב דעם, אז זיי זאלן אים פאראויסזאָגן אלץ, מיט דער הילף פוןווארפן גוירל און צייכן (אזוינע ביינדלאך און העלצלאך—די אזוי גערופענע „אורים וויטומים"—„אורים ותומים"). אבער ווען אינאיינעם מיטן אײנגע-

זעסענעם לעבן זיינען אופגעקומען שטענדיקע מיקדאשים, זיינען שוין דעמאלט אויך נויטיק געווען פארוואלטערס פון די מיקדאשים. די דאזיקע פארוואלטערס האבן געדארפט היטן און אכטונג געבן אף דער ריינקייט און ארדענונג. נאטירלעך זיינען אזוינע פארוואלטערס געווארן די פריערדיקע קויהאנים-טרעפער.

אף א גרויסן יאמטעוו, ווען עס פלעגן זיך צונויפקלייבן אין מיקדאש די ארומיקע איינוואוינער, איז דער קויהען געווען דער שעליאך צו ברייגגען דעם אלגעמיינעם קארבן. ער איז אויך געווען דער פארזיצער פון קארבן-מאלצייט.

אט אזוי, בעהאדראגעדיק, ביסלעכווייז, זיינען די קויהאנים געווארן פון שפרעכער און טרעפער-מענטשן, וואס האבן זיך באשעפטיקט מיט מאקריוו זיין קארבאנעס. דאך האבן זיי קיין מאנאפאל אף דעם ניט געהאט. קיינער האט ניט געשטערט און פארווערט יעדן איינציקן פון די בנײ-ייסראעל אליין צו מאקריוו זיין א קארבן. אפילע אין דעם בייסהאמיקדאש אין יערושאלאים, וואו ס'איז געווען א גאנצער שטאט קויהאנים, פלעגט דער קיניג אליין אפטמאל ברייגגען א קארבן. מ'איז אבער געווייגט געווען צו ווענדן זיך צו די קויהאנים פון די מיקדאשים, אז זיי זאלן מאקריוו זיין קארבאנעס.

די קויהאנים האבן אויסגענוצט זייער אדמיניסטראטיווע לאגע און גע-זאגט, אז זיי ווייסן בעסער פון אנדערע ווי אזוי צו ברייגגען קארבאנעס, און פינקטלעך אפצוהיטן די ריטואלן, איז זייער א וויכטיקער איניען. אויב מ'ברייגגט א קארבן ניט ווי עס דארף צו זיין, האבן זיי געווארנט, וועט אים גאט ניט אננעמען און דער געוואונשענער ציל וועט ניט דערגרייכט ווערן.

דאס רעכט צו מאקריוו זיין קארבאנעס, האט געגעבן גאנץ גרויסע האכנאסע, ווארום מער ניט ווי בא א קארבן-אוילע (קרבן עולה) פלעגט זיך דער גאנצער באלכאים פארברענען אפן מיזבייאך, פון אלע איבעריקע קארבאנעס פלעגן באדייטנדיקע טיילן בלייבן לעטויוועס דעם קויהען. דאס איז געווען א גאנץ היפשער צוגאב צו די מאטאנעס, וואס די קויהאנים פלעגן באקומען פארן פארזאגן דעם ראצן פון יאהווע און פאר אכטונג געבן אפן מיקדאש.

מיקדאשים זיינען געווען פארשיידנארטיקע, אנגעהויבן פון א קלייגער „דערהויבעניש" (באמא—במה) אף א בערגל, לעבן א דערפל און ענדיקנדיק מיט א גרויסן בייסהאמיקדאש, וועלכער האט געהאט זיינע באזונדערע, ספע-ציפישע הייליקייטן און האט זיך געפונען אין א וויכטיקן פונקט. אזוי האט עקזיסטירט א מיקדאש אין שיליי „מישקאן-שיליי", אין דער עפאכע פון די ריכטער (שויפטים) און אין דער צייט פון קיניג שאאול. אין דעם דאזיקן מיק-דאש איז געשטאנען דער אזוי-גערופענער „ארן פון בונד" (ארוין-האבריס—

ארון=הברית). דאס איז געווען א הילצינער קאסטן, אין וועלכן ס'זיינען געלעגן אזוינע אוראלטע שטיינער,*) וואס האבן זיך גערעכנט פאר הייליקע.

דער דאזיקער מיקדאש האט געהערט צו א פארצייטיקן קויהאנים=שטאם, וואס האט געוואוסט דעם טרעף=קונץ נאכן ארן נאך. שפעטער, ווען דער מישקן פון שילויי איז כארעוו געווארן, האט דעם ארן פארכאפט דער קיניג דאוויד און אוועקגעשטעלט אים אין זיין רעזידענץ, אפן בארג ציען. אט פאר דעם דאזיקן ארן האט דער קיניג שלוימע אויסגעבויט אן עמעסן בייסהאמיקדאש. מ'האט געגלויבט, אז דא אין ארן איז יאהוועס וואוינונג און אז פון דאנען גייט דער ראצן יאהוועס. אף אזא אויפן האבן די יערושאלאימער קויהאנים באלד פארנומען דעם אנגעזעענסטן ארט, און ווען יערושאלאים איז פון א קליינינקער, קיניגליכער, באפעסטיקטער רעזידענץ געווארן די איינציק גרויסע האנדלס=שטאט, איז די באדייטונג פון די יערושאלאימער קויהאנים געווארן נאך שטארקער.

די קויהאנימשאפט איז רייך געווארן ניט נאר פון די קיניגלעכע מאטאנעס, נאר אויך פון די גרויסע האכנאסעס, וואס זי האט געהאט פון דער באפעלקערונג, וועלכע פלעגט קומען אין בייס=האמיקדאש ברייגען קארבאנעס, קעדיי צו דערוויסן זיך וועגן זייער וויטערדיקן לעבנגאנג דורך פארשיידענע שפרוכן און טרעפערייען. רייך און שטארק·ווערנדיק האט זי, פארשטייט זיך, געוואלט פארטיליקן, אדער, לעכאל האפאכעס, אונטערווארפן אונטער איר מעמשאלע די קאנקורענטן אירע, ד. ה די קויהאנים פון אנדערע געטער און אנדערע מיקדאשים.

אויסנוצנדיק די שווערע לאגע, אין וועלכער ס'האט זיך געפונען די קיניגרייך יעהודע, די אלגעמיינע אומצופרידנקייט און פאלקס=ליידן, האבן די קויהאנים פון יערושאלאים „געשלאגן בלאט" מיט די נעוויאים, נאר אין דעם זין, אז דער גאנצער אומגליק קומט פון דעם פאלקט-זינד און אז די זינד באשטייט אין דעם, וואס גלייך ווי צו יאהוועז בוקט מען זיך צו אנדערע געטער. יייסראעל און יעהודע האבן איין גאט—דער גאט יאהווע, נאר צו אים דארף מען דינען און דעמאלט וועט שוין אלץ רעכט ווערן.

אבער ווי אזוי, אף וואס פאר אן אויפן דארף מען דינען יאהוועז? אין דער פראגע זיינען זיך שוין די קויהאנים און די נעוויאים פארנאנדערגעגאנגען. די ערשטע האבן אזוי געזאגט: מ'דארף דינען יאהוועז ווי די קויהאנים פון יערושאלאים האבן געבאטן און אזוי איז אופגעשטעלט געווארן דער „סייפער האטוירע" (ספר התורה), ד. ה. דער סייפער „דווארים", וועלכן מ'האט אין יאר 621 „געפונען" אין בייס=המיקדאש פון יערושאלאים.

*) ס'קאן גרייליך זיין, אז אין „ארן" זיינען געלעגן פון שטיין-אויסגעהאקטע געצקעס, און עפשער גאר מעטעאריטן. די געשיכטע וועגן דעם, אז אין „ארן" האבן זיך געפונען די „לוכעס" מיט די „אסערעס-האדיבערעס", האבן אויסגעטראכט די גייסטלעכע פון דער גאלעס-עפאכע.

די הויפּט-ענדערונגען, וואָס ס'האָבן געפאָדערט די קויהאַנים פון יערו-שאָלאַים, זיינען באַשטאַנען אין דעם, אַז אַלע מיקדאָשים, אויסער דעם בייס-האַמיקדאָש אין יערושאָלאַים זאָלן פאַרניכטעט און צושטויסן ווערן און אַז אויסער זיי, די קויהאַנים פון יערושאָלאַים, זאָל קיינער קיין רעכט ניט האָבן מאַקריוו צו זיין קאָרבאָנעס.

אַף אונזער הייַנטיקן לאָשן וועט דאָס הייסן, אַז זיי האָבן געפאָדערט צו אַנערקענען, אַז עס זיינען פאַראַן צווייערליי בירגער אין לאַנד: וועלט-לעכע און גייסטלעכע און אַז נאָר די גייסטלעכע, קליי-קוידעש האָבן דאָס רעכט צו פראַווען די אַווידע און אַז קליי-קוידעש צו קליי-קוידעש, זיינען ניט גלייך, ס'זיינען פאַראַן עמעסע קליי-קוידעש — די קויהאַנים אין יערושאָלאַים און געפעלשטע קליי-קוידעש פון די מיקדאָשים און „באָמעס" אין אַנדערע ערטער.

אַרויסטרעטנדיק מיט אַזאַ פּראָגראַם האָבן די קויהאַנים פון יערושאָלאַים געדאַרפט אויך מוסיף זיין נייע קלאָלים ווי אַזוי צו ברענגען קאָרבאָנעס און צו פראַווען די אַווידע אין דער צייט פון יאָמטויום. פון שטאַנדפּונקט פון די קויהאַנים אין יערושאָלאַים האָט שוין די אַלטע פּראַקטיק פון דער אַווידע ניט געטויגט און האָט זיך גענויטיקט אין א רעפאָרם. דערהויפּט האָבן זיך די קויהאַנים געמיט אַריינצוטראָגן אויסבעסערונגען אין די ריטואַלן פון די יאָמטויוים.

די צענטראַליזירונג פון קולט.

די געזעצגעבונג פון די קויהאַנים אין יערושאָלאַים לייענען מיר אין די סייפער „דוואָרים", קאַפּיטל טז. דער פּרינציפּ איז דאָ קאַמאַט דער זעלביקער ווי אין „סייפער האַבריס". דריי מאָל אין יאָר דאַרף זיך יעדער איינער ווייזן פאַר פּאָנים פון יאַהווע, דעם גאָט: אַף די יאָמטויוים מאַצעס, שיוועס און סוקעס. די דאָזיקע יאָמטויוים ווערן דאָ אָנגערופן מיטן נאָמען „כאַג"*) (דוואָרים טז.; שמויס כג. יד.). נאָר דאָ, באַם איבערציילן פון די יאָמטויוים, ווערט שוין געמאַכט אן אויסרייד: קומען דאַרף מען אַף יענעם אָרט וועלכן יאַהווע האָט אויסדערוויילט, „אַז זיין נאָמען זאָל דאָרטן רוען" **) ד. ה. אין בייס-האַמיקדאָש פון יערושאָלאַים די דאָזיקע האַסראָע כאַזערט זיך איבער באַ יעדן יאָמטעוו באַזונדער (דוואָרים טז ה—ז; יא. טז).

ערגעץ ניט, אויסער אין בייס-האַמיקדאָש אין יערושאָלאַים, טאָר מען דעם יאָמטעוו ניט פראַווען און פעלשן אין דעם דאָזיקן געבאָט איז א גרויסער כעט.

פּייסאַך און מאַ-צעס געוואָרן איין יאָמטעוו.

די ניי-איינגעפירטע אויסבעסערונגען פון די קויהאַנים פאַרמאָגן אייניקע כאַראַקטעריסטישע שטריכן. קוידעם קאָל באַפעלן די קויהאַנים פון יערושאָלאַים

*) דוואָרים טז. טז.—שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני יהוה אלהיך במקום אשר יבחר, בחג המצות ובחג השבעות ובחג הסוכות ולא יראה את פני יהוה ריקם.

**) דוואָרים טז. יא.—ושמחת לפני יהוה אלהיך אתה ובנך ובתך ועבדך ואמתך והלוי אשר בשעריך והגר והיתום והאלמנה אשר בקרבך במקום אשר יבחר יהוה אלהיך לשכן שמו שם.

צו פראַווען, אָבליגאַטאָריש פאַר אַלעמען, דעם יאָמטעוו פייסאַך אינאיינעם מיטן כאַג-האַמאַצעס. זיי באַשטימען גענוי דעם טאָג פון כוידעש, ווען דער יאָמטעוו פייסאַך דאַרף פאָרקומען, און ס'איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס, וואָרום ניט אַלע האָבן אים געפייערט.

אין דער צייט, ווען דער באַשטימטער טאָג פון אַלע יאָמטויווים איז געווען באַוואוסט פאַר אַלעמען, האָט אָבער ווייניק ווער פון די בניי-ייסראָעל געוואוסט דעם טערמין פון דעם יאָמטעוו פייסאַך. ס'איז פאַרזאָגט געוואָרן צו פייערן פייסאַך אין כוידעש אָוויוו, וועלכער איז פאַרן גאָלעס אויסגעפאַלן אין דער צייט פון כוידעש ניסן. פייסאַך ווערט פאַראייניקט מיטן כאַג-האַמאַצעס. דערביי איז דער ריטואַל פון כאַג-האַמאַצעס פאַרפאָשעטערט געוואָרן: ס'האָט זיך נאָר געפאָדערט זיבן טעג מאַצע עסן.

דעם ערשטן גאַרב האָט מען געקענט ברענגען אין דעם אָרטיקן מיקדאָש, ניט נאָר אין יערושאָלאַים, און די קויהאַנים פון יערושאָלאַים, איינוואוינער פון דער גרויסער שטאָט, האָבן זיך אַפילע מיט אַזאַ קליינקייט ניט אינטערעסירט. פייסאַך, וואָס א געווען פאַרבונדן מיט באַלעכאַים-קאָרבאָנעס, האָט זיי מער אינטערעסירט. אופלעבנדיק אָט דעם דאָזיקן אוראַלטן יאָמטעוו, האָבן זיי זיך אויך ניט געפוילט צו פאַרענדערן זיין ריטואַל. אָנשטאָט דעם איין פייסאַך-לעמעלע פון דער וואַנדער-עפּאָכע האָבן זיי צוגעשריבן צו מאַקרעוו זיין שעפסן און געשטאָפטע אָקסן. וויפל קאָרבאָנעס מ'דאַרף ברענגען, האָבן זיי ניט אָנגעוויזן, „יעדערער וויפל זיין האַנט גרייכט", וואָס מער איז בעסער (שמויס טז, ב).

צו די פייסאַך-קאָרבאָנעס האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, מויסיף געווען די קאָרבאָנעס פון כאַג-האַמאַצעס. מיט האַכנאָסע זיינען שוין די קויהאַנים געווען באַזאָרגט. די קויהאַנים פון יערושאָלאַים האָבן אופגעלעבט דעם יאָמטעוו פייסאַך ניט נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוואָלט פאַרגרעסערן די צאָל פון די יאָמטויווים און מעמיילע שוין אויך די האַכנאָסעס — דעם דאָזיקן יאָמטעוו האָבן זיי אופגעלעבט דערפאַר, ווייל זיי האָבן געשטרעבט צו פאַרשטאַרקן זייער אויטאָריטעט ווי קויהאַנים פון גאָט יאַהווע.

מיט דעם האָבן זיי געוואָלט פאַרשטאַרקן זייער פאָדערונג, אַז בלויז די פעלקער ייסראָעל און יעהודע זאָלן ניט זיין קיין אַנדערע געטער אויסער דעם גאָט יאַהווע. די ערדאַרבעט-יאָמטויווים האָבן זיך גיט צוגעפאַסט צו דער דאָזיקער פאָדערונג פון די קויהאַנים.

אָפן סאַמען איינגסטן אויפן זיינען זיי, די ערדאַרבעט-יאָמטויווים, געווען פאַרבונדן מיט די אָרטיקע געטער באַאַל. דעם באַפעל צו פראַווען די יאָמטויווים אין יערושאָלאַים און אין בייס-האַמיקדאָש פון יאַהווע האָט, ווי די קויהאַנים האָבן פאָרגעפינט, געדראָעט צו פאַרבלייבן ניט מער ווי אָפן פאַפיר, אַנדערש איז אָבער געווען מיטן יאָמטעוו פייסאַך. ער איז א „ריינער" ייסראַעלישער יאָמטעוו וואָס איז מיט גאָרניט פאַרבונדן געווען מיט פאַלעסטינע, מיט אירע

געטער באאל און מיט זייערע פרייד-קאָרבאָנעס-ריטואַלן. אין יאָמטעוו פּייסאַך האָט שוין יאהווע קיין קאָנקורענטן ניט געהאַט.

מיר האָבן שוין געזען, אַז אין דער וואַנדער-עפּאָכע איז דער קאָרבן-פּעסאַך געווען צונויפגעבונדן ניט מיטן קולט פון יאהווע, נאָר מיטן גלויבן אין רוכעס.

פּייסאַך איז דעמאָלט געווען איינער פון די מיטלען ווי צו פאַרהיטן זיך פון בייזע רוכעס. דער אורטאָך פון דעם דאָזיקן יאָמטעוו איז אין דער איינ-געזעסענער עפּאָכע ביסלעכווייז פאַרגעסן געוואָרן. לויט אַ פּאַרצייטיקער מע-סוירע האָט מען פּייסאַך געפּראַוועט אין דאָרעם-יעהודע, וואו מ'האָט זיך גאָרניט פאַרטראַכט וועגן זיין אופקום. אָט דער פאַקט, וואָס אין יעהודע האָט מען זיך גאָרניט פאַרטראַכט וועגן דעם אופקום פון פּייסאַך, איז צוניץ געקומען די קויהאַנים פון יערושאָלאַים. כדיי צו דערקלערן די אָפּשטאַמונג פון פּייסאַך, האָבן זיי געקענט צוטראַכטן וואָס פאַר אַן ערקלערונג זייער האַרץ האָט געגלוסט.

די קויהאַנים דערקלערן דעם אופקום פון פּייסאַך.

אויסנוצנדיק די שווערע צייטן און שפּילנדיק אַף די ליידן פון פאָלק, וואָס האָט ניט געוואוסט וואו צו געפינען אַן אויסוועג פון זיין לאַגע, האָבן זיך די קויהאַנים גענומען צו פּאָפּוליאַריזירן דעם נאָמען פון גאָט יאהווע. די רעטונג, האָבן זיי געוואָרנט, איז נאָר: האָפן צום גאָט יאהווע. ער, יאהיוע, איז דער „פעלז פון ייסראָעל". ווי אַ באַווייז דערצו איז אַרויסגערוקט געוואָרן די געשיכטע וועגן דעם, ווי אַזוי די בניי-ייסראָעל זיינען געווען קנעכט אין מיצ-ראַים און ווי אַזוי זיי זיינען דורך די ניסים, וואָס דער גאָט יאהווע האָט באַוויזן, באַפרייט געוואָרן פון קנעכטשאַפט.

אַן אַלטע, האַלב פאַרגעסענע פאָלקס-מעסוירע וועגן דעם, אַז די אָוועס-אוואויסאָם פון די בניי-ייסראָעל זיינען געווען אין מיצראַים, איז איצטער אופגעלעבט געוואָרן אין אַ גרויסער דראַמאַטישער דערציילונג וואָס איז פאַר-שריבן אין סייפער „שמויס". דער ציל פון דער דאָזיקער דערציילונג איז גאַנץ קלאָר: דערווייזן די גרויסקייט פון יאַהווע, דעם גאָט. עס איז נאָר גענוג צו האָבן עמונע אין אים, וועט ער באַלד אויסלייזן זיין פאָלק פון אַלע אומגליקן און צאָרעס.

דאָס פאָלק ייסראָעל קרעכצט אונטערן יאָך פון פּאַרע, דעם קיניג אין מיצראַים—ווערט געזאָגט אין דער דערציילונג — ס'איז שוין גאָר קיין אויסוועג ניטאָ, דאָס פאָלק ייסראעל מוז פאַרלענדט ווערן. אָבער יאהווע, דער גאָט פון ייסראָעל, זאָרגט זיך פאַר זיין פאָלק. אַל פּי נעס ראַטעוועט ער דעם קינפטיקן פּירער פון פאָלק, מוישען. לויט דער דערציילונג קומט מוישע אַרויס פון לעוויאים, ד. ה. פון קויהאַנים-שטאַם. אַז מוישע איז אויסגעוואַקסן, האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט צו אים און געשיקט אים צו די ליידנדיקע בניי-ייסראָעל אַזוי צו זאָגן: יאהווע זעט צו דאָס ליידן און עלנט פון זיין פאָלק און וועט אים ראַטעווען. זאָלן מוישע און די עלטסטע פון פאָלק גיין צו פּאַרען, גיין און

זאָגן: „לאָז אָפּ מיין פאָלק, זיי זאָלן גיין קאָרבאָנעס ברײנגען פאַר מיר און יאָמטעוון אין דער מידבער". פּאַרעס האָרץ וועל איך שוער מאַכן—האָט געזאָגט יאַהווע—וועט ער. דער קיניג פון מיצראַים, ניט וועלן אָפּלאָזן דעם פאָלק ייסראָעל און דעמאָלט וועט ער, יאַהווע, אָנשיקן אָפן לאַנד מיצראַים שרעקלעכע אומגליקן, וואָס וועלן אים, פאַרען, צווינגען אָפּצולאָזן דאָס פאָלק. אַזוי קומט טאַקע פאָר: לויט יאַהוועס באַפעל שיקט אָן מוישע די „צען מאַקעס" אף מיצראַים, איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער. און ערשט, נאָך דער שרעקלעכסטער, נאָך דער „מאַקאַס-בּכוירים", ווען עס צושטאַרבן אַלע בכוירים פון לאַנד, איז פאַרע גרייט אַוועקצולאָזן דעם פאָלק אין דער מידבער*).

די דערציילונג וועגן וואַנדערן אין מידבער, האָט אויך דעם זעלבן ציל: די בני־ייסראָעל האָבן צאָרעס און יאַהווע העלפט זיי מיט ניסים דורך מוישע זיין שאליאַך. ער האָט דערטרונקען פאַרעס רייטער מיט זייערע רײַטוועגן אין יאַם־סוף, ווען זיי האָבן זיך נאָך די בני־ייסראָעל געלאָזט יאָגן אין דער מידבער. ווען דאָס פאָלק האָט געדאַרשט נאָך וואַסער, האָט מוישע, לויט יאַהוועס באַפעל, ביטערע וואַסער פאַרוואַנדלט אין א גוטן געטראַנק.

אַ צווייטן מאָל שלאָגט מוישע מיט זיין שטעקן איבער א פעלז און ס'שטראָמט פון אים וואַסער. ווען דאָס פאָלק האָט „געמורמלט", אז ס'פעלט שפּייז, האָט זיי יאַהווע געשיקט דעם מאָן (מן) און דעם וואַכטל.

דער פויעל־יויצע פון דער גאַנצער דערציילונג איז די געזעצגעבונג אָפן באַרג סינאַי. דער גאַנצער ציל פון דער מאַיסע וועגן דער נעסיע, וואָס די בני־ייסראָעל האָבן דורכגעמאַכט אין דער מידבער און וועגן דעם, אז יאַהווע האָט מיט זיי געטאָן גענאַד און געוויזן זיי ניסים, איז קעדיי צו מאַסרע זיין, אַז יאַהווע, דער גאָט, האָט געגעבן זיינע געבאָטן דעם פאָלק ייסראָעל. דער ערשטער פון די געבאָט זאָגט: איך בין יאַהווע, דיין גאָט, וואָס האָט דיר ארויסגעצויגן פון לאַנד מיצראַים, פון קנעכט־הויז, זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער אויסער מיר**). און צום סאָף פון די געבאָטן איז יאַהווע מאַסרע, אז אויב דער דאָזיקער הויפּט־געבאָט וועט אפגעהיט ווערן, וועט ער פאַרלענדן אַלע פיינט פון ייסראָעל, וועט דעם פאָלק ייסראָעל איבערגעבן די לענדער פון זיינע פיינט וועט פאַרברייטערן די גרענעצן פון לאַנד ייסראָעל און ער וועט רייך און גליקלעך זיין

די דערציילונג פאַרענדיקט זיך מיט דעם, ווי אַזוי מוישע האָט פאַרשריבן די רייד פון יאַהווע אין דעם „סייפער האַבריס"***) און האָט דעמאָלט

---

*) זע זייט 29.

**) אנכי יהוה אלהיך, אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים. לא יהיה לך אלהים אחרים על פני (שמויס כ, ב).

***) אגעוו האָבן זיך די קויהאַנים, באַם פאַרפאַסן פון דער דאָזיקער דערציילונג, באַנוצט מיטן „סייפער האַבריס" און האָבן אים אריינגעשטעלט אין דער דאָזיקער דערציילונג.

געבראַכט אַ ספּעציעלן קאָרבן און מיט זיין בלוט באַשפּריצט דעם מיזבייאַך. דאָס פֿאָלק האָט דעמאָלט געגומען אַף זיך צו מעקאַיעם זיין אַלע געבאָטן פֿון גאָט יאַהווע מיט דער הילף פֿון דער דאָזיקער דערציילונג, וועלכע לויבט און פּאָפּוליאַריזירט דעם גאָט יאַהווע, פּלאַנצט איין פּאַכאַד און מוירע פֿאַר אים, האָבן די קויהאַנים צונויפֿגעבונדן דעם יאָמטעוו פּייסאַך.

אַזוי ווי די פּייסאַך-ריטואַלן האָבן געהאַט דעם ציל צו פֿאַרהיטן די מענטשן און פֿי פֿון בייזע רוכעס, דערהויפּט פֿון דעם רואַך „פֿאַרדאַרבער“ (משחית—מאשכּיס), האָבן די קויהאַנים פֿאַרביטן דעם דאָזיקן מאשכּיס—פֿאַרדאַרבער מיט יאַהווע, דעם גאָט אַליין, וואָס האָט געטאָן טויטן אַלע בכוירים פֿון לאַנד מיצראַים.

די קויהאַנים האָבן אַזוי דערקלערט דעם יאָמטעוו: דער קאָרבן-פּעסאַך איז פֿאַר יאַהווען, וואָרום ער האָט געטאָן פֿאַרבייגיין די הייזער פֿון די בניי-יִיסראָעל אין מיצראַים, ווען ער האָט מיצראַים געפּלאָגט און אונזערע הייזער געראַטעוועט*).

אָט אַזוי האָבן די בניי-יִיסראָעל, לויט דעם באַפֿעל פֿון די קויהאַנים, געדאַרפֿט דערקלערן זייערע קינדער און קינדס-קינדער דעם אופֿקום פֿון יאָמטעוו פּייסאַך. די קויהאַנים האָבן אָבער גאָרניט באַמערקט, אַז אין דער דערקלערונג זייערער איז עפּעס ניט גלאַטיק. די פּייסאַך-ריטואַלן דאַרפֿן פֿאַרהיטן די בניי-יִיסראָעל פֿון זייער אייגענעם גאָט, דער האַר און באַשיצער יאַהווע, וואָס ניט געקוקט אַף זיין אַלצווּיסן און גוואורע, ווייס ער נעבעך אַף אַזוי פֿיל ניט, אַז ער קאָן אַל פּי טאָעס אויך דערשלאָגן די בכוירים פֿון די בניי-יִיסראָעל. אָבער פֿאַר דער דאָזיקער ניט געשיקטקייט האָבן זיך די קויהאַנים ווייניק וואָס געשראָקן, זי איז אַריבער אומבאַמערקט.

ניט קיין פֿרומע יידן און ניט קיין פֿרומע קריסטן האָבן איר באַמערקט, ביז ס'איז געקומען די וויסנשאַפֿטלעכע קריטיק און האָט איר אויפֿגעדעקט. די קויהאַנים האָבן זיך ווייניק וואָס געזאָרגט פֿאַר דער לאָגיק. די הויפּטזאַך זייערע איז געווען: אַריינצושלאָגן אין די מויכעס פֿון פֿאָלק, אַז מען דאַרף דינען נאָר צום גאָט יאַהווע, ער איז דער איינציקער רעטער, ער איז „דער פֿעלז פֿון יִיסראָעל“

די צונויפֿגעבונדענע מיטן יאָמטעוו פּייסאַך ניסים-באַפּוצטע געשיכטע וועגן יעציאַס מיצראַים, וועגן מידבער און „מאַטן-טוירע“, האָט אויסערלעך אויסגעוויזן ווי אַ ריכטיקע, וואָרום פּייסאַך איז פֿון אייביק אָן געווען אַ ריין יִיסראָעלישער יאָמטעוו, וואָס קיינער האָט זיין געשיכטע ניט געוואוסט.

טאַקע נאָך דעם, ווי די קויהאַנים האָבן פֿאַרפּאַסט זיין געשיכטע, איז שוין פֿאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן זיין ייכעס און אָפּשטאַמונג, און אין „סייפֿער

*) והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבדה הזאת לכם, ואמרתם זבח פסח הוא ליהוה אשר פסח על-בתי בני-ישראל במצרים בנגפו את מיצרים ואת בתינו הציל. (שמות יב, כו—כז).

די רעפאָרמע פון קיניג יאשיאהו און פייסאַך.

„האטוירע" פון יאָר 621 האָבן די קויהאַנים דערקלערט דעם מינהעג פֿון מאַצע עסן מיט דער מאיסע פון יעציאַס-מיצראַים. דאָס איז אַן אָרים-ברויט וואָס איז אויסגעקומען די בניי-ייסראָעל צו עסן צוליב דעם בעכיפאָזנדיקן ארויסגאנג פון מיצראים. דעריבער האָבן די קויהאַנים געהייסן זיבן טעג מאַצע עסן און אין פארלויף פֿון די זיבן טעג, טאָר זיך אין די הייזער פֿון די בניי-ייסראעל קיין כאָמעץ ניט געפינען.

אט אזוי איז דער יאָמטעוו פייסאַך און די ניסים-געשיכטע פֿון זיין אופקום געוואָרן א געווער אין די הענט פֿון די קויהאַנים אין יערושאָלאים צו פאַרפעסטיקן זייערע פאָזיציעס. ווען זיי האָט זיך איינגעגעבן אונטערצורוקן דעם „סייפער-האטוירע" דעם קיניג יאשיאהו און צווינגען אים דורכצופירן א רעליגיעזע רעפאָרמע, האבן זיי אויך איינגעאָרדנט די פייערלעכע יאָמטעוואונג פון פייסאַך אין בייס-האַמיקדאש אין יערושאָלאים — דאָס איז געווען א נייס, וואָס איז קיינמאל ניט געווען און איז קיין מאָל ניט פאָרגעקומען „פֿון די טעג פֿון די שויפטים ביז די טעג פֿון יאשיאהו".

אבער ניט נאָר דעם יאמטעיו פייסאך אליין האבן די קויהאַנים געגעבן זייערע אייגענע דערקלערונגען, צושטערנדיק די אָרטיקע מיקדאָשים און פאָדערנדיק איבערצוטראגן די יאָמטויווים-ריטואלן אין יערושאָלאים, האבן זיי אָפגעריסן די ערדארבעט-יאָמטויווים פֿון די פאלעסטינער נאטור-באדינגונגען און, ווילנדיק ניט ווילנדיק, צוגעטראכט זיי נייע דערקלערונגען.

דער „סייפער האטוירא" און די ערדארבעט-יאמטויווים.

געבן נייע דערקלערונגען די ערדארבעט-יאָמטויווים שוואועס און סוקעס, איז ניט געווען אזוי גרינג ווי פייסאך, ווייל שוואועס און סוקעס איז אלעמען געווען באוואוסט, דעריבער האבן זיך די קויהאַנים ניט געוואגט צו געבן גאָר א שפּאָגל נייע דערקלערונג, זיי האָבן ניט מער ווי אונטערגעשטראָכן, אז אלע זייערע געבאָטן און דערהויפט די נייע געבאָטן וועגן פראוועןן די יאמטויווים אין יערושאָלאים, מוז דאָס פאָלק אָפּהיטן, „ווארום ער איז געווען א קנעכט אין מיצראים"*) דאָס הייסט, דאָס פאָלק איז מעכויעוו צו פאלגן דעם גאָט יאַהווע און זיינע קויהאַנים ווי א דאַנק פאר דעם, וואָס ער האָט ארויסגעצויגן די בניי-ייסראעל פֿון מיצראַים און אויך פאַר די קינפטיקע יעשועס וואָס ער וועט ברייגגען דעם פאָלק.

מעקאַיעם זיין די נייע געבאָטן איז געוואָרן גאַנץ שווער, ווארום די יאמטויווים האָבן זיך געדאַרפט פראַוועןן נאָר אין דער שטאָט יערושאָלאַים. די נייע געבאָטן, וועלכע זיינען געווען האַכנאָסע ברייגגענדיק פאַר די קויהאנים פֿון יערושאלאים, זיינען אָבער געווען אַ באלעסטיקונג פאַר דער באַפעלקערונג, דערהויפט פאַר יענער, וואָס ס'איז געזעסן ווייט פון יערושאלאים. דאָס טראָגן די געשאנקען און דאָס פירן די באלעכאאים-קאָרבאָנעס דורך אַ שטעטך פון אייניקע צענדליק מייל, האָט אנגעמאכט פיל העזייקעס און שוועריקייטן.

*) וזכרת כי עבד היית במצרים, ושמחת ועשית את החוקים האלה.

קעדיי בייצוקומען די דאָזיקע שוועריקייטן, האָבן די קויהאַנים פֿאַרגעלייגט אַ גאַנץ פּאָשעטן אויסגאַנג, וואָס האָט געווּנג האַכנאָסע געגעבן אי זיי, אי די יערושאָלאַימער סאָכרים. דער פּויער דאַרף אַפֿן אָרט פֿאַרקויפֿן אַלץ וואָס איז באַשטימט לעקאָוועד יאַמטעוו און אין יערושאָלאַים ווידער אַף דאָס געלט קויפֿן, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר אַסאַך אַ העכערן פּרייז (דוואָרים כד. כד—כה).

צוליב די דאָזיקע געבאָטן האָבן זיך די יערושאָלאַימער סאָכרים אויך פֿאַראינטערעסירט אין דער רעפֿאָרמע.

מיט דעם לעצטן געבאָט האָבן אָבער די יאַמטעוו-קאָרבאָנעס פֿאַרלאָרן זייער נאַטורעלן כאַראַקטער און זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין פֿאָרמלאָזע מאַטאָנעס און שטייערן, וואָס פֿלעגן צו יעדער יאָמטעוו אַריינגעטראָגן ווערן אין די אויצרעס פֿון בּייס־האַמיקדאָש.

אָט אַזוי האָט די צענטראַליזירונג פֿון קולט געשטרעבט צו מאַכן אַ סאָף צום פֿרייען כאַראַקטער פֿון די יאָמטויווים און אונטערוואַרפֿן זיי צוליבן ווּנטש פֿון די קויהאַנים שטרייַנגע פֿאָרמעלע געזעצן. פֿאַר ניט מעקאַיעם זיין די געזעצן, האָבן די קויהאַנים געדראָעט מיטן צאָרן פֿון יאַהווען און מיט קאָלערליי אומגליקן.

אין דער רעשימע פֿון די יאַמטויווים זיינען ניט דערמאָנט געוואָרן, ביט אין סייפֿער „שמויס" און ניט אין סייפֿער „דוואָרים", די יאָמטויווים לעקאָוועד דער לעוואָנע ראָיש-כוידעש און שאַבעס. דאָך ווייסן מיר אָבער, אַז די דאָזיקע יאָמטויווים זיינען געווען זייער פּאָפּולער און פֿלעגן געפּראַוועט ווערן מיט גרויס פּאַראַד און פֿרייד צוויי מאָל אין כוידעש ווי טעג פֿון אָפּרו.

פֿראָוו צו איינ-פֿירן אַ וואָכנ-טיעכן שאַבעס.

אין די דאָזיקע טעג האָט זיך אַפֿילע אָפּגעשטעלט דער האַנדל*). ס'איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס די קויהאַנים האָבן איבערגעלאָזן די לעוואָנע-יאָמטויווים. אייַנפֿירנדיק אַן איינהייטלעכן קולט פֿון יאַהווע, האָבן די קויהאַ-נים פֿון יערושאָלאַים געפֿאָדערט צו פֿאַרלענדן אַלע איבעריקע קולטן, צווישן זיי אויך דעם קולט פֿון דער לעוואָנע. פֿאַר בוקן זיך צו דער לעוואָנע און צו די שטערן קומט טויט-שטראָף — פֿאַרשטיינען**).

---

*) מתי יעבר החדש ונשבירה שבר, והשבת ונפתחה בר, להקטין איפה ולהגדיל שקל ולעבות מוזני מרמה.

ווען וועט שוין אַריבער דער (יאַמטעוו) כוידעש, מיר זאָלן טוועוע פֿאַרקויפֿן, און דער שאַ-בעס—מיר זאָלן עפֿענען די שפּייכלערס, צו פֿאַרקלענערן די מאָס (איפה), צו פֿאַרגרעסערן די געלט און אָפּנאַרן מיט פֿאַלשע וואָג.

**) ווען ס'וועט זיך געפֿינען צווישן דיר, אין איינעם פֿון דיינע טויערן (ערטער) וואָס יאַהווע דיין גאָט, גיט דיר, אַ מאַן אָדער אַ פֿרוי, וואָס וועט טאָן דאָס, וואָס איז שלעכט אין די אויגן פֿון יאַהווע, דיין גאָט, און אַריבערטרעטן זיין בונד,—ווען ער וועט גיין און דינען אַנדערע געטער און זיך בוקן צו זיי, צו דער זון, צו דער לעוואָנע, צום גאַנצן כאַיל פֿון הימל, וואָס איך האָב דאָך ניט באַפֿוילן, און מען וועט עס דיר דערציילן, זאָלסטו עס אויסהערן און אויספֿאָרשן גוט. און אויב ס'איז עמעס, די זאַך איז טאַקע אַזוי, אַז אַ אומווירדיקייט איז געשען אין ייסראָעל,

דער קיניג יאשיאהו האָט טאַקע מיט גרויס ענערגיע דורכגעפירט די באַשטימונג, וואָס פאַרווערט די קולטן פון דער זון און דער לעוואָנע און די שטערן *) און וויבאלד, אַז דער קולט פון דער לעוואָנע איז פאַרבאָטן געוואָרן, האבן אויך געדאַרפט אָפּפאַלן די לעוואָנע-יאָמטויווים. דאָ זײַנען די קויהאַנים צוניץ געקומען די פראָטעסטן פון די נעוויאים קעגן די לעוואָנע-יאמטויווים כוידעש און שאבעס. דער נאָווי יעשאיע האט געזאָגט: יאהווע קען ניט אָנזען די דאָזיקע יאמטויווים (יעשאיע א. יג.) און הוישייא האָט זיי אינאיינעם מיט די איבעריקע ערד-ארבעט-יאָמטויווים אנגערופן טעג פון גאט באאל (הושייא ב. יג—טז) אָבער אינגאַנצן אָפּשאפן די לעוואָנע-יאמטויווים איז גאָרניט גרינג געווען, ווארום זיי זײַנען געווען רעגוליערע טעג פון אָפּרו, דעריבער האבן די קויהאַנים פון יערושאָלאים זיך געמיט איינצופירן אנשטאט די לעוואָנע-יאמטויווים נייע רעגוליערע אָפּרו-טעג.

זיי האבן אַזוי געבאטן: זעקס טעג זיינען אַרבעטס-טעג און דער זיבעטער—אַ רו-טאָג. אָט דער דאָזיקער געבאָט איז דערגאַנגען צו אונז אין דריי נוסכאָות. איין נוסאך, אן עלטערער רופט נאָך ניט אָן דעם זיבעטן טאָג מיטן נאָמען שאַבעס (שמויס כג. יב.), ער שרייבט נאָר צו, אַרבעטן זעקס טעג און דעם זיבעטן—רוען. די אַנדערע צוויי נוסכאָות, די שפעטערדיקע, רופן שוין אָן דעם זיבעטן טאָג מיטן נאָמען שאבעס, דאָס איז דער אַלעמען באַוואוסטער פערטער געבאָט (שמויס כ. ח—יא; דווארים ה. יב—טז.).

אין די צוויי לעצטע נוסכאָות געפינען מיר אַן אונטערשייד אין די דערקלערונגען, פאַרוואָס איז פאַרן אָפּרוטאָג אײַנגעשטעלט נאָר דער זיבעטער טאָג פון וואָך. דער פערטער געבאָט אין סייפער „שמויס“ זאָגט: דער זיבעטער טאָג איז אַן אָפּרוטאָג, ווארום גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג און אַפן זיבעטן האָט ער גערוט, און דער טעקסט פון סייפער „דוואָרים“ זאָגט, אַז דעם זיבעטן טאָג דאַרפן רוען אויך די קנעכט און דינער, ווארום ייסראָעל איז אַליין געווען אַ קנעכט אין מיצראַים און דער גאָט יאַהווע זיין באַשיצער האָט אים מיט זיין גרויס גוואורע פון דאָרטן אַרויסגעפירט.

ס'איז באַשיינפערלעך, אַז די דערקלערונג פון סייפער „דוואָרים“ איז אַ מער פריערדיקע און פון סייפער „שמויס“ אַ שפעטערדיקע, ווייזט אויס פון גאָלעס-באָוועל-עפּאָכע. בעאייס די קויהאַנים האָבן אַ נאָמען געגעבן

זאלסטו ארויספירן צו דיינע טויערן יענעם מאַן אדער יענע פרוי, וואס האָט אָט די שלעכטע זאַך געטאָן און זאלסט זיי מיט שטיינער פאַרוואַרפן, זיי זאלן שטארבן (דווארים יז. ב—ה).

*) ער האט אפגעשאפן די קויהאנים פון די פרעמדע געטער, וואס די קיניגן פון יעהודע האבן באשטימט אין די שטעט פון יעהודע און ארום יערושאלאים און יענע, וואס האבן גערויכערט צו דעם באאל, צו דער זון, צו דער לעוואנע, צו די פלאנעטן און צו דעם גאנצן הימל-כאיל. (מלאָכים ב. כז. ה.)

דעם זיבעטן טאָג. האָבן זיי זיך באַנוצט מיטן צייטוואָרט „שאַבאַט", וואָס איז דער טייטש „אָפּרוען", „מאַפּסיק זיין"; פֿון דאַנען קומט שוין—„רוען".

אין דער אייגענער צייט האָבן זיי, די קויהאַנים, אַנשטאָט די צוויי אָפּרוטעג אין כּוידעש איינגעשטעלט פיר אָפּרוטעג, האָפֿנדיק אַז מיט דעם וועלן זיי צוציִען דעם פֿאָלק אַפֿן צאַד פֿון דעם נייעם געבאָט. די פֿאַרגרע־סערונג פֿון דער צאָל אָפּרוטעג איז פֿאַר די קויהאַנים אַליין אויך געווען וויכ־טיק; זיי האָבן דאָך איינגעשטעלט אַ רעגולערע אַוואוידע אין בייס-האַמיקדאָש מיט שטענדיקע קאָרבאָנעס און געשאַנקען.

אָט אַזוי האָבן זיך די קויהאַנים פֿון יערושאָלאַיִם געמיט צו רעפֿאָרמירן דעם קולט פֿון רעליגיִע ערעוו דעם פֿאַלן פֿון דער זעלבשטענדיקער קיניגרייך יעהודע. אָט אַזוי האָבן זיי רעפֿאָרמירט און פֿאַרגרעסערט די צאָל יאָמטויווים. אַפֿן געביט פֿון עמונע האָבן זיי געפֿאָדערט מאָנאָטעאיזם—דינען צו איין גאָט. אייבערן גאָט יאַהווע, האָבן זיי געזאָגט, טאָרן זיך קיין אַנדערע געטער אין ייסראָעל ניט געפֿינען. אַפֿן געביט פֿון קולט האָבן זיי אײַנאײַנעם מיטן אָפּשאַפֿן אַלע געטער, אויסער יאַהווען, געפֿאָדערט צו צעשטערן אַלע אָרטיקע מיקדאָ־שים אויסער דעם בייס-האַמיקדאָש אין יערושאָלאַיִם.

ביי דער קולט און ביי די עמונע זיינען אונטערגעפֿאַלן אונטער דער אַפּעטראָפּוס פֿון די קויהאַנים אין יערושאָלאַיִם. ווער עס וועט ניט גלייבן אַזוי ווי זיי, די קויהאַנים, האָבן געלערנט, און דער וואָס וועט ניט פּראַווען די ריטואַלן אַזוי ווי זיי האָבן געבאָטן, האָבן זיי געדראָעט מיטן צאָרן פֿון גאָט. אויב דאָס פֿאָלק וועט ניט אָפּהיטן דעם נייעם קולט און די נייע עמונע, וועט ער פֿאַרלענדט ווערן—האָבן די קויהאַנים געזאָגט.

איצט האָבן זיך געמוזט פֿאַרענדערן די יאָמטויווים. פֿון איצט אָן האָט מען זיי געדאַרפֿט פּראַווען ניט נאָך די אַלטע מינהאָגים נאָך, נאָר לויט די נייע כוקים (געזעצן). די יאָמטויווים האָט מען געדאַרפֿט פּראַווען ניט אַף אַזאַ אופֿן ווי ס'איז געווען אין דעם אָדער יענעם אָרט אָנגענומען פֿון קאַדמוינים. נאָר אַזוי ווי ס'איז געווען געשריבן אין בוך פֿון די געזעצן (סייפֿער האַטוי־רע) פֿון יאָר 621.

דערביי האָבן די קויהאַנים געשטרעבט צו אָפּרייסן די יאָמטויווים פֿון ערדאַרבעטנדיקן פֿאָלקס-שטייגער און מאַכן זיי פֿאַר ריין רעליגיעז-געטלעכע יאָמטויווים. די קויהאַנים האָבן צעבונדן די יאָמטויווים ניט מיט דער ערדאַרבעט-ווירטשאַפֿט, נאָר מיט גאָטספּאַרכטיקע מאַיסעס.

פֿאַרוואָס האָט מען פֿאַרבונדן פּייסאַך מיט יע־ציאַס מיצראַים.

דאָ האָבן זיי אויך געשפּילט אַף די נאַציאָנאַלע געפֿילן. אין דער צייט פֿון קיניג יאָשיאָהו האָט מיצראַיִם געדראָעט צונישט צו מאַכן די זעלבשטענ־דיקייט פֿון יעהודע. האָבן טאַקע די קויהאַנים אין זייער פֿאַרפֿאַסטער מאַיסע וועגן די ניסים פֿון יעציאַס-מיצראַיִם געגעבן וויסן דעם פֿאָלק, אַז נאָך אַמאָל, אַמאָל, פֿאַרצייטן, זיינען די אָוועס פֿון די בניי-ייסראָעל געווען קנעכט בײַ

פּאַרען אין מיצראַיִם און געהאַרעוועט דאָרטן מיט שווערע אַרבעט און ביטערן שווייס. און ווען דאָס פֿאָלק האָט געקרעכצט אונטער פּאַרעס יאָך און ס'איז קיין אויסוועג פֿון די ליידן ניט געווען, האָט יאַהווע, דער גאָט, מיט זיין שטאַרקער האַנט און אויסגעשטרעקטן אָרעם, געראַטעוועט דאָס פֿאָלק פֿון פּיין און פֿון לייד.

מיט דעם האָבן די קוהאַנים פֿון ירושאָלַאיִם געלאָזט וויסן, אַז יאַהווע וועט איצט אויך ראַטעווען די בני־ייִסראָעל. אויב זיי וועלן זיך צוריקקערן צו אים און שטרייַנג אָפּהיטן זיינע נייַע כּוקים.

דאָך איז אַסאַך גרינגער געווען אָנצושרייבן די געזעצן איידער דורכצו־פֿירן זיי אין לעבן. יאָשיאַהו האָט זיך אָפּילע מיט גרויס האַסמאַדע געגומען דורכפֿירן אין לעבן די דאָזיקע כּוקים. די אַלטע פֿאָלקס־עמונע האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן גאַנץ שטאַרק ניט אַזוי ווי מ'האָט וועגן איר געמיינט אין ירו־שאָלַאיִם. די רעפֿאָרמע פֿון קיניג יאָשיאַהו האָט געהאַט דעם זעלביקן גורל ווי די רעפֿאָרמע, וואָס האָט מיט טויזנט יאָר פֿאַר אים דורכגעפֿירט דער פּאַרע פֿון מיצראַיִם, אַמענהאָטעפּ דער פֿערטער (עכנאַטען). דער דאָזיקער פּאַרע פֿון מיצראַיִם האָט געוואָלט פֿאַרניכטן אין זיין לאַנד אַלע געטער מיט די פֿילצאָליקע קולטן זייערע און איבערלאָזן דעם איינציקן גאָט—דער זון—אַמאָן.

קעגן די גוואַלדמיטלען פֿון פּאַרע עכנאַטען האָבן זיך אויפֿגעהויבן די פֿאָלקסמאַסן, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די קוהאַנים פֿון די צושטערטע מיק־דאָשים. עכנאַטען האָט אָבער דערשטיקט דעם אויפֿשטאַנד. פֿאַר זיין לעבן האָט זיך נאָך ווי ס'איז איינגעהאַלטן דער איינהייטלעכער קולט פֿון אַמאָן. אָבער באַלד נאָך זיין טויט איז דער נייער קולט פֿאַרניכטעט געוואָרן און די אַלטע רעליגיע האָט ווידער אויפֿגעלעבט.

מיר וויסן ניט צי ס'זיינען פֿאָרגעקומען אויפֿשטאַנדן אין דער צייט פֿון דעם קיניג יאָשיאַהו. וועגן דעם פֿאַרשווייגט דער סייפֿער „מלאָכים", ער רעדט וועגן דעם גאָרניט. ס'איז אָבער באַשיינפּערלעך, אַז די זאַך איז ניט פֿאָרגע־קומען אָן דעם פּראָטעסט פֿון די אָרטיקע קוהאַנים (לוויאים), וואָרום דער קיניג יאָשיאַהו האָט זיי ניט געגעבן יענע רעכט, וועלכע ס'האָט זיי געגעבן דער „סייפֿער־האַטוירע" פֿון יאָר 621.

די רעפֿאָרמע אין די פֿאָלקס־מאַסן.

דאָרטן ווערט אַזוי געזאָגט (דוואָרים יח. ו—ח): די אָרטיקע לעוויאים האָבן דאָס רעכט, אויב זיי ווילן, איבערצוגיין אין בייס־האַמיקדאָש פֿון ירו־שאָלַאיִם און אַף גלייכע רעכט אַריינטרעטן אין דער קאַלעגיע פֿון די קוהאַנים. דער קיניג יאָשיאַהו אָבער (מלאָכים ב. כג, ה—ט.) האָט אַרויסגעטריבן די לעוויאים פֿון די פּריוודיקע ערטער און האָט זיי מיט גוואַלד באַזעצט אין ירושאָלַאיִם, ניט געבנדיק זיי קיין רעכט צו מאַקריוו זיין קאָרבאָנעס אין בייס־האַמיקדאָש.

פון דאַנען קענען מיר דרינגען, אז די קויהאַנים פון די אָרטיקע מיקדאָשים האָבן זיך פרייוויליק ניט געוואָלט אונטערוואַרפן דעם קיניגלעכן באפעל און דערפאַר האָט מען זיי געפּאַסלט די פּריווילעגיעס, וואָס דער געזעץ פון יאָר 621 האָט זיי געגעבן. און נאָך דעם ווי יאָשיאָהו איז געפאַלן אין שלאכט מיט די מיצרים, איז די רעפאָרמע זיינע באַלד צונישט געוואָרן, אנשטאָט די האַווטאָכעס פון די קויהאַנים האָט אים זיין גאָט און באַשיצער יאהווע פאַר זיין גאָטספאַרכטיקייט באַצאָלט מיטן טויט.

די קויהאַנים האָבן זיך אומגעקערט פון יערושאָלאַים אף זייערע פריערדיקע ערטער. די אַלע מיקדאָשים מיט זייערע געטער זיינען ווידער אופגעשטעלט געוואָרן. דער נאָווי יירמיאָהו האָט אזוי גלייך ווי זיינע פאָרגייגער נעוויאים געמוסערט די בני-ייסראָעל פאַר דעם וואָס זיי זיינען „מעזאַנע“ אף יעדן בערגל (באָמע), אונטער יעדן גרינעם בוים (אשיירא) מיט אנדערע געטער (יירמיאהו יג, כז; יז, א, ב).

ס'האָט זיך אויך ניט צוגענומען דער נייער שאַבעס. די הענדלער און די פויערים, וואָס האָבן געפירט אפן שטאָטישן מאַרק זייערע פּראָדוקטן, האָבן אים ניט געוואָלט אָפּהיטן (יירמיאהו יז. כא—כז), די אָרטיקע קויהאַנים האָבן אים אויך ניט אָפּגעהיט, זיי האָבן זיך דאָך געדרעכנט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָט די נייע יאָמטויווים ניט געוואָלט ליידן (יעכעזקעל כב. כז.). די קויהאנים האָבן אָבער ווידער געוואָרנט און פּאַרזיכערט, אז פאַרן אָפּהיטן שאַבעס וועט די דינאַסטיע פון דאָווידן (בית-דוד—בייס-דאָוויד) אייביק לעבן און אייביק וועט עקזיסטירן די שטאָט יערושאָלאַים. פאַר מעכאַלעל-שאַבעס זיין, האָבן זיי געזאָגט, וועט די שטאָט יערושאָלאַים אין פייער פאַרברענט ווערן. דאָך איז אָבער אלץ אומזיסט געוועזן.

און ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס די אַלטע עמונע מיט איר קולט האָבן ניט געקענט פאַרניכטעט ווערן מיט איין שריב פון דער פענע. די אַלטע עמונע האָט אזוי גיך ווידער אופגעלעבט צוליב דעם, ווייל די נייע רעליגיע האָט גלייך געוויזן איר באַנקראָט. דער קיניג יאָשיאָהו, וועלכער האָט ניט געקאָרגט מיט מיטלען, קעדיי די נייע רעליגיע דורכצופירן, האָט מיט דעם ניט נאָר ניט געראַטעוועט זיך און יעהודע, נאָר איז אַליין געפאַלן פון מיצראַיםמס שווערד, ד. ה. פון יענעמס שווערד פון וועלכן די נייע עמונע האָט אים געדאַרפט פאַרהיטן.

קיינע דערקלערונגען פון די קויהאַנים, אז דער קיניג איז געשטאָרבן צוליב די זינד און אַקשאָנעס פון פאָלק, האָבן ניט געהאָלפן.

אָט אזוי נישטיק האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער פּרואוו פון די קויהאַנים אין יערושאָלאַים צו רעפאָרמירן די רעליגיע און איבערפירן די יאָמטויווים אף א נייעם שטייגער.

V.

יאמטויוּים אין דער עפּאָכע פון פּאָראַס.

דער גאָלעס האָט דורכגעצויגן א גרענעץ-שנור צווישן אַלטן און נייעם יידנטום. אף יעדער געביט, אין ווירטשאַפטס-שטייגערישן, סאציאלן, פאליטישן און רעליגיעזן, האָט זיך דאָס יידישע לעבן געענדערט.

אין ערשטן יארהונדערט, נאך קריסטוס געבורט, ערעיו דעם ענדגילטיקן כורבן פון יידישן צענטר אין פּאַלעסטינע, האָבן זיך די יידן אזויפל אונטערגעשיידט פון די בניי-יעהודע אין דער נעוויאים-עפּאָכע, אף וויפל עס האט זיך, א שטייגער, אונטערגעשיידט די עפּאָכע פון יאהאן דעם גרויזאמן פון דער צווייטער העלפט פון נײַנצענטן יארהונדערט אין דער געשיכטע פון די רוסן.

די ענדערונג איז פּאָרגעקומען ביסלעכווייז, דער דאזיקער פּראצעס איז געגאַנגען בעהאַדראגעדיק און מיר קאנען אים איינטיילן אין צוויי גרויסע עפּאכעס.

די ערשטע עפּאכע פאַלט כראנאלאגיש צונויף מיט דער עפּאכע פון דער פּערסישער הערשאַפט, דאס איז נאָך אן עפּאכע פון קאמף, וואו די באציאונגען צווישן יעהודע און צווישן דער דיאספּארע (כוץ לאארעץ, צושפּרייטונג) זיינען ערשט אין פּעריאָד פון ווערן. צום סאף פון דער פּערסישער עפּאכע איז שוין די קאנסטרוקציע פון דער נייער רעליגיעזער געמיינדע געווען פאַרטיק. דער געזעץ, לויט וועלכן זי האט עקזיסטירט, האט זיך שוין אויסגעקריסטאַליזירט, די רעליגיעזע אנפירונג פון די קויהאַנים אין יערושאלאַים איז שוין געווארן א מוז פארן גאַנצן יידנטום, סיי פאַרן פּאַלעסטינישן און סיי פארן ניט פּאַלעסטינישן.

די צווייטע עפּאכע איז שוין, דער איקער, אן עפּאכע פון קאמף, א קאמף ניט פאר דער נייער ארדנונג, נאר אין דער נייער ארדנונג גופע און גאַנץ אָפט אויך קעגן איר.

אין דעם ערשטן יארהונדערט נאך קריסטוס'ס געבורט, נעמט דער קאמף אן א באזונדער שארפן כאראקטער. דא הויבט זיך אן די אינערלעכע צופאַלונג פון דער רעליגיעזער געמיינדע-ארדנונג, וועלכע באקומט דעם לעצטן טויט-קלאפּ אין די יארן פון די אופשטאנדן 70–67 און 137.

די יידישע רעליגיע אין דער עפאכע פון צווייטן בייס-האמיקדאש.

די יידישע רעליגיע אין דער עפאכע פון צווייטן בייס-האמיקדאש איז גאר אנדערש ווי די רעליגיע פון פארן גאלעס, זי ווערט ניט פארגליווערט און בלייבט ניט שטיין אף איין ארט. טאמיד קומען פאר ענדערונגען אין איר, און האגאם, לויט אירע לאזונגען באקומט זי א באגרענצטן נאציאנאלן כאראקטער, פאלט זי פונדעסטוועגן ניט איינמאל אונטער דער ווירקונג פון אנדערע רעליגיעס. דערהויפט אונטער דער ווירקונג פון דער פערסישער און באווילישער. פון דאנען נעמט זיך, וואס די רעליגיע פון דער פערסישער עפאכע האט אירע כאראקטעריסטישע שטריכן, וועלכע שיידן איר אפ פון דער רעליגיע אין דער צייט פון ערשטן און צווייטן יארהונדערט נאך קריסטוסעס געבורט און דעריבער איז נויטיק צו באטראכטן באזונדער די געשיכטע פון די יאמטויוויִם אין דער דאזיקער עפאכע.

די ידיעס וועגן די יאמטויוויִם אין דער פערסישער עפאכע זיינען ניט גאר פול. פריער פון אלץ האבן מיר אין רעשוס בלויז יענע מקוירים, וועלכע ווערן געבראכט אין די שפעטערדיקע טיילן פון „טויראס-קויהאנים". מיר ווייסן אבער אויך, אז אין „טויראס-קויהאנים" ווערן צוזאמען מיט די שפעטערדיקע פארשריבן אויך גאר אוראלטע ריטואלן, ווי אזוי-זשע וועלן מיר קאנען, ניט מאכנדיק קיין טאעס, אפטיילן די ריטואלן וואס זיינען אופגעקומען אין דער פערסישער עפאכע? דא וועלן אונז קומען צו הילף די היסטארישע ביכער, וועלכע זיינען דערשינען אין דער צייט פון גאלעס אונטער דער פערסישער הערשאפט. דאס זיינען די ביכער „עזרע", „נאכעמיע" און „דיוורעי האיאמים". אין זיי, אין די דאזיקע ביכער, ווערן די יאמטויוויִם ניט איינמאל באשריבן און ארומגעשריבן. אין „עזרע"-בוך, אין „נאכעמיע"-בוך ווערט באשריבן דער יאמטעוו-קולט פון פינפטן יאר הונדערט, ד. ה. פון דער צייט, ווען די דערמאנטע ביכער זיינען פארפאסט געווארן, און אין „דיוורעי האיאמים"—דער יאמטעוו-קולט פון דריטן יארהונדערט, די צייט, ווען מ'האט צונויפגעשטעלט דעם בוך.

דא איז נויטיק צו געבן א דערקלערונג. דער „דיוורעי האיאמים" באשרייבט די געשעענישן, וואס האבן פאסירט פארן גאלעס, נאר ווי מיר האבן שוין געזאגט, האט מען געוואלט דערמיט באווייזן, אז דער געזעץ פון די קויהאנים איז אפנעהיט געווארן נאך אין די צייטן פון פארן גאלעס-באוועל. און דעריבער האט דער מעכאבער פון דעם דאזיקן בוך זייער ליב צו באשרייבן מיט אלע פראטים רעליגיעזע צערעמאניעס, וואס זיינען קלוימערשט געווען גע ראוועט אין דער צייט פון די קיניגן.

ס'פארשטייט זיך, אז ער באשרייבט זיי אזוי ווי זיי פלעגן געפראוועט ווערן אין דריטן יארהונדערט. די באשרייבונגען פון ספער „עזרע", „נאכעמיע" און „דיוורעי האיאמים" וועלן אונז העלפן אויסטיילן פון „טויראס-קויהאנים" דאס, וואס עס געהערט צו די ספעציפישע שטריכן פון יאמטעוו-קולט אין

דער עפּאָכע פון דער פּערסישער הערשאַפט. דאָ וועלן אונז אויך צוניץ קומען איינציקע קאַפּיטלען פון „תהילים", וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן ספּעציעל פאַר דער דאַמאָלסטדיקער אַוויידע. מיר וועלן דאַ אויך אויסנוצן איינציקע שטעלן פון די „נביאים" אין דער גאָלעס-צייט, חגאי, זכריה און די אַזוי גערופענע קסאוויים.

די יידן אין גאָלעס.

קודעם-קאָל מוזן מיר זיך גענוי באַקאַנען מיט דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון די בני-יהודע, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גאָלעס. מיר מוזן זיך אויך באַקאַנען מיט דעם סאָציאַלן מאַצעוו און באַשטאַנד פון דער געמיינדע, וואָס האָט, לויטן באַפעל פון קורעש, דעם קיניג פון פּאָראַס, צוריקגעקערט זיך פון גאָלעס אין לאַנד יהודע.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז אין גאָלעס האָט מען דערהויפּט אוועקגעפירט די פאַרמעגלעכערע און הערשנדיקע שיכטן פון פאָלק: די האַרן, די קויהאַנים, די גרויסע סאָכרים און באַל-מעלאָכעס; די פּויערים, אָבער, זיינען פאַרבליבן אַף זייערע ערט ר.

אין גאָלעס האָבן ניט אַלע געקאָנט איינהיטן זייער פאַרמעגן, גרינגער פאַר אַלעמען האָבן אַריבערגעטראָגן די קאַטאַסטראָפע די סאָכרים. איינציקע פון זיי זיינען אַף אַזויפיל רייך געוואָרן, אַז זיי האָבן ניט געקאָרגט קיין גאָלד און זילבער אַף אויסצוציִען בילדער פון געטער און רוכעס, האָבן זיך געוואָרפן מיט גאָלד אַף רעכטס און אַף לינקס. אָט פון די דאָזיקע אופגעקומענע סאָכרים שטאַמען די באַנקירן מוראשו, וועמעס קאַנטאָר איז אין סאָף פון זעקסטן יאָרהונדערט געווען די גרעסטע אין ניפור און ווי ס'איז באַוואוסט, האָט ניפור אָפּן געביט פון באַנק-געשעפט קאַנקורירט מיט באַוועל דער שטאָט. א טייל פון די פאַרטריבענע אין גאָלעס זיינען אָבער פאַראָרימט געוואָרן. אַסאַך פון די בני-יהודע, וועלכע זיינען געווען געוואוינט צו לעבן פון גרייטן, האָבן זיך ניט געקענט צופּאַסן צום האַנדל, אָדער צו אַ וואָסער עס איז פּראָדוקציע, זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין כויוועס, אָדער גאָר געמוזט זיך פאַרקויפן פאַר קנעכט.

אַ טייל פון די פאַראָרימטע, ווי ס'פירט זיך אַלעמאָל, האָבן פאַרפילט די רייען פון די פּראָפעסיאָנעלע באַנדיטן אין גאַנאָוויִם, וואָס האָבן דעמאָלט ניט אויסגעפעלט אין די גרויסע שטאָט-צענטרען פון באַוועל דער מעדינע. פון די פאַרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע איז די לאַגע געווען בעסער נאָר פון יענע, וועמען עס איז געלונגען זיך איינצואָרדנען אַף א מעלוכע-שטעלע אין באַוועל. אַזעלכע זיינען אָבער פאַר די קאַשדיִשע-קיניגן געווען זייער ווייניק. די צאָל פון יידן מלוכע-באַאַמטע האָט זיך פאַרגרעסערט פאַר די פּערסישע קיניגן, וואָס האָבן געהאַט מער צוטרוי צו יידן, ווי די קאַשדיִשע. די קיניגן פון פּאָראַס האָבן זיך ביכלאַל מער געדולדיק באַצויגן צו אויסלענדער.

אין גאַלעס האָבן זיך די קויהאַנים געפֿונען אין אַ גאַנץ גינסטיקער לאַגע. אין זיי האָבן זיך געניוויטיקט אַלע: די רייכע און די אָרימע, די אַריסטאָקראַטן און די סאָכרים. עמעס, קיין נאָרמאַלער קולט איז ניט געווען. אָבער די קויהאַנים האָבן, אויסער דער אָווידע, נאָך געוואוסט דעם קונץ צו אַנטפּלעקן די סוידעס פֿון דער צוקונפֿט. די פֿאַרטריבענע בנייִ־יעהודע האָבן איצט מער ווי אַלע מאָל געוואָלט פֿאַראויסזען וואָס וועט מאָרגן זיין.

דאָס לאַנד באָוועל, וואָס האָט אַזוי גיך אופגעבליט אַף די כורוועס פֿון אַשור, האָט אין די אויגן פֿון די בנייִ־יעהודע אויסגעזען ניט גאָר שטאַרק; האָבן טאַקע די אַריסטאָקראַטן געוואָלט וויסן, ווען וועלן זיי זיך שוין קאָנען אומקערן אַהיים. די סאָכרים און באַנקירן האָבן אויך געוואָלט פֿאַראויסזען די געשעענישן, וואָס וועלן אָנקומען, קעדיי באַצייטנס צו פֿאַרקירצן, אָדער צו פֿאַרגרעסערן זייערע געשעפֿטן, אָדער גאָר איינגאַנצן בייטן זייערע געשעפֿטן. די קויהאַנים אַליין זיינען, פֿאַרשטייט זיך, מער פֿון אַלעמען געווען פֿאַראינטערעסירט אין די קומענדיקע געשעענישן, ווייל נאָר די מאַפּאָלע פֿון דער מלוכע פֿון די קאַשדים האָט געקענט ברייִנגען צו דעם, אַז דער קולט פֿון יאַהווען זאָל אופגעריכט ווערן אַף זיין פֿריערדיקן אָרט.

דער קויהען יעכעזקל, וועלכער איז געווען באַרימט מיט זיינע נעוויִישע רייד, דערציילט, אַז צו אים אין שטוב פֿלעגן קומען זקיינים, אָדער גלאַט כאַשעוועס זין פֿון פֿאָלק און פֿלעגן בא אים פֿרעגן צי האָט ער עפּעס ניט געזען בינעוואָוע, אָדער זיי פֿלעגן אים בעטן ער זאָל זיי טרעפֿן און פֿאָראויסזאָגן דעם ראָצן פֿון גאָט יאַהווע. אָפּטמאָל פֿלעגן די באַזוכער זיין אַזוי פֿיל, אַז ס'פֿלעגט זיך אופֿקלייבן אַ גאַנצע פֿאַרזאַמלונג. יעכעזקל איז אָבער געווען בלויז אַ באַרימטער נאָווי, אַ טרעפֿער. אויסער אים זיינען געווען אַסאַך אַנדערע, וואָס זיינען אַזוי געשיקט און פֿלינק ניט געווען און פֿלעגן דעריבער גאַנץ אָפֿט באַקומען אַ רעפּוטאַציע פֿון „פֿאַלשע נעוויִאים”. די קויהאַנים האָבן זיך אָבער ניט באַנוגנט בלויז מיט טרעפֿעריי.

אין אַ באַגרענעצטער מאָס האָבן זיי אויך פֿאָרגעזעצט זייער אָוואָדע ווי קויהאַנים. דער בייס־האַמיקדאָש אין יערושאָלאים האָט שוין מער ניט עקזיסטירט. די בנייִ־יעהודע זיינען געווען ווייט פֿון אים. דער קולט פֿון גאָט יאַהווע איז אָבער ניט פֿאַרשוואונדן. אַזוי האָט די אידישע קאָלאָניע אין מיצראַים בא עלעפֿאַנטינע אויסגעבויט אַ מיקדאָש פֿאַרן גאָט יאַהו (אַ פֿאַרקירצטער נאָמען פֿון יאַהווע) און פֿאַר זיינע ווייבער אַשימבעטעל און אַנאַטבעטעל. די בנייִ־יעהודע אין באָוועל האָבן זיך אויך אויסגעבויט אַ מיקדאָש אין קאַסיפֿיע (כספיא).*) דאָרטן האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרויסע קאָלעגיע פֿון קויהאַנים און לעוויִאים. אָט אין דעם דאָזיקן מיקדאָש פֿלעגט מען ברייִנגען קאָרבאָנעס און פֿראַווען די אַוואָידע. ס'איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער

*) אַן אָרט אין צאָפֿן־זייט פֿון באָוועל. עזרע ח. יז.

איינציקער מיקדאָש האָט ניט געקענט באַפרידיקן אַלע פּאַרטרײַבענע, דערי‌בער פלעגן זיי זיך אופקלייבן אַף די ערטער, וואו זיי האָבן געוואוינט, און מיספּאַלעל זײַן אין ספּ־ציעלע הייזער, אָדער גאָר אונטערן אָפענעם הימל.

דאָ האָט מען זיך נאָר באַנוגנט מיט די טפּילעס צום גאָט יאהווע, מיט געזאַנג פון רעליגיעזע הימנען אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון מוזיק. אָט די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען פלעגן די קויהאַנים אויסנוצן פאַר אגיטאציע צוליב זייערע אינטערעסן. זיי פלעגן אזוי זאָגן צו די פאַרזאַמלטע: דאָס אומגליק וואָס האָט געטראָפן דעם לאַנד יעהודע איז געווען דערפאַר, וואָס מ'האָט ניט אָפּגע‑היט דעם איינהייטלעכן קולט פון דעם גאָט יאהווע, וואָס מ'האָט ניט מעקאַיעס געווען זיינע געבאָטן וועגן יאָמ־ויווים, קאָרבאָנעס און שאַבעס. די קויהאַנים פלעגן רופן צו טאָן טשואווע און פאַסטן טאַנייסים. די רייד צו די פאַרטרײ‑בענע פלעגן די קויהאַנים איינפאַסן אין פאָרם פון נעוויעס פון גאָט יאהווע. מוסטערן פון אַזוינע מוסער און שטראָף‑רייד לייענען מיר אַף יעדן שריט און טריט אין יעכעזקל‑בוך.

ווער זיינען די „סאפרים" און „כאכאָמים".

אַף אַזאַ אויפן זעען מיר, אַז די קויהאַנים האָבן אויך אין באַוועל ניט גע‑פּאַטערט קיין צײַט אומזיסט. זיי האָבן זיך אויך דאָרטן געקענט מאַכן פאַר נוציקע און געזיכערט זיך אַ גאַנץ רואיקן און ניט קיין אָרימען לעבן. זייענדיק מאַטעריעל באַזאָרגט, האָבן אַנדערע פון זיי זיך פאַרנומען מיט דעם, וואָס זיי האָבן געזאַמלט און איבערגעאַרבעט די פריערדיקע יאָמטעוו‑מינהאָגים און געבאָט און האָבן עס אַלץ פאַרשריבן. אזוי זיינען צוזאַמענגעזעטעלט גע‑וואָרן איינצלנע זאַמלונגען פון די כוקים, פון וועלכע עס האָט זיך שפּעטער געשאַפן די „טויראס‑קויהאַנים". אייניקע האָבן זיך אַפילע ניט באַנוגנט נאָר מיטן זאַמלען, זיי האָב אויך געפּויט פלענער פאַר דער צוקונפט.

אָט אַזאַ פלאַן פון קינפטיקן געבוי פון דער יידישער געמיינדע, ווען זי וועט זיך אומקערן פון גאָלעס, האָט זיך איינגעהיט אין די לעצטע קאַפּיטלען פון סייפער „יעכעזקל". לויט דעם דאָזיקן פלאַן דאַרף די יידישע געמיינדע זיין אַ רעליגיעזע, קיין קיניג דאַרף בע‑ויש ניט שטיין, עס קאָן נאָר זיין אַ האַר, אַ נאָסי, נאָר אין אַלץ דאַרף ער זיך אונטערוואַרפן די קויהאַנים. די קויהאַ‑נים דאַרפן באַקומען א גרויסן שעטאך ערד, און די הויפט‑אופגאַבע פון דער געמיינדע דאַרף באַשטיין בויז אין דעם, וואָס מען וועט ריכטיק און פינקט‑לעך פראַווען די אוואוידע צום גאָט יאהווע.

די דאָזיקע קויהאַנים, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן צונויפקלייבן און פאַרשרייבן די כוקים (געזעצן), מיט פאַרפאַסן פראָיעקטן פון אַ קינפטיקער אָרדנונג, זיינען דאָס די ערשטע סאָפרים און כאַכאָמים—יידישע געלערנטע. שפּעטער האָבן זיך אייניקע פון זיי אַזוי ספּעציאַליזירט אין דאָזיקן געביט, אז זיי האָבן אינגאַנצן געוואָרפן זייער קהונע און אויסשליסלעך געשטודירט די געזעצן און געבאָטן. אין פינפטן יאָרהונדערט איז אַזאַ געווען עזרע האַסויפער.

סאַי די קויהאַנים, און סאַי די סאָפרים האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן, אַז דער מיקדאָש אין קאסיפיע און די באָטיי-טפילעס אין אַנדערע ערטער פון כוץ-לאַרעץ זיינען ניט גאָר קיין קאָשערער איניען, דער עמעסער קולט האָט לויט זייער מיינונג געקאָנט געפראַוועט ווערן נאָר אין יערושאָלאַים ד. ה. נאָך דעם, ווי עס וועט אופגעריכט ווערן דער בייס-האַמיקדאָש אין דער שטאָט יערושאָלאַים. זיי האָבן אָבער געמוזט שאָלעם מאַכן מיט דעם דאָזיקן אָפּנויג פון יאהוועס וועגן, ווייל דאָס איז געווען דאס איינציקע מיטל איינצוהאַלטן דאָס, וואָס עס איז פאַר זיי געווען וויכטיקער און נויטיקער פון אַלץ—די יידישע רעליגיע.

די בניי-יעהודע וואָלטן אין זייער גרעסטער מערהייט ביסלעכווייז איבערגענומען די רעליגיע פון באָוועל, ווי ס'האָט שוין אַזוי פאַסירט מיט די בניי-עפראַים, וואָס האָבן זיך נאָכן גאָלעס אינגאַנצן צונויפגעמישט מיט די אַשוריש-באָווילישע פעלקער. שטיצע האָבן די קויהאַנים און כאַכאָמים מערסטנס באַקומען פון די סאָכרים, פאַר וועלכע די רעליגיעזע פאַרבינדונגען זיינען געוועזן זייער וויכטיק, ווייל זיי האָבן מיטגעהאָלפן די סאָכרים צו קאָנקורירן מיט די הענדלער פון די איבעריקע פעלקער.

די יידישע סאָכרימשע קאָלאָניעס זיינען געווען איינג פאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע, דורך זייערע מעשולאָכים פלעגן זיי איבערגעבן די האַנדלס-נייס, די פרייזן, די פּאָליטישע קלאַנגען און יעדיעס און דאָס אַלץ פלעגט גענומען ווערן אין אַכט און אויסגענוצט ווערן לטויוואס דעם יידישן סויכער, די באָטיי-קנייסיעס אין באָוועל און מיצראַים, וואו ס'זיינען שוין צו יענער צייט אויך געווען גאַנץ גרויסע יידישע סאָכרישע קאָלאָניעס, פלעגן פון די סאָכרים אויסגענוצט ווערן ניט נאָר צוליב גאָט-געבעט, נאָר אויך צוליב קאָמערציע-צוועקן. דאָס זיינען געווען אַזעלכע אייגנאַרטיקע בירזשעס, עמעס, ניט קיין אָפּיציעלע, אָבער זייער וויכטיק פאר די יידישע סאָכרים, ווארום די סאָכרים פון אַנדערע פעלקער זיינען אָף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען ניט געווען.

און אַזוי ווי די רעליגיע האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ גוואַלדיקע האַנדלס-באַדייטונג פאַר די יידן פון דער צעשפּרייטונג, האָבן טאַקע די סאָכרים מיט גרויס קאָוועד אונטערגעשטיצט די קויהאַנים און אונטערגעהאַלטן די כאַכאָמים.

ווען די קיניגרייך פון די קאַשדים איז געפאַלן און די נייע רעגירונג פון פּאָראס האָט דערלויבט די בניי-יעהודע אומצוקערן זיך אין זייער פּאַטערלאַנד, האָט זיך בעראָש פו די עמיגראַנטן געשטעלט אַ האַר פון דאָוויד דעם קיני ס מישפּאָכע מ טן נאָמען זרובאָוועל און אַ קויהען פון דער מישפּאָכע פון די הויפּט-קויהאַנים פון בייס-האַמיקדאָש אין יערושאָלאַים מיטן נאָמען יהוישוא.

צווישן די רעעמיגראַנטן זיינען דאָס ראָוו געווען פאָרשטייער פון די

פֿריערדיקע ערד־באַזיצער, די איבעריקע זיינען קימאַט אַלע קויהאַנים. פֿון זיי, פֿון די קויהאַנים, זיינען קימאַט אַלע אַוועק צוריק אין פּאַלעסטינע. סאָכֿרים זיינען געגאַנגען זייער ווייניק, זיי האָבן בעסער געפֿונען פֿאַר נויטיק צו העלפֿן די רעעמיגראַנטן מיט געלט, אָבער אַליין האָבן זיי זיך פֿון אָרט ניט גערירט.

ווער זיינען די רעעמיגראַנטן.

ס'איז אַ סוואָרע, אַז פֿון די סאָכֿרים האָבן זיך אומגעקערט נאָר די, וואָס האָבן אין באָוועל קיין גוטע געשעפֿטן ניט געקענט מאַכֿן. יענע סאָכֿרים, וועמען עס איז געלונגען צו אַוועקשטעלן אַ סאָלידן געשעפֿט אין באָוועל, האָבן זיך אַפּאָנים באַנוגנט נאָר מיט געבן הילף די רעעמיגראַנטן. נאָך דעם, ווי די שטאָט יערושאָלאַיִם איז אופֿגעריכֿט געוואָרן, האָבן זיי דאָרטן אָרגאַניזירט זייערע פֿיליאַלן.

אין עזרע-בוך ווערט געבראַכֿט אַ גאַנצע רעשימע, אין וועלכֿער עס ווערט אויסגערעכֿנט ווער און וועלכֿע שיכֿטן פֿון פֿאָלק האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון גאָלעס (קאַפּיטל ב.). די דאָזיקע רעשימע אָבער, געהערט ניט צום אָנהייב פֿון דער רעעמיגראַציע-באַוועגונג, נאָר צו דער עפּאָכֿע פֿון עזרע און נעכֿעמיאַ, ד. ה. מיט אַ יאָרהונדערט שפּעטער נאָך זרובאָוועלן. פֿונדעסטוועגן איז שוין אַפֿילע פֿון דער דאָזיקער רעשימע אויך ניקער, וואָס פֿאַר אַן אָנגעזעענעם אָרט ס'האָבן אין דער נייער געמיינדע פֿאַרנומען די פֿאָרשטייער פֿון קליי-קוידעש.

לויט דער רעשימע פֿון עזרען (זיינע ציפֿערן זיינען ניט גאָר זיכֿערע) האָבן זיך אין דער רעעמיגראַציע באַטייליקט סאַכאַקל אַן ערעך פֿון צוויי און פֿערציק טויזנט (42000) מאַן, פֿון זיי קויהאַנים קאָרעוו פֿון פֿינף טויזנט דריי הונדערט (5,300), ד. ה. מער פֿון 10 פּראָצ. אויב מ'זאָל אַהער צורעכֿענען באַ זיבן הונדערט (700) מאַן דינער אין בייס־האַמיקדאָש און די קנעכֿט, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די צאָל קליי-קוידעש האָט אָנגעטראָפֿן באַ אַ 16 פּראָצ. פֿון דער גאַנצער געמיינדע*).

שוין די דאָזיקע ציפֿער זאָגן איידעס, אַז דאָס קויהאַנימשאַפֿט האָט געדאַרפֿט האָבן אין דער נייער געמיינדע די גרעסטע ווירקונג. די קויהאַנים זיינען דערצו נאָך געקומען צוהילף אַנדערע באַדינגונגען.

לעכֿאַטכילע האָט די פּערסישע רעגירונג אַוועקגעשטעלט בעראָש פֿון דער געמיינדע אַ פֿאַרטרעטער פֿון פּערסישן קיניג זרובאָוועל. זרובאָוועל האָט אָבער גאַנץ גיך אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו זאַלבן זיך פֿאַר אַ קיניג און ווידעראופֿשטעלן די אומאָפּהענגיקע קיניגרייך יעהודע. דאָס עזרע-בוך באַשרייבט ניט, צום באַדויערן, די פּראַטים פֿון זרובאָוועלס פּלענער, ס'איז אָבער באַשיינפּערלעך, אַז די זאַך איז געווען אַ האָפֿנונגסלאָזע און איז דורכֿגעפֿאַלן. דאָך האָט די פּערסישע רעגירונג ניט געוואָלט איבערכאַזערן איר פּרואוו און האָט צוגעשיקט אירן אַן אייגענעם פֿאַרטרעטער פֿון די פּערסן. אין דער אינערלעכֿער פֿאַרוואַלטונג האָט זי באַשלאָסן צו שטיצן זיך אַף די קויהאַנים.

*) עזרע ב׳ סד, סז.

אָט די דאָזיקע פּאָליטישע געשעענישן האָבן אַסאַך מיטגעהאָלפן די קויהאַנים אין זייערע פּלענער. ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט אין יאָר 440 עזרע האַסויפער אויסגעפּועלט באַם קיניג, אַז עס זאָל ארויסגעגעבן ווערן א באַפעל צו איינפירן אין דער געמיינדע די אזוי גערופענע „טויראס-מוישע“ ווי א יעסאָד פון דער געמיינדע-יוריספּרודענץ. פון דער צייט אָן איז פאַרן פּערסישן פאַרטרעטער מער ניט ווי געבליבן אכטונג צו געבן, אז די יידן זאָלן מעקאַיעם זיין די באַפעלן פון פּערסישן קיניג. די גאַנצע איבעריקע פאַרוואַלטונג און דאָס געריכט זיינען איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די קויהאַנים אין יערושאלאַים.

די פאַרוואַלטונג פון די קויהאַנים האָט געהאַט איין הויפּט' אופגאַבע: איינצופירן דעם נייעם גלויבן און די נייע כוקים, וואס זיינען אינגאנצן געווען צונויפגעשטעלט אין די אינטערעסן פון די קויהאַנים.

דער נייער גלויבן איז, אייגנטלעך, געווען א נייע אויסגאַבע פון יענע גרונט-געזעצן, פאַר וועלכע די קויהאַנים האבן געקעמפט נאָך אין דער עפּאָכע פון קיניג יאשיאהו. דער נייער גלויבן האט אַזוי געזאגט: גאט איז איינער, דער גאט יאַהווע, און האט נאך דערצו צוגעגעבן, אַז יאַהווע איז בּיכלאַל דער איינציקער גאָט און אַז אויסער אים זיינען קיין אַנדערע געטער אַף דער וועלט ניטא, און אַז די געטער פון אַנדערע פעלקער זיינען ניט קיין געטער, נאר געטשקעס.

אין דעם מאמענט איז דער דאזיקער דאגמאַט געווען באזונדער נויטיק, ווארום דער גרעכטער טייל פון יידישן פאלק האט זיך שוין דעמאלט געפונען אין דיאַספּארע.

לויט דער פריערדיקער מיינונג האָט מען געהאַלטן, אַז אַלע געטער עקזיסטירן, נאָר די מאַכט פון די געטער איז צוטיילט, און יעדערער איז אַ גאָט אַף זיין אָרט, באַ זיין פאָלק, אַכטמאָל מער ניט ווי אַ באַלעבאָס אַף די איינוואוינער פון אַ געגעבענעם געגנט. דעריבער טאַקע האָט מען ניט געהאַלטן פאַר אַ פעלשונג אין דער אייגענער עמונע, ווען אין אַ פרעמד לאַנד פלעגט אַ גער ברײנגען אַ קאָרבן צום אָרטיקן גאָט.

צוליב דער זעלביקער מיינונג האָבן זיך אַכאַך פון די בניי-יעהודע אָפגעזאָגט פון יאַהוועס קולט און איבערגענומען די באַווילישע קולטן. דער נייער דאָגמאַט וועגן דעם, אַז יאַהווע איז דער איינציקער גאָט און אַז אויסער אים זיינען קיין אַנדערע געטער אַף דער וועלט ניט פאַראַן, האָט געדאַרפט צובינדן צום יידישן גלויבן יענע יידן, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין באָוועל אָדער וועלכע האָבן געלעבט אין אַנדערע לענדער פון דער דיאַספּאָרע. אַף אַזאַ אויפן האָט יערושאלאַים איינגעהיט די באַדייטונג פון אַ רעליגיעזן צענטר פאַרן גאַנצן יידנטום פון דער דעמאָלסטדיקער וועלט. דער

צווייטער דאָגמאַט פון נייעם גלויבן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס יידנטום האָט געדאַרפט אַנערקענען די שווערע כאַטאָאים פון די אָוועס, וועלכע האָבן ניט מעקאַיעם געווען די געבאָטן פון גאָט יאַהווע און אָפּגע־קערט זיך פון אים. פאַר די דאָזיקע כאַטאָאים—האָבן די קויהאַנים געזאָגט—איז כאָרעיו געוואָרן דער בייס-האַמיקדאָש, דערפאַר זיינען די בניי-יעהודע פאַרטריבן געוואָרן אין גאָלעס און דערפאַר ווערן זיי אונטערגעדריקט פון פרעמדע קיניגן, נאָר די דאָזיקע זינד קען פאַרגעבן ווערן נאָר מיט לייטער און פאַרגעבונג-קאָרבאָנעס. די זינד וועלן פאַרגעבן ווערן—האָבן די קויהאַנים געלערנט—ווען מ׳וועט מער ניט אָפּטרעטן פון די וועגן, וואָס זיי האָבן אָנגעוויזן, ד. ה. אַז מען וועט שטרייבג אָפּהיטן זייערע כוקים און טאַקאָנעס, נאָר אין דעם איז די איינציקע רעטונג, יאַהווע וועט זיך דערבאַרימען און וועט מאַכן אַ סאָף צו דער פרעמדער הערשאַפט און צום גאָלעס. ער וועט אופקלייבן די צוזייטע און צושפּרייטע יידן פון דער גאַנצער וועלט און דאָס פאָלק יעהודע וועט זיין דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון אַלע פעלקער אַף דער גאַנצער וועלט.

די צאָל פון די יאמטויווים גע־קויפּלט.

אָט דער דאָזיקער נייער גלויבן האָט געפאָדערט, אַז אויך דער קולט זאָל זיך אינגאַנצן פאַרענדערן, דער קולט האָט שוין אַצונד ניט געקענט זיין קיין פרייער, ער האָט שוין ניט געקענט געפראַוועט ווערן נאָכן מינהעג נאָך, מ׳האָט אים שוין געדאַרפט פראַוועָן בלויז לויט געשריבענע כוקים. די דאָזי־קע כוקים האָבן גאַראַנטירט פאַר די קויהאַנים אַ מינימום קאָרבאָנעס און געשאַנקען. דער גרעסטער טייל פון זיי פלעגט בלייבן לעטויוואָס די קויהאַ־נים, דערביי האָט מען נאָך צוגעגעבן, אַז ס׳איז ניט פאַרבאָטן, דאָס יעדער איינציקער פון די בניי-יסראָעל זאָל פאַרמערן פרייוויליק, „וויפל זיין האַנט גרייכט”, די צאָל קאָרבאָנעס און געשאַנקען (באַמידבאָר כט, לט.).

אָט די אַלע ענדערונגען האָבן זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אַף די יאָמטוי־ווים. פריער פון אַלץ האָבן די קויהאַנים געזען צו פאַרגרעסערן די צאָל פון די אָבליגאַטאָרישע יאמטויווים, ווייל צוזאַמען מיט דעם האבן זיך אויך פאַר־גרעסערט די האַכנאָסעס. ווי מיר ווייסן, זיינען אין פאַרלויף פון יאָר ביזן גאָלעס, פאַרגעקומען דריי גרויסע יאמטויווים, יעדערער איינמאָל אין יאָר און צוויי יאמטויווים—יעדער כוידעש (שאַבעס און כוידעש). פּייסאַך און יאמקיפּער פלעגן געיאמטעווט ווערן ניט אומעטום, ראש-האַשאָנא פלעגט מען ווי דער מינ־העג איז געווען, פאַראייניקן מיט סוקעס און דער פּרואוו פון די קויהאַנים אין דער צייט פון קיניג יאשיאהו, איינצושטעלן שאַבעס פאַר אַ וואָכנטלעכן יאמטעוו, האט ניט געהאט קיין דערפאָלג.

אין דער רעשימע פון די יאמטויווים, אין „טייראַס-קויהאַנים” (וואַיקרא כג, און באַמידבאָר כח כט.) איז די צאָל פון די יאמטויווים געקויפּלט גע־ווארן אין צווייען, דא האבן מיר שוין זעקס יאָמטויווים און אויסער דעם

יאמטעוות מען שאבעס אלע וואך און דעם ערשטן טאג פון יעדער כוי-דעש, ראש-כוידעש, אנשטאט דעם פריערדיקן יאמטעוו פון ניי-לעוואנע.

די זעקס גרויסע יאמטויווים אין יאר זיינען פאלגנדיקע: פייסאך, מאצעס, שוואועס, ראש-האשאנא, (יום תרועה) יאמקיפער, סוקעס. דאכט זיך, אז דאס זיינען אלץ די אלטע יאמטויווים פון דער פאר-גאלעס-עפאכע. זיי האבן דא אבער אצינד א נייעם לוואוש מיט נייע כאראקטעריסטישע שטריכן.

דער ערשטער כאראקטעריסטישער שטריך פון די דאזיקע זעקס יאמטויווים באשטייט אין דעם, וואס אלע יאמטויווים זיינען ענלעך איינער צום אנדערן, צום ווייניקסטן אין די הויפט ריטואלן. די הייפט זאך אין ריטואל פון יעדן יאמטעוו, איז, לויטן „טויראס קויהאנים", צו ברייגנען א באשטימטע צאל קארבאנעס. דריי מינים קארבאנעס ווערן יעדן יאמטעוו געבראכט: א ברען-קארבן פון פארשיידענע באלעכאים אין א פארשיידענער צאל, ווי נאך א יאמטעוו נאך, ברויט-געשאנקען (מנחה) מיט וויין און בוימל-גיסונגען אויך אין א פארשיידענער צאל, נאך א יאמטעוו נאך, און ענדלעך, אומבאדינגט, אף יעדן יאמטעוו, אויסער שאבעס, ווערט געבראכט א באק פאר א לייטער-קארבן, אזא קארבן, וואס פארן גאלעס פלעגט ער געבראכט ווערן נאר צוויי מאל אין יאר.

די צאל קאר-באנעס. ווייניקער פון אלץ האט מען געדארפט ברייגנען קארבאנעס אין א געוויינטלעכן שאבעס פון א גאנץ יאר. קארבאנעס פלעגט מען ברייגען מער ווי אלע מאל אין יאמטעוו סוקעס. אויב מיר וועלן אויסרעכענען וויפל אבליגאטארישע קארבאנעס האט מען געדארפט ברייגנען לויטן „טויראס קויהאנים" אין משך פון א יאר, אויב מען זאל דערצו צורעכענען די אלטעגלעכע פרי און אוונט-קארבאנעס (תמיד), וועלן מיר באקומען א גאנץ קאלאסאלע צאל: טויזנט דריי און ניינציק (1093) לעמעלעך. הונדערט דרייצן (113) אקסן, זיבן און דרייסיק (37) באראנעס, צוויי און דרייסיק בעק (32). בא א פינף טויזנט פינפהונדערט ליטרעס זעמלמעל (סלת), בא צוויי טויזנט מיט הונדערט ליטרעס וויין, און נאך א מאל אזויפל בוימל.

פון די דאזיקע קארבאנעס פלעגט נאר דער ברען-קארבן אוועק אינגאנצן אפן מיזבייאך און בלויז די פעל פלעגט בלייבן פארן קויהען, פון די איבעריקע קארבאנעס אבער, פלעגט שוין קימאט אלץ געהערן צום קויהען. פון די אויסערגעוויינלעכע קארבאנעס („כאטאס") פלעגט דער מיזבייאך צונעמען מער ניט ווי דאס בלוט און פון געוויקס-קארבאנעס פלעגט אפן מיזבייאך ארופגעווארפן ווערן ניט מער, ווי א הויפן מעל און פון די וויין און בוימל--א פאר טראפנס און מער ניט, דאס איבעריקע פלעגט בלייבן פאר די קויהאנים. אף די קארבן-מאלצייטן האבן די קויהאנים געקוקט קרום און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז גייען די דאזיקע סודעס ארויס פון מאדע.

און אזוי איז די ערשטע ענדערונג אין די יאמטעוו-ריטואלן באשטאנען

אין דעם, וואָס די יאָמטויווים זיינען געוואָרן א מקור פון האַכנאָסע פאַר די קויהאַנים.

אויב ס'וואָלטן אפילע ניט געווען קיין אנדערע קאָרבאָנעס אויסער די קאָרבאָנעס פון יאָמטעוו און אויסער דעם אלטעגלעכן קאָרבן-„טאמיד“, וואָלט די האכנאָסע אויך געווען גענוג גרויס, אָבער די קויהאַנים האָבן פאַרדאַיגעט, אַז זיי זאָלן האָבן נאָך קאָרבאָנעס, זיי האָבן איינגעשטעלט, אַז פאַר פאַרשיידענע כאַטאָאים, ד. ה. פאַר אויוועך זיין אף די כוקים, וואָס זיי האָבן געבאָטן, זאָל מען ברענגען קאָרבאָנעס, קעדיי צו פאַרגעבן די זינד און די שולד. אט די דאָזיקע קאָרבאָנעס זיינען אינגאַנצן געגאַנגען לעטויוואָס די קויהאַנים.

דער אלגעמיינער שטריך פון די דריי יאָמטויווים אין יאָר, אין דער פאַרגאָלעס-עפּאָכע, איז געווען די פרייד. די דאָזיקע פרייד איז געווען טראַדיציאָנעל און די קויהאַנים פון פאַרן גאָלעס, פאַרפּאַסנדיק זייערע געבאָטן וועגן יאָמטעוו, האָבן ניט געוואגט צו גיין קעגן דער מעסוירע פון פאָלק.

דער דאָגמאַטישער כאַראַקטער פון די יאָמטויווים.

אין „סייפער-האַבריס“ און אין „טייפער-האַטוירע“ פון יאָר 661 (דוואָרים), ליייענען מיר פאָלגנדיקן געבאָט: עס, טרינק און פריי זיך פאַר יאַהווען. איצט פאַרשווינדט דער דאָזיקער געבאָט פון „טויראַס-קויהאַנים“. דער געבאָט פון „טויראַס קויהאַנים“ איז שוין גאָר אן אַנדערער: ברענג קאָרבאָנעס וויפל גאָט האָט געבאָטן, און טו טשוווע אף דיינע זינד. עמעס, טשוווע טאָן אַף די זינד, ווערט ניט פאָרגעלייגט אָפּ, נאָר דאָס, וואָס מען פלעגט דאַרפן ברענגען אַ באָק פאַר אַ לייטער-קאָרבן, אַ קאָרבן, וואָס מען פלעגט מאַקריוו זיין יעדן ראָש-כוידעש און אף יעדן גרויסן יאָמטעוו פון יאָר, האָט געדאַרפט דערמאָנען די בניי-יעהודע וועגן זייערע כאַטאָאים.

פאַרן גאָלעס פלעגט יעדער איינציקער יאָמטעוון בא זיך אין דערהיים, אצינד האָט מען שוין געדאַרפט גיין פראַווען דעם יאָמטעוו אין יערושאָלאיִם, דאָרטן ברענגען די באַשטימטע צאָל קאָרבאָנעס און טשוווע טאָן. אויב אונזערע אָוועס וואָלטן די יאָמטויווים ניט געפייערט, ווי ס'איז געווען לויטן אַלטן מינהעג, וואָלט מען אצינד ניט געדאַרפט גיין אין יערושאלאיִם אויסגעבן געלט אף די קויהאַנים אין בייס-האַמיקדאש און בוקן זיך פאַר זיי.

בא אַזאַ שטעלונג צו דער פראַגע פון יאָמטעוו-קולט איז נאַטירלעך, אַז די קויהאַנים האָבן אַפן ערשטן אָרט געוואָלט ארויסרוקן יאָמקיפּער, וואָס האָט געזאָלט אָפּשטויסן אַפן צווייטן פּלאַן אַפילע דעם אוראַלטן יאָמטעוו סוקעס. אַזוי ווערט טאַקע אין „טויראַס-קויהאַנים“ אָפּגעגעבן דעם אויבנאָן יאָמקיפּער. די ריטואַלן פון דעם דאָזיקן יאָמטעוו, אין פאַרגלייך מיט די ריטואַלן פון אנדערע יאָמטויווים, ווערן באַשריבן אסאַך גענויער.

יאָמקיפּער ווערט געווידמעט אַ גאַנצער קאַפּיטל. פון די געבאָטן וועגן דעם דאָזיקן יאָמטעוו איז באַשיינפּערלעך, אז די קויהאַנים האָבן געוואָלט באַווייזן, אַז יאָמקיפּער איז גאָר א באַזונדער יאָמטעוו, וואָס איז גאָר ניט

ענלעך אַף די איבעריקע און איז וויכטיקער פֿון זיי אַלעמען. די אווײדע פֿון יאָמקיפּער איז געלעגן אויסשליסלעך אַפֿן קויהען-גאָדל, דאָס אַליין האָט שוין באַדאַרפֿט זאָגן אײדעס וועגן דער אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט פֿון דעם דאָזיקן יאָמטעוו.

צו דער אווײדע פֿון יאָמקיפּער האָבן זיך געדאַרפֿט גרייטן סײַ דער קויהען-גאָדל און סײַ דאָס פֿאָלק. דער קויהען-גאָדל האָט זיך פֿריער געדאַרפֿט טויוול זײַן, דערנאָך פֿלעגט ער אָנטאָן ניט זײַנע געוויינטלעכע קליידער, וואָס פֿלעגן זײַן געמאַכט פֿון בעסטן מין ביזאָן (אַזאַ טײַערער געוועב פֿון מיצראַיִם), אויסגעהעפֿט מיט גאָלד און פֿאַרפּוצט מיט די טײַערסטע דימענטן און שטיינער, נאָר אין אײנפֿאַכן לײַנענעם מאַלבוש און לײַן-גאַרטל, אָן קיינע באַפּוצונגען.

די דאָזיקע אויסערגעוויינטלעך באַשיידענע קליידער, וואָס דער קויהען-גאָדל האָט געטראָגן צו דער יאָמקיפּער-אַווײדע, האָבן געגעבן אָנצוהערעניש וועגן אַ באַל-טשוווע, וואָס האָט כאַראָטע אַף זײַנע זינד. דאָס פֿאָלק האָט געדאַרפֿט פֿאַסטן דעם גאַנצן טאָג און אָפּהאַלטן זיך פֿון יעדער אַרבעט. פֿאַר ניט אָפּהיטן דעם טאָנעס און די געבאָטן פֿון יאָמקיפּער האָט „טויראַס-קויהאַנים“ געדראָעט מיט „קאָרעס“. אין דעם עצעם ריטואַל אַליין האָבן זיך נאָך אײַנגעהיט די פֿריערדיקע מאַגישע לײַטערונג-מינהאָגים, זיי זײַנען אָבער פֿאַרברייטערט געוואָרן און האָבן באַקומען אַ באַזונדער פֿײַערלעכקייט. א טייל פֿון די ריטואַלן פֿלעגט דער קויהען-גאָדל פּראַווען אין דער אַזאָרע פֿון בייס-האַמיקדאָש פֿאַרן פֿאַרזאַמלטן פֿאָלק, א טייל אין בייס-האַמיקדאַש, אין דעם אַזוי גערופֿענעם קאָדשיי-קאָדשים, א הינטערשטער פֿינסטערער צימער, וואו פֿריער, ביזן גאָלעס, איז געשטאַנען דער אָרן פֿון בונד. נאָך דעם גאָלעס, ווען עס איז שוין קיין אָרט ניט געווען, ווען ער איז פֿאַרניכטעט געוואָרן אין דער צײַט פֿון כורבן בייס-האַמיקדאַש, האט זיך דאַרטן געפֿונען אן אור-אַלטער שטיין, וואָס האט פֿריער געדינט ווי א פּיעדעסטאַל פֿאַרן אָרן.

פֿאַר די אויגן פֿון דעם פֿאַרזאַמלטן האַמוין האָט דער קויהען-גאָדל פֿריער פֿון אַלץ מאַקריוו געווען אַן אָקס, ווי אַ קאָרבן פֿאַר זײַנע כאַטאָיִם און פֿאַר די כאַטאָיִם פֿון זײַן פֿאָטער-הויז.

דער דאָזיקער ריטואַל איז געווען ניט גאָר קיין געוויינטלעכער, און האָט זיך אונטערגעשיידט פֿון דעם פֿריערדיקן מיט דעם, וואָס דער קויהען-גאָדל האָט פֿאַרן שעכטן דעם אָקס אַרופֿגעלייגט די הענט אַפֿן קאָפּ פֿון דעם אָקס און מיסוואַדע געווען זיך פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק אַף זײַנע זינד, און אַזוי פֿלעגט ער זאָגן: אָ, יאַהווע, איך האָב אומרעכט באַגאַנגען, איך האָב געזינדיקט, איך האָב ווידערגעשפּעניגט, איך און מײַן פֿאָטער-הויז; אָ, יאַהווע, טו פֿאַרגעבן אַף דעם אומרעכט, אַף די פֿאַרברעכן און כאַטאָיִם, וואָס איך האָב קעגן דיר באַגאַנגען, איך און מײַן פֿאָטער-הויז.

נאָכדעם פלעגט דער אָקס געשאָכטן ווערן. דער קויהען-גאָדעל פלעגט נעמען אין איין האַנט דעם רויכערדיקן קטוירעס-קריגל, און די אַנדער האַנט פלעגט ער איינטונקען אין בלוט, וואָס האט געטריפט פון אָקס און פלעגט אַוועק אין קאָדשיי-קאָדשים, קעדיי צו באַשפּריצן דעם הייליקן שטיין מיטן בלוט פון קאָרבן, און דער רויך פון די קטוירעס האָט געדאַרפט, ווי די קויהאַנים האָבן דערקלערט, פאַרשטעלן דעם הייליקן שטיין, קעדיי דער קויהען-גאָדל זאָל אים ניט זען און שטאַרבן. נאָכדעם פלעגט דער קויהען-גאָדל זיך אומקערן און צו אים פלעגט מען צופירן צוויי בעק. ער פלעגט אַרויסציען דעם גוירל וועלכער באָק זאָל גיין פאַר א קאָרבן צום גאָט יאַהווע און וועלכער פאַר אַ קאָרבן צו אזאָזל.

אַף דעם זעלביקן אויפן ווי מ'פלעגט מאַקריוו זיין דעם אָקס, פלעגט מען אויך מאַקריוו זיין דעם סאָאיר צו יאַהווען. אַף זיין קאָפּ פלעגט דער קויהען-גאָדל אויך אַרופלייגן די הענט און איבערכאַזערן די זעלביקע פאָרמול פון ווידוי, און פלעגט מיט זיין בלוט אויך באַשפּריצן דעם קאָדשיי-קאָדשים.

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן דער פייערלעכסטער מאמענט, דאָס מאַקריוו זיין דעם סאָאיר-לאַזאזל. דער קויהען-גאָדל פלעגט דאָ אויך אַרופלייגן די הענט אַפן קאָפּ פון דעם סאָאיר און פלעגט אַזוי זאָגן: אָ, יאַהווע, דיין פאָלק, די הויז-געזינט פון יישראָעל, האָט געטאָן אומרעכט, פאַרברעכן און זינד; אָ, יאַהווע, פאַרגיב אַף דעם אומרעכט, אַף די פאַרברעכן און זינד, וואָס ס'האָט באַגאַנגען דיין פאָלק, די הויז-געזינט פון יסראָעל. און די גאַנצע איבעריקע קליי-קוידעש און דער פאַרזאמלטער האמוין האָבן געדאַרפט פאַלן קויראים צו דער ערד און ענטפערן דעם קויהען-גאָדל מיט טרויעריקע אויסגעשרייען; נאָכדעם פלעגט מען דעם באָק אַוועקפירן אין דער מידבאָר, אין דער וויסטעניש צוק, און ביז וואַנען ער פלעגט ניט דערגרייכן דעם דאָזיקן אָרט, וואו מען פלעגט אים אַראָפוואַרפן אַף פעלז, פלעגט די צערעמאָניע ניט אופהערן.

אַפן וועג פון יערושאלאים קיין צוק פלעגן צושטעלט ווערן פאכער, וועלכע פלעגן דאַרפן געבן סיגנאַלן. דער לעצטער, באם ברעג פון אָפּגרונט, וואו מען פלעגט דעם באָק אַראָפוואַרפן, פלעגט א מאַכט טאָן מיט א טיכל דעם צווייטן באַלד, ווי מען פלעגט דעם באָק אַוועקפּאַטערן. און אזוי זייער שנעל מיטן דאָזיקן לעבעדיקן טעלעגראַף פלעגט די בסורע וועגן דעם, אַז דער סאָאיר-לאַזאָזל איז שוין אַוועקגעשיקט געוואָרן, דערגרייכן ביזן בייס-האַמיקדאָש. דעמאָלט פלעגט דער קויהען-גאָדל אַריין אין בייס-האַמיקדאָש, אַראָפּנעמען די ליינענע קליידער, פלעגט זיך טייוול זיין און צוטאָן זיין געווינטלעכן מאלבוש און אַרויס צום פאָלק, קעדיי צו מאַקריוו זיין דעם ברען-קאָרבן. מיט דעם לעצטן ריטואַל האָט מען געוואָלט באַווייזן, אַז יאַהווע האָט שוין פאַרגעבן די זינד, אַז א צינד קאָן מען אויסטאָן די טשוואָוע-קליידער

און אָנטאָן די יאָמטעוודיקע מאַלבושים און ברענגען יאָמטעוודיקע קאָרבאָנעס. ס׳פֿלעגט נאָר פֿאַרבלײַבן אײן זאַך: פֿאַרברענען אויסער דער שטאָט דעם אָקס און דעם באָק, וועלכן דער קויהען-גאָדל האָט מאַקריוו געווען פֿאַר זיך און זײַן פֿאָטער-הויז. דאָס פֿלעגט אַרופֿגעלייגט ווערן אויף זעלבן מענטשן, וועלכער האָט אָפּגעפֿירט דעם באָק צו אַזאָזל. אַלע דרײַ באַלעכאָים זײַנען געווען טאַמע און זיי פֿלעגן מעטאַמע זײַן יעדן אײנציקן, וועלכער פֿלעגט זיך צו זיי צורירן, און דעריבער האָט מען געהאַלטן פֿאַר מער צוועקמעסיק, אַז ס׳זאָל זיך מעטאַמע און דערנאָך מעטאַהער זײַן אײן מענטש און ניט עטלעכע.

די עוואָליוציע פֿון יאָמקיפּער.

מיר זעען, אַז אין די ריטואַלן פֿון יאָמקיפּער האָט מען זיך געסטאַרעט די אײנהײטן אַלע פֿריערדיקע מאַגישע ריטואַלן. ס׳איז קלאָר, אַז דער קויהען-גאָדל און די קויהאַנים האָבן זיי שוין ניט צוגעגעבן די זעלבּיקע באַדײַטונג, וועלכע מען פֿלעגט זיי צושרײַבן אין די אוראַלטע צײַטן, נאָר די דאָזיקע ריטואַלן זײַנען געווען פֿאַר די קויהאַנים זייער נויטיק, כּדי צו שאַפֿן אין פֿאָלק באַזונדערע שטימונגען און געפֿילן צו מיסוואַדע זײַן זיך און טשואווע טאָן אויף די זינד: אָט ווי גרויס איז דעם פֿאָלקס כאַטאָים, אַז כּדי צו פֿאַרגעבן זיי, דאַרף מען פּראַוון אַזעלכע אויסערגעווײנטלעכע און לאַנגדויערנדיקע ריטואַלן.

ביז וואַנען מען פֿלעגט מאַקריוו זײַן אַלע קאָרבאָנעס, ביז וואַנען מען פֿלעגט אָפּפֿירן דעם סאַעיר-לאַזאָזל אין מידבאָר, פֿלעגט געווײנלעך אַריבער אַ גאַנצער טאָג, און די גאַנצע צײַט פֿלעגן די פֿאַרזאַמלטע זײַן אין אַן אָנגעשטרענגטער שטימונג, פֿלעגן גאָרנישט ניט עסן און טרינקען. די פֿאָרמולעס, וועלכע פֿלעגן געזאָגט ווערן פֿון קויהען גאָדל פֿאַר זיך און פֿאַרן פֿאָלק, זײַנען געווען נײַע. פֿון זיי זעען מיר, אַז פֿאַר די אווייִרעס זײַנען שוין שולדיק ניט די בייזע רוכעס, נאָר די מענטשן. דאָס איז זייער אַ וויכטיקע ענדערונג, ווײַל בײַ דעם פֿריערדיקן אַנימיסטישן קוק אויף דעם אופֿקום פֿון זינד, האָט דער מענטש ניט געדאַרפֿט אַזוי פֿיל טשוווע טאָן און טרויערן. כּדי צו דערגאַנצן די פֿײַערלעכקייט פֿון יאָמטעוו, האָבן די קויהאַנים אײַנגעשטעלט, אַז נאָר יאָמקיפּער מאָג דער קויהען גאָדל אַרײַן אין קאָדשיי-קאָדשים — פֿריער איז דער דאָזיקער מינהעג ניט געווען. בײַ׳ן גאָלעס האָבן אין דעם כיידער, וואו ס׳איז געשטאַנען דער אָרן, געקענט אַרײַנגײן סײַ דער קיניג און סײַ אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן קײן שײַכעס צו קליי-קוידעש ניט געהאַט.

און ענדלעך, דער לעצטער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿאַרגאַנצט די געזעצגעבונג וועגן דעם דאָזיקן יאָמטעוו. יאָמקיפּער איז אַ יאָמטעוו פֿון טשואווע-טאָן אויף זינד, נאָר אויף וועלכע זינד? די געלערנטע סאָפֿרים האָבן אויסגעטײַטשט דעם באַגריף „זינד“ אין דעם זין, אַז דער געזעץ מײנט דאָ נאָר די אווייִרעס, וואָס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן קעגן דעם גאָט יאַהווע, ווײַל אין געזעץ — האָבן זיי געזאָגט — שטײט געשריבן: „איר זאָלט זיך רײניקן

פאַרן גאָט יאהווע" (וואיקראָ טז, ל.). דעריבער האָבן, לויט דעֶר מיינונג פון די כאַכאָמים, אהעֶר קיין שאיכעס ניט געהאַט די „זינד", וואָס דער מענטש באַגייט קעגן זיין כאַוועֶר. וואָס האָט געהייסן די זינד קעגן יאהוועֶן? דאָס איז אייוועֶר זיין אָף די כוקים און טאַקאנעס פון די קויהאַנים, ד. ה., מיט אַנדערע ווערטער, ניט אָפּהיטן די געבאָטן וועגן קאָרבאָנעס, יאָמ-טויווים, וועגן לייטערן זיך, געשאַנקען און נעדאָרים. פון דאַנען איז געדרונגעֶן, אַז די ריין פאַרמעלע אָ ן ריטועלע אוויירעס האָבן זיך גערעכנט פאַר מער האַרבעֶר ווי ראַמאָעס, גנייווע, גזיילע, האַרגענען אַ מענשן און אַנדערע פאַרברעֶכנס פון מאראַלישן כאַראַקטער.

אָף אַזאַ אויפן איז דער ציל פון יאָמטעוו באַשטאַנען ניט אין אופ-הויבן די ערלעכע זייטן פון פאָלק, נאָר צו פאַרשטאַרקן זיין איבעֶרגעגעבנקייט צו דער עמונע און זיין געהאַרכזאַמקייט צו די קויהאַנים.

פאַרוואַנדלענדיק די יאָריקע פאָלקס-יאָמטויווים אין רעליגיעזע, האָבן זיך די קויהאַנים באַמיט צו פאַרשטאַרקן דעם געדאַנק, אַז זיי, די יאָמטויוום, זיינען איינגעשטעלט געוואָרן ווי אַ זייכער פון די היסטארישע געשעענישן.

די קויהאַנים האבן זיך איצט ניט באַגרענעצט נאָר מיטן פייסאך, זיי האבן געוואָלט געבן א היסטארישע דערקלערונג אויך די איבעריקע יאָמטויווים, א דערקלערונג געבויט ניט אף דער ווירקלעֶכער געשיכטע, נאָר אף דער פאַרהייליקטער געשיכטע, וואָס איז צוזאמענגעשטעלט געווארן פון די קויהאנים גופע. באזונדער האט זיך זיי געוואלט דערוויזן, אז דער איינשטעל פון די יאמטויווים איז אייגג פארבונדן מיט דער עפּאָכע פון מוישען.

קויהאנימשע גע-שיכטע פון די ערדארבעט-יאמ-טויווים.

דעם יאמטעוו סוקעס האבן זיי געוואָלט דערקלערן ווי א זייכער פון דער וואנדערונג אין דער מידבאָר, דער הויפט שטריך פון דעם דאזיקן יאמ-טעוו—האבן זיי געזאגט—באשטייט אין דעם, וואָס דעמאלט וואוינט מען איןביידלאך און אזוי איז באשטימט געווארן, לויטן באפעל פון יאהוועֶן אליין, ווי אן אָנ-דיינק פון דעם, וואס אין דער צייט פון וואנדערן אין דער מידבאָר נאָך יעציאס מיצראים האבן די בניי-ייסראָעל געוואוינט אין ביידלאך (וואיקרא כג.מב.)

דעם יאמטעוו שוואועס האט מען נאָך דערווייל קיין שום היסטארישע דערקלערונג ניט געגעבן, נאר אין דער צייט פון דעם דאָזיקן יאמטעוו האט מען פאָרגעלייגט לייענען אויסצוגן פון דער טוירע, וועלכע דערציילן ווי אזוי די בניי-ייסראעל זיינען געקומען צום בארג סינאַי און ווי אזוי מען האָט זיי דאָרטן געגעבן די טויראַס-מוישע.

אין 1-טן און 2-טן יארהונדערט פון דער קריסטלעכער צייטרעכענונג האבן שוין די סאפרים און כאכאָמים דערקלערט, אז שוואועס איז איינגע-שטעלט געוואָרן ווי א זייכער פון מאַטן-טוירע אפן בארג סינאַי צוליב דעם, וואָס לויט דער רעֶכענונג פון דעֶר ביבל האבן די יידן דערגרייכט דעם בארג

סינאי אף דער זיבעטער וואך נאך יעציאס מיצראים, ווען די טוירע איז געגעבן געוואָרן, ד. ה. נאך פייסאך.

שוואוועס איז דער טאג, ווען די טוירע איז געגעבן געוואָרן, האבן קאטעגאָריש געזאָגט די כאכאָמים פון צווייטן און דריטן יארהונדערט, א געדאנק, וועלכן ס'האבן ניט געוואגט הויך ארויסצוזאגן די קויהאנים פון דער פערסישער עפאכע. דערפאר האָבן זיי אן צערעמאניעס געטאינעט, אז דער טעגלעכער פרימארגן און אוונט-טאמיד איז איינגעשטעלט געוואָרן פון מוישען אפן בארג סינאי (שמויס כט, לח.—מב.)

שטרעבנדיק צו פארגרעסערן די צאָל פון די יאָמטויווים האבן די קויהאנים איינגעהיט דעם אוראלטן הארבסט-יאָמטעוו—ראש-האשאָנאָ. אין לעבן אבער האט ער איצט פארלאָרן יעדע באדייטונג, וויל אין דער צייט פון גאָלעס האבן זיך די בניי-יעהודע געמוזט אפזאגן פון זייער אייגענעם לואך, לויט וועלכן דער יאָר האט זיך אנגעהויבן אין הארבסט, און האָבן איבערגענומען דעם באווילישן לואך, וועלכער איז געוועזן אנגענומען בא די מיזרעך-פעלקער.

דער באווילישער לואך.

לויט דעם דאָזיקן לואך האָט זיך דער יאָר אנגעהויבן אין פרילינג, אומגעפער אין כוידעש אָדער, אזוי, אז דער פריערדיקער ערשטער כוידעש פון די בניי-יעהודע און ייסראעל, איז לויט דער נייער צייט-רעכענונג געוואָרן דער זיבעטער כוידעש. צום אָנהויב האָבן די בניי-יעהודע אנגענומען די נייע רעכענונג פון די כאדאָשים אן די באווילישע נעמען און האָבן אזוי געציילט: ערשטער כוידעש, צווייטער, דריטער א. ז. וו. נאר אין דער עפאכע פון עזרע הויבן זיך ביסלעכווייז אן איינצופלאנצן אויך די באווילישע נעמען. דער ערשטער כוידעש, ווען מען פלעגט פייערן פייסאך, הויבט מען אן צו רופן מיטן נאמען ניסן, דער דריטער כוידעש, ווען מען פייערט שוואוועס—רופט מען סיוון, דעם זיבעטן כוידעש, ווען מען פייערט יאמקיפער און סוקעס—טישרע א. א. וו.

און אט אין ערשטן טאג פון זיבעטן כוידעש איז באשטימט געווארן צו פייערן ראש-האשאנאָ. אט דער דאזיקער יאמטעוו איז אצינד געוועזן א ריין רעליגיעזער, וועלכער איז מיט גארנישט ניט געוועזן פארבונדן מיטן אלגעמיין ווירטשאפטלעכן און אלגעמיין געזעלשאפטלעכן לעבנשטייגער. פאר די קויהאנים אבער, איז ער געוועזן זייער וויכטיק. ראש-האשאנאָ איז איינגעהיט געוואָרן דער אוראלטער מינהעג פון בלאזן שויפער. די ערשטע באדייטונג פון שויפער, האט מען שוין איצט אין גאנצן פארגעסן, נאר דאס איז געוועזן אן אוראלטער מינהעג, וועלכער פלעגט געפראוועט ווערן נאר ראש-האשאנאָ, און וועלכער האט אים צוגעגעבן א באזונדערע פייערלעכקייט און געהיימניספולקייט.

די כאכאמים האבן די באדייטונג פון שויפער דערקלערט אף אזא אויפן:

די קלאנגען פון שויפער רופן די יידן, אז זיי זאלן אנווענדן זייער הארץ און געדאנק צו די הימלען, ווי א צייכן פון אונטערטעניקייט צו יאהוועז און צו זיין טוירע. דערביי האט מען דערמאנט, אז אין 10 טעג ארום קומט אן דער גרויסער טאג פון לייטערן זיך, און, אז צו אים דארף מען זיך גרייטן מיט טשוּווע און טפילע.

אף אזא אופן איז אויך דער יאמטעוו פון ניי-יאר געווארן אין די הענט פון די קויהאנים א קליי-זאיען אף צו היפנאטיזירן (אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן) דאס פאלק און אונטערטעניקן אים.

שאבעס געווי-מען פון די באוולים. פון די איבעריקע יאמטויווים האט מען א באזונדער אופמערקזאמקייט געשייינקט דעם אפהיט פון שאבעס. מיר האבן געזען, אז ביזן גאלעס האט זיך דער וואכענטלעכער שאבעס, ניט געקוקט אף אלע אנשטריינגונגען און וואָרענונגען פון די קויהאנים, ניט געלאזט זיך איינפירן, אבער אין דער עפאכע פון גאלעס זיינען די אומשטענדן אף דורכצופירן אים, געוואָרן גינ-סטיקער. פארן וואכענטלעכן שאבעס האט זיך אויסגעפונען א באווילישער מוסטער, עמעס, ניט אין גאנצן א פאסיקער, נאר פונדעסטוועגן אזא, אף וועלכן מען האט זיך געקאנט שטיצן.

די באוולים פלעגן אויסטיילן דעם 7-טן, 14-טן, 21-טן און 28-טן טאג אין יעדן כוידעש. די דאזיקע טעג פלעגן געהייליקט ווערן דעם פלאנעט סאטורן, וועלכער פלעגט, ווי די באוולים האבן געהאלטן, ברייגגען מיט זיך אומגליק, און דעריבער האט מען די דאזיקע 4 טעג געהאלטן פאר „שווערע". די באוולים פלעגן אין דעם טאג, א שטייגער, ניט אנהויבן קיין נייע ארבעט און האבן זיך אפגעהאלטן פון אסאך מאיסים: א רופע האט אין די טעג ניט געקענט „ארופלייגן די הענט אפן כוילע" ד. ה. מאכן אן אפעראציע, געשעפטס-לייט פלעגן אין די טעג ניט שליסן קיינע אפמאכן, די נאטאריאלע קאנטארן פלעגן קיינע קאנטראקטן ניט באשטעטיקן, קיינער פלעגט ניט וואגן לאזן זיך אין די פיר טעג אין וועג אריין, ס'זיינען געוועזן פארבאטן אייניקע רעגירונגס-אקטן. אין די דאזיקע טעג האט מען אפילע ניט געטארט ברייגגען קיינע קאר-באנעס פון אייניקע מאדרייגעס.

דאס זיינען ניט געווען קיין טעג פון אפרו, נאר צוליב די אנגעוויזענע מינהאגים פלעגט דאס לעבן אין די דאזיקע טעג ווי אפשטארבן; מענטשן פלעגן מיט גרויס איימע און פאכאד אכטונג געבן אף יעדן טריט און שריט זייערן, ציטערענדיק, אז זיי זאלן ניט געשטרויכלט ווערן און טאן אזא זאך, וואס איז פארבאטן, און פלעגן מעמיילע גארגישט ניט טאן.

פון די דאזיקע טעג האט זיך אויסגעצייכנט דער באווילישער שאבעס (שאבאטו), וועלכער פלעגט געפייערט ווערן א גאנץ יאר דעם 15-טן טאג פון כוידעש. ווי דער אוראלטער שאבעס פון די בניי-ייסראעל, איז ער גע-ווען א טאג פון בארואיקן דאס הארץ, אבער ניט קיין טאג פון מוירע און

פאַכאַד. אַז מען זאָל כאלילע ניט אייוועך זיין אַף אַ פאַרבאָט. דעם באַשרײַבענעם באוולישן מינהעג פון די פיר „שווערע" טעג אין כּוידעש, זיינען אלפּי נויט געווען געצוואונגען אפּצוהיטן אויך די בנ"י-יעהודע, וועלכע האָבן געלעבט אין גאָלעס און דאָס האבן אויסגענוצט די קויהאַנים, כּדיי אײַנצושטעלן א שטריינגן שאבעס.

איינפירנדיק דעם וואכנטלעכן שאבעס, האָבן די קויהאַנים געוואָלט אַז דער דאָזיקער יאָמטעוו זאָל ווערן אַזא מינהעג, וואָס זאָל אונטערשיידן די יידן פון אנדערע אומעס, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען: אין פאלעסטינע אדער אין דיאַספאָרע. די אַלע איבעריקע יאָמטויווים זיינען אַזוי אָדער אַנדערש געווען פאַרבונדן מיטן בייס-האמיקדאָש. פאַר די איבעריקע יאָמטויווים איז דער הויפּט-ריטואל געווען די קאָרבאנעס. א ייד, וועלכער האָט ניט דערוויזן צו קימען אף יאָמטעוו אין בייס-האמיקדאָש, האָט ניט געקענט פּראווען דעם יאָמטעוו ווי עס באדארף צו זיין. דער איקער און סאַמער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון שאבעס איז געווען דאָס, וואָס אים האט מען געקענט אויספילן אומעטום אין וואס פאַר א שטייגערישע באדינגונגען ס'זאל ניט אויסקימען צו לעבן.

שאבעס איז פריער פון אלץ א טאָג פון רו — שאבאס-שאבאסוין (שבת-שבתון), ווי ס'ווערט געזאגט אין „טויראס-קויהאנים" (שמויס לה, ב). אפּהיטן דעם געבאט וועגן שאבעס-רו האָט געקאנט יעדערער, אף דעם האָט מען ניט געדארפט ניט קיין בייס-האמיקדאש, ניט קיין קויהאנים און ניט קיין קארבאנעס. און דעריבער צייכענען זיך אויס די פארזאגן וועגן שאבעס אין „טויראס-קויהאנים, מיט א באזונדער שטריינגקייט.

א זעלכע פארזאָגן זיינען פאראן דריי: דער ערשטער, אן איבערגעמאכטער אוראלטער פאַרזאג וועגן שאַבעס, געפינט זיך אין די: „אסערעס-האדיברעס" (שמויס כ. י.) און דערנאך נאָך צוויי פאַרזאגן, וועלכע געפינען זיך שוין אין „טויראַס-קויהאַנים" (שמויס לא, יב — יז און לה, א — ג). אין גרונט גענומען גייען זיי זיך צונויף איינע מיט די אנדערע און נאָר אין די דעטאַלן דערפילן זיי איינער דעם צווייטן. קוידעס-קאָל ווערט איינגעשטעלט, אַז שאבעס איז א טאָג, וועלכער איז ספּעציעל געהייליקט פאַר יאהוועו, אזוי ווי די באוולישע „שווערע" טעג זיינען געווען ספּעציעל געהייליקט דעם גאָט סאטורן.

זעקס טעג מאָג דער מענטש ארבעטן פאַר זיך, נאָר אפן זיבעטן טאָג, שאבעס, דאַרף ער ארבעטן פאַר גאָט. דאָס איז א הייליקער טאָג, א סימוואָל פון בונד, וואָס איז געשלאָסן געיאָרן צווישן יאהוועו און זיין פאָלק (שמויס לא, יב — יז). יעדע וואָך, אויספילנדיק די געבאטן וועגן שאבעס, האָט יעדער ייד געדאַרפט דערמאָנען די האַווטאָכעס, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט שאבעס: ווער ס'היט אפ שאבעס, יענעם האט יאהווע צוגעזאָגט „אן אייביקן לעבן, וועלכער וועט קיינמאָל ניט פאַרשניטן ווערן און די נאַכלע פון יאנקעוו זיין פאָטער, וועלכע וועט קיינמאָל ניט פאַרשטערט ווערן", ד. ה. גרויס לויב

און קאָוועד צווישן די פעלקער און די אופשטעלונג פון דער זעלבסטשטענ־
דיקער מעלוכע (יעשאַיע נו. ד־ה און נח. לא). און די גײַרים, וועלכע פלעגן
אננעמען די עמונע פון די בניי־יעהודע, פלעגן אויך דאַרפן פריער כּוּן אלץ
אָפּהיטן שאַבעס, ווי א הויפט זאַך, וועלכע שיידט אפּ דעם יידן פון אנדערע
פעלקער. דער אפּהיט פון שאַבעס איז געווען ניט ווייניקער וויכטיק ווי מע־
קאַיעם זיין די מיצווע פון מילע. (יעשאַיע נו. ו—ז).

שאַבעס־יאָך. שאַבעס איז אַ הייליקער טאָג, ווערט געזאָגט אין די כוקים פון „טויראַס־קויהאַנים," און ער איז איינגעשטעלט געוואָרן נאָך אין די טעג פון „מאַיסע־בריישיס" (שמויס כּ, י. לא, יב—יז). גאָט האָט די וועלט באַשאַפן אין זעקס טעג און אָפּן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט פון זיין אַרבעט, און דערי־בער דאַרפן אויך די מענטשן טאָן דאס, וואס גאָט האָט געטאָן—זעקס טעג אַרבעטן און דעם זיבעטן רוען. מען דאַרף דאָ, אַגעוו, באַמערקן, אַז דאָס וואָס ווערט געזאָגט וועגן דעם, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג, לויט׳ן ערשטן קאַפּיטל פון סייפער „בריישיס", אַף וועלכן עס זיינען זיך סוי־מעך די קויהאַנים אין זייערע כוקים וועגן שאַבעס, איז, ווי ס׳ווייזט אויס, צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן ניט פריער פאַר דער עפּאָכע פון גאָלעס־באָוועל.

ס׳איז ניקער, אַז די דאָזיקע לעגענדע איז געשריבן געוואָרן פון אַ געלערטן סויפער, וועלכער האָט געוואָלט שילדערן דאָס באַשאַפן כּוּן דער וועלט ווי אַ בעהאַדראַגעדיקן פּראָצעס און דערביי האָט ער זיך באַנוצט מיט דער באַוואוּסטער לעגענדע וועגן דעם וועלט־אופקום.

הייסט עס, אַז ווען די קויהאַנים האָבן ארויסגעגעבן די נייע געבאָטן וועגן שאַבעס, האָבן זיי זיך סוימעך געווען אַף די נייע רעליגיעזע לעגענדעס, וועלכע זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין זייער אייגענער סוויווע. אַנדערש האָבן זיי ניט געקענט האַנדלען, ווייל אין די אוראַלטע מיטוסן און לעגענדעס איז וועגן שאַבעס קיין וואָרט ניט געווען.

ווי זשע האָט אַ ייד געדאַרפט האַלטן שאַבעס? ניט רוען האָט ער גע־דאַרפט שאַבעס, נאָר אָפּהיטן שאַבעס האָט ער געדאַרפט. צווישן רו ביכּלאַל און שאַבעס־רו ביפראַט שטעקט אַ גרויסער אונטערשייד. רוען באַטייט, אַז דער מענטש טוט ניט מער זיין געוויינטלעכע אַרבעט, ער האָרעוועט ניט און איז פריי פון זיינע אַמטלעכע פליכטן, ער קאָן אויסנוצן זיין רו־טאָג ווי אים געפעלט, ווי זיין האַרץ געלוסט. דער מענטש קען בעַעמעס אָפּרוען, ליגן אַ גאַנצן טאָג און גאַרנישט טאָן, גיין שפּאַצירן, אין געסט, אַף אַ פאַר־זאַמלונג, מיט איין וואָרט, דער איקער פון רו באַשטייט אין דעם, וואס דער אַרבעטער און אָנגעשטעלטער, צו ביכּלאַל אַ האַרעפּאַשניק, איז אין רו־טאָג פריי פון אַלע פליכטן און פון יעדער אַרבעט. אַזעלכע רו־טעג זיינען פאַרן גאָלעס געווען אַלע יאָמטויווים, אין דער צאָל אויך דער אורשאַבעס: אַלע האָבן געוואָרפן די אַרבעט, געגעסן, געטרונקען און געפרייט זיך פאַר גאָט.

שאַבעס-רו באַשטייט אָבער ניט אין דעם, שאַבעס איז דער ייד געווען ווייניקער פֿריי ווי אין אַן אַנדער טאָג פֿון וואָך. ער האָט ניט נאָר ניט געקענט אַרבעטן, נאָר ער האָט אַפֿילו ניט געקענט טאָן די סאַמע געוויינטלעכע זאַכן, וועלכע זיינען נויטיק פֿאַרן הויז-שטייגער. פֿאַר ניט היטן די חוקים פֿון שאַבעס האָט, לויטן „טויראַס-קויהאַנים", געקומט פֿאַרשניטן צו ווערן פֿון דער וועלט. אַף אַזאַ אויפֿן איז דער שאַבעס, אין דער ווירקלעכקייט, געווען אַ טאָג פֿון שווערע פֿליכטן: דער מענטש איז געווען געבונדן אין זיינע האַנדלונגען און האָט זיך געדאַרפֿט שטענדיק אַרומקוקן, צו ער האָט כאָלילע ניט אויוועק געווען אַף די געזעצן און מעכאַלעל-שאַבעס געווען. בא אַזאַ שטימונג איז גיכער אויסגעקומען אָפּרוען פֿון שאַבעס, איידער רוען אום שאַבעס.

וואָס איז געווען פֿאַרבאָטן צו טאָן אין טאָג שאַבעס? פֿריער פֿון אַלץ איז פֿאַרבליבן אין קראַפֿט דער פֿריערדיקער פֿאַרגאַלעס-מינהעג, ווען צו ניי-לוואָנע (מוילעד) און שאַבעס, פֿול-לוואָנע, האָט יעדער געדאַרפֿט וואַרפֿן זיין אַרבעט: דער פּויער די פֿעלד-אַרבעט, דער סוחר זיין האַנדל, דער באַלמלאָכע זיין וואַרשטאַט.

נאָר איצט איז דאָס אָפּהאַלטן זיך פֿון געוויינטלעכער אַרבעט דערקלערט געוואָרן פֿאַר אָבליגאַטאָריש. ווען אימיצער האָט פֿאַרגעזעצט זיין געוויינטלעכע אַרבעט אום שאַבעס, אַ שטייגער, אַ פּויער אין אַרבעט-צייט, דער באַלמלאָכע אַף צו פֿאַרענדיקן אַ דרינגענדיקע באַשטעלונג, פֿלעגן זיי באַלד דערקלערט ווערן פֿאַר פֿאַרברעכער, וועלכע זיינען „כאַיעוו מיסע". אויסער דעם האָט מען נאָך צוגעגעבן עטלעכע נייע געבאָטן, און דער אָפּהיט פֿון די דאָזיקע געבאָטן האָט קיין שום שאַיכעס ניט מיטן אָפּרו פֿון אַרבעט.

דער ערשטער און דער סאַמער וויכטיקסטער געבאָט, פֿון וועלכן ס'זיינען אַרויסגעדרונגען די אַלע איבעריקע, איז געווען דער פֿאַרבאָט אָנצוצינדן פֿייער אין די הייזער אום שאַבעס (שמויס לה, ג). דעם דאָזיקן פֿאַרבאָט איז שווער צו דערקלערן: די געלערנטע האַלטן, אַז ער איז גענומען געוואָרן אָדער פֿון די באַווילישע מינהאָגים, וועלכע מען פֿלעגט אָפּהיטן אין די „שווערע" טעג, אָדער פֿון די פּערסישע מינהאָגים. אין איינעקע יאָמטעוו-טעג איז בא די פּאָרסים דערלויבט געווען אָנצוצינדן פֿייער נאָר אין מיקדאָש. ווי באַלד מען האָט ניט געטאָרט אָנצינדן קיין פֿייער, האָבן דערפֿון די כאַכאָמים געמאַכט די ווייטערדיקע אויספֿירן, אַז מען טאָר ניט קלייבן און טראָגן קיין האָלץ, שאַבעס טאָר מען ניט קאָכן און ניט בראָטן קיין שפּייז.

אָט די דאָזיקע באַגרענצונגען האָבן שוין באַשאַפֿן אַ גאַנצע ריי שוועריקייטן און זאָרגן אַף פֿרייטיק, ערעוו שאַבעס. ווידער האָבן די סאָפֿרים ווייטער אַנטוויקלט אויך די פֿריערדיקע פֿאַרבאָטן. אין פֿערטן געבאָט פֿון די „אַסערעס-האַדיבֿרעס" ווערט געזאָגט, אַז שאַבעס דאַרפֿן רוען ניט נאָר די

מענטשן, נאָר אויך די פֿי. דערפֿון האָט מען געדרונגען, אַז מען טאָר ניט אָנזאָטלען קיין קעמל און שפּאַנען קיין פֿערד און פֿאָרן (פֿאַרגלייך נעכעמיאָ לב. יג. טו). די דאָזיקע באַגרענעצונגען זיינען געווען נאָר אַן אָנהויב. שפּע־טער, אין דער העלינעסטיש רוימישער עפּאָכע, האָבן די באַלע־האַמישנע צוגעגעבן צו זיי אַ גאַנצע ריי דעטאַלן.

איינגעפֿירט דעם שאַבעס „בעיאר כאזאקא“.

פֿון דעם אַלץ, וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן, איז באַשיינפּערלעך, אַז שאַבעס איז געווען ניט גאָר גרינג צו מעקאַיעם זיין, און די קויהאַנים האָבן זיך אַסאַך געדאַרפֿט באַמיִען ביז זיי האָבן אים דורכגעפֿירט. אויב אין באָוועל האָבן דעם אָפּהיט פֿון שאַבעס געקענט מיטהעלפֿן די באַווילישע מינהאָגים פֿון די „שווערע“ טעג, איז אין פּאַלעסטינע, נאָכן אומקערן זיך פֿון גאָלעס, אַזאַ מין הילף שוין ניט געווען. קעדיי איינצופֿירן שאַבעס, האָבן די קויהאַנים גע־דאַרפֿט אָנעמען פֿאַרשיידענע מיטלען. זיי האָבן געפּרואווט ווירקן מיט פֿאַרשיידענע באַלערנדיקע מאַיסעס: זיי האָבן דערציילט, אַז ווען גאָט האָט אין דער מידבאָר געשיקט די בניי־ייסראָעל דעם מאָן, האָט ער ערעוו שאַבעס געשיקט אים אָף צוויי טעג נאָכאַנאַנד און אום שאַבעס פֿלעגט דער מאָן ניט ארויספֿאַלן; און דעריבער דאַרף מען אום שאַבעס ניט אַרויס פֿון שטוב, אָדער זאָרגן וועגן שפּייז. די צווייטע דערציילונג האָט שוין דעם ציל, אָנצושרעקן דעם אוילאָם. אין דער צייט, ווען מען האָט געוואַנדערט אין דער וויסטע, האָט מען איינמאָל אַ שאַבעס געטראָפֿן אַ בען־ייסראָעל, וואָס האָט געקליבן האָלץ. מען האָט אים געבראַכט צו מוישען און אַרענען און געפֿרעגט וואָס מען זאָל מיט אים טאָן. מוישע האָט געפֿרעגט בײַ יאַהווען און יאַהווע האָט געענטפֿערט: פֿאַרשטיינען! און דער מעכאַלעלשאַבעסניק איז פֿאַרשטיינערט געוואָרן.

אָבער אַזעלכע געשיכטעס האָבן גאַנץ ווייניק געהאָלפֿן. איבערהויפּט האָבן ווייניק וואָס אָפּגעהיט דעם שאַבעס די פּויערים, וועלכע זיינען שטענדיק געפֿאָרן אין שטאָט צום מאַרק מיט זייערע פּראָדוקטן. די איינוואוינער פֿון יערושאָלאַים האָבן זיך אויך ניט געשעמט צו גיין אום שאַבעס אָפֿן מאַרק און איינקויפֿן סכוירעס בײַ די פּויערים און בײַ די אויסלענדישע סאָכרים

נעכעמיאָ האָט דעם דאָזיקן אומרעכט באַמערקט און האָט געפּרואווט ווירקן מיט שטראָף־רייד, נאָר דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפֿן. דעמאָלט האָט ער אָנגענומען צוואַנגס־מיטלען, שאַבעס פֿלעגט ער בײַ די טויערן פֿון שטאָט צושטעלן שאָמרים, וועלכע האָבן אין שטאָט ניט אַריינגעלאָזן ניט קיין הענדלער, ניט קיין פּויער און געהאַלטן די טויערן פֿאַרשלאָסן אַ גאַנץ שאַבעס. טכּילאָס האָבן די סאָכרים געפּרואווט נעכטיקן אויסער די ווענט פֿון שטאָט נעכעמיאַ האָט זיי אָבער געדראָט, אַז ער וועט זיי צוטרייבן מיט גוואַלד און דעמאָלט האָבן זיי אויפֿגעהערט צו קומען אָף שאַבעס אין יערושאָלאַים (נעכעמיאַ יג, טו—כב). אָט אַזוי שווער איז אָנגעקומען איינצופֿירן שאַבעס אין פּאַלעסטינע. אין דיאַספּאָרע האָט מען אָפּגעהיט שאַבעס מיט מער כיישעק, ווי־

א ספעציעל יידישן יאָמטעוו, ווי דעם איינציקן יאָמטעוו, וואָס די יידן אין די׳אַספּאָרע האבן געקאָנט פייערן אן קויהאנים און אן בּייס-האַמיקדאָש.

קעדיי צו פארענדיקן אונזער בּאַשרייבּונג פון די ענדערונגען, וואָס די קויהאַנים פון דער פּערסישער עפּאָכע האבּן אריינגעטראָגן אין די יאָמטעוו-דיקע ריטואַלן, בּלייבּט אונז איבער צו בּריינגען נאָך דריי כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וועלכע שטרייכן נאָך מער אונטער דעם רעליגיעזן אינהאלט פון די יאמטויווים.

בּאשטימטע טעג פון די יאמטוי-ווים.

ערשטנס, זיינען די יאָמטויווים פיקסירט געוואָרן נאָך בּאשטימטע דאַ-טעס, אין בּאשטימטע כאדאשים, דאָס הייסט, זיי זיינען געפּייערט געוואָרן פון אַלע יידן אין איין און דער זעלבּער צייט. בּיזן גאָלעס איז אזוי ניט געוועזן. די ערדאַרבּעט-יאָמטויוים פלעגן אפּהיינגען פון דער צייט פון שניט, אָדער פון דער צייט, ווען מען פלעגט זאמלען די פּיירעס. דאָס איז אָבּער אין פּאַלעסטינע פאָרגעקומען ניט אומעטום און ניט אַלע יאָר גלייך. אשטייגער: דעם יאָמטעוו סוקעס פלעגט מען אין עפראַים פייערן שפּעטער ווי אין יעהודע; די לעוואָנע-יאָמטויווים פלעגט מען צופּאַסן צו די פּאַזעס פון דער לעוואָנע, וועלכע פאַלן קיינמאָל ניט אויס אין בּאשטימטע טעג פון כוידעש. איצטער האָט מען אין דעם פּראט איינגעשטעלט פּינקטלעכע דאַטעס: פּייסאך—דעם 14-טן ניסן, מאַצעס—דעם 15-טן ניסן, שוואועס—6-טן סיוון, סוקעס — 15 טישרע א. א. וו. אנשטאט דעם יאָמטעוו פון ניי-לעוואָנע (מוילעד) האָט מען אָנגעהויבּן צו פייערן דעם ערשטן טאָג פון יעדן כוידעש.

די פּריערדיקע בּאוועגלעכקייט פון די יאמטויווים, וועלכע האָט געשטימט מיטן בּאוועגלעכן שטייגער, האָט מען פאַרבּיטן מיט די פאַרגליווערטע רעלי-גיעזע טאקאָנעס און כוקים. אויסער דעם האָט מען פּינקטלעך בּאשטימט, וויפל צייט ס׳דאַרף געדויערן יעדער יאָמטעוו: פּייסאך — 7 טעג, שוואועס--1 טאָג, סוקעס—8 טעג. פון די דאָזיקע טעג האָט מען אין יעדן יאמטעוו אויסגעטיילט בּאזונדערע רו-טעג, ענלעך צום שאַבּעס.

אין די דאָזיקע טעג האָבּן אלע יידן געמוזט גיין אין בּייס-האַמיקדאָש, און די יידן פון כוץ-לאָאָרעץ האָבּן געדאַרפט גיין אין די בּאָטיי-טפילעס צוליבּ דער הייליקער פאַרזאַמלונג (מיקראָ-קוידעש). מיט אַנדערע ווערטער, ס׳איז איינגעפירט געוואָרן, אַז אַלע אידן מוזן בּאַזוכן די הייליקע פאַרזאַמלונגען.

קריאס-האטוירע

און ענדלעך, דער דריטער שטריך, איז בּאַשטאַנען אין דעם, וואָס די גאָטדינסט איז געוואָרן אַסאַך קאָמפּליצירטער. אויסער די קאָרבּאָנעס און טפילעס, אויסער דער מוזיק און געזאַנג, וואָס האָבּן זיך פּראַקטיקירט אויך פריער, האָט מען נאָך איינגעפירט לייענען די טוירע (קריאָס-האַטוירע). צוליבּ דעם פלעגט זיך אַ קויהען אַוועקזעצן אַף אַ בּימע און לייענען אַ געוויסן אויסצוג. אַזוי ווי די העבּרייאישע שפּראַך איז שוין אין דער פּערסישער

עפּאָכע ניט געווען קיין לעבעדיקע אומגאַנג-שפּראַך, פלעגן זיך נעבן באַל-קריע אַוועקשטעלן איבערזעצער, וואָס פלעגן דאָס איבערגעלייענטע איבער-זעצן אף אַראַמיש, אַף דער שפּראַך, וואָס די יידן האָבן דעמאָלט גערעדט. (פאַרגלייך עזרע ח, א—ח).

די דאָזיקע פאָרלעזונגען האָבן פאַר די קויהאַנים געהאַט זייער אַ גרויסע באַדייטונג. מיט דעם האָבן זיי געלערנט דעם פאָלק, דערוויזנדיק, אַז אַלע ריטואַלן, וועלכע זיי צווינגען אויסצופילן, זיינען ניט אויסגעקלערט פון זיי אַליין, נאָר זיי זיינען, קלוימערשט, געגעבן פון גאָט אַליין דורך מוישען.

גלייכצייטיק האָט דער דאָזיקער מינהעג געקאָנט אָפּגעהיט ווערן כון די יידן אין דיאַספּאָרע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין בייס-האַמיקדאָש און האָבן זיך בלויז געקענט צונויפקלייבן אַף יאָמטעוו אין די באָטיי-טפילעס. אַף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען פלעגט מען זינגען די קאַפּיטלען פון טהילים, וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַרן יאָמטעוו און מען פלעגט ליינען די באַ-שטימטע אויסצוגן פון דער טוירע. אָט אַזוי איז געלייגט געוואָרן דער גרונט-שטיין פון סינאַגאָגע און סינאַגאָגאלן קולט. (שול, סינאַגאָגע אין גריכיש— פאַרזאַמלונג, בייס-האַקנעסעס).

אַזוי האָבן זיך די יאָמטויווים געענדערט אין דער עפּאָכע נאָכן גאָלעס. אַזוי ווי די גאַנצע רעליגיע נאָכן גאָלעס, האָבן אויך די יאָמטויווים פאַרלאָרן דעם צוזאַמענבונד מיטן פאָלקסווירטשאַפטלעכן לעבנסשטייגער און זיינען געוואָרן אַ געווער אין די הענט פון די קויהאַנים אַף איינצושטעלן און איינ-צוהיטן די מעמשאָלע פון די קויהאַנים איבער דעם יידישן האַמוין. אים, דעם האַמוין, האָט מען פאַרשיקערט מיט די שטענדיקע דראָשעס וועגן זינד און וועגן דער נויטיקייט צו לייטערן זיך פון זיי. אים האָט מען אַריינגע-שלאָגן אין קאָפּ, אַז אַלע אומגליקן, אַלע צאָרעס נעמען זיך פון דעם, וואס מען היט ניט אָפּ די געזעצן פון יאהווע דעם גאָט, אַז די גאַנצע רעטונג און דער גאַנצער גליק הייגנט אָפּ פון דעם, וואָס מען היט אָפּ די טוירע, ד. ה. מען איז מעקאַיעם אַלע געבאָטן פון די קויהאַנים וועגן די קאָרבאַנעס, יאָמ-טויווים, נדארים און אלע אַנדערע רעליגיעזע פליכטן.

די פאלקס-מאסן האבן זיך ווי פיש אין נעץ, געפּלאָנטערט אין די דאָ-זיקע געבאטן, און די קויהאַנים האבן עס צוגעקוקט און געפרייט זיך מיטן גוטן געפאנג. צוזאגנדיק דעם פאלק, פאַרן מעקאַיעם זיין די טוירע, גליק און באַפרייאונג, האבן די קויהאַנים אין דער זעלבער צייט געשטיצט די פרעמדע מאַכט דערפאר, ווייל נאר מיט איר הילף, נאר צוליב דעם אונטערגאַנג פון דער נאַציאנאלער מעלוכע, האבן זיי געקאנט איינשטעלן זייער מאַכט. עמעס, די געבאטן פון די קויהאַנים זיינען אַריין אין לעבן ניט מיט אַמאל, נאר מיט גרויס מי און מאַטערניש. צוזאַמען מיט די נייע געבאטן האט מען אין

די דערפער נאָך אפגעהיט די פריערדיקע ריטואַלן, דאס ברײנגען דעם ערשטן גאַרב, די קאַראַהאדן און שיקרעס אום סוקעס.
די קויהאַנים האָבן אַף דעם קרום געקוקט. זײ האָבן אָבער שאָלעם געמאַכט מיט די עקזיסטירנדיקע אַלטע מינהאָגים, אַבי זײערע נײע פאָדערונגען און געבאָטן זאָלן, ווי ווײט מעגלעך, אָפגעהיט ווערן. זאָל דאָס פאלק אַביסעלע צווזינדיקן, אַבי ער זאל ניט פאַרגעסן אָן די רעליגיעזע יאמטויוויִם.

VI.

יאַמטויוּוים אין דער גריכיש־רוימישער עפּאָכע.

אין פאַרלויף פון דער פּערסישער עפּאָכע, ד. ה. ביז די דרייסיקער יאָרן פון פערטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס געבוירט, האָט זיך די יידישע געמיינדע פון 2-טן בייס-האַמיקדאָש אײַנגאַנצן אויסגעפורימט און באַפעסטיקט איר מאַכט אַף דער יידישער באַפעלקערונג פון די נאָענטע געגנטן, וואָס זײַנען געלעגן אַרום ירושאָלאים און אויך אַף די יידישע קאָלאָניעס פון דיאַספּאָרע, כוץ-לאָאָרעץ. דעם סאָף פון דער פּערסישע עפּאָכע און דעם אָנהויב פון דער גריכישער הערשאַפט איז שווער פעסטצושטעלן. די היסטאָרישע ביכער פון דער ביבל, אין זייער היינטיקן טעקסט, גיבן וועגן דער דאָזיקער צייט קיין גענויע ידיעס ניט. די גריכישע און רוימישע היסטאָריקער האָבן זיך ווייניק וואָס אינטערעסירט מיט דער דאָזיקער פראַגע און פאַרשוויגן אינגאַנצן וועגן דעם.

נאָר פון 2-טן יאָר הונדערט ביזן אָנהויב פון דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג הויבט זיך שוין דער פאָרהאַנג אויף און די דאָזיקע פראַגע ווערט שוין פאַר אונז קלערער. עס קומען פאָר גרויסע ענדערונגען אין לעבן פון לאַנד יעהודע, עס פלאַקערן אויף שטורמישע געשעענישן. פון די דאָזיקע ידיעס ווערט אויך קלאָר, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם פאַרטונקעלטן פאַר אונז פעריאָד-צייט, פון סאָף פּערסישער און אָנהויב גריכישער הערשאַפטן, דעמאָלט ווען עס זיינען צייטיק געוואָרן די סיבעס פון די ענדערונגען.

קעדיי בעסער צו פאַרשטיין די שינויים אין דעם יאָמטעוו-קולט, דאַרפן מיר זיך קוידעם-קאָל פאָרשטעלן די אַלגעמיין-סאָציאַל-פּאָליטישע ענדערונגען אין לעבן פון יידישן פאָלק, פון וועלכע עס זיינען געוועז אפהייגיק אויך די שינויים אין דער רעליגיע. מיר ווילן דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט געבן קיין גענויע געשיכטע פון 4-טן ביזן 2-טן יאָר הונדערט. דאָס איז אַ גאַנץ האַרבע אויפגאַבע, וואָס פאָדערט א באַזונדער בוך און וואס איז אין דעם געגעבענעם פאַל ניט באַזונדער נויטיק. ס'איז גענוג פאַר אונז אפצושטעלן זיך אַף צוויי וויכטיקע פאַקטן פון דער גריכיש-רוימישער עפּאכע.

גרויסע יידישע צענטערס אין דיאספארע.

אַט די דאָזיקע פאַקטן האָבן געהאַט אַן אַנטשליסנדיקע ווירקונג אַף אַלע איבעריקע געביטן פון לעבן אין יעהודע. די צוויי-פאַקטן זיינען פאָלגענדיקע: ערשטנס—דער קאָלאָסאַלער וואוקס פון די יידישע קאָלאָניעס אין דיאַספּאָרע און צווייטנס—דער טיפער קריזיס, וואָס די געמיינדע פון ירושלים האָט איבערגעלעבט אין דער אזוי גערופענער עפּאָכע פון די מאַקאַווייער (כאַשמוינאָים), ד. ה. אַ קײַלעכדיקער יאָרהונדערט פון מיטן 2-טן ביז מיטן 1-טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג.

מיר האָבן שוין געזען, אַז די יידישע געמיינדעס פון אויסער די גרעניצן פון פאַלעסטינע פירן זייער עקזיסטענץ נאָך פון גאָלעס באַוועל אָן. אין דער צייט פון דער פּערסישער הערשאַפט זיינען די דאָזיקע געמיינדעס געווען ניט פיל און האָבן קיין גרויס ווירקונג ניט געהאַט. ווען אַלעקסאַנדער מוקדן האָט אין די דרייסיקער יאָרן פון 4-טן יאָרהונדערט אונטערטעניק געמאַכט אונטער דעם גריכישן קאַפּיטאַל דעם דאַמאָלסדיקן קולטורעלן מיזראַך: קליינאַזיע, באַוועל, סיריע, פאַלעסטינע און מיצראַיִם, האָט זיך די לאַגע געענדערט.

דער גריכישער האַנדל און אינדוסטריע-קאַפּיטאַל האָט אַריינגעדרונגען אומעטום. ס'איז אים ווייניק געווען שטאָטישע צענטרען, האָט ער זיך געשאַפן נייע. דער גרעסטער פון זיינע ניי-געשאַפענע צענטרען איז געווען אַלעקסאַנדריע פון מיצראַיִם. דאָס איז געווען אַ נייע שטאָט אָפּן אַריינגוס פון דער טייך נילוס אין מיטלענדישן יאַם. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזאַ אופלעבונג פון האַנדל און געלט-פאַרקער, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט אין דער געשיכטע. אַט דאָס אַלץ האָט זיך אָפּן בעסטן אויפן אָפּגעשפּיגלט אַף די געשעפטן פון די יידישע געמיינדעס אין דיאַספּאָרע.

יידישער האנדל-קאפיטאל.

דער גריכישער קאַפּיטאַל איז געגאַנגען פון מאַירעוו אין מיזראַך. דער יידישער קאַפּיטאַל—פון מיזראַך אין מאַירעוו. יידישע האַנדל-קאַנטאָרן און נאָך זיי יידישע קאָלאָניעס האָבן זיך געוויזן אין צאָפן-אַפריקע, שפּאַניע, איטאַליע, קליינאַזיע און אין גריכנלאַנד. ווען אין 2-טן און אין 1-טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג איז די גריכישע מעלוכע פאַרביטן געוואָרן מיט דער רוימישער, זיינען יידישע געמיינדעס פון דיאַספּאָרע געווען אומעטום, און אומעטום זיינען זיי געווען אַ ווירקנדיקער קויאַך. דער רוימישער שריפטשטעלער סטראַבאָן דערציילט: „אין אַלע מעלוכעס זיינען זיי (די יידן) אַריינגעדרונגען און ס'איז ניט גרינג צו געפינען אַן אָרט אַף דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל ניט צונעמען דער דאָזיקער אומע און זאָל איבער איר ניט געוועלטיקן". און אַ יידישער דיכטער פון 1-טן יאָרהונדערט פאָלט שוין אַריין אין אַזוינע היספּאַיילעס, אַז ער זאָגט: סאַי דער יאַם, סאַי די ערד זיינען פול און פיל מיטן יידישן פאָלק.

יידישער צענטער אין אלעקסאנדריע פון מיצראים.

די יידישע געמיינדעס פון דיאַספּאָרע זיינען געווען זייער פּילצאָליק. זיי זיינען באַשטאַנען ניט נאָר פון יידן לויט דער אָפּשטאַמונג, נאָר אויך פון פּראָזעליטן, ד. ה. פון פּערזאָנען פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, דערהויפּט מיזראָכישע, וואָס האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. לויט דער צאָל רייכ-קייט און ווירקונג זיינען די יידישע געמיינדעס אין מיצראַים געשטאַנען אַפן ערשטן פּלאַץ און פריער פון אַלע יידישע געמיינדעס איז געשטאַנען די גע-מיינדע אין אַלעקסאַנדריע. אין דעם ערשטן יאָרהונדערט זיינען פון די פינף קוואַרטלען פון דער דאָזיקער גוואַלדיק גרויסער שטאָט צוויי קוואַרטלען אינ-גאַנצן באַזעצט געווען מיט יידן און אין די איבעריקע דריי קוואַרטלען האָט אויך געוואוינט אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן.

אויסער אַלעקסאַנדריע זיינען נאָך אין מיצראַים געווען נאָך אייניקע שטעט און שטעטלאך, וואָס זיינען באַזעצט געווען דאָס ראָוו אָדער אינגאַנצן מיט יידן. א דאַנק זייער וואָגיקער ווירקונג, האָבן די יידן אין מיצראַים דער-שלאָגן זיך פון די גריכישע קיניגן אין מיצראַים גרויסע פּריווילעגיעס, אגעוו האָבן זיי אויך געהאַט זייער אייגענעם נאָסי (פירשט), וואָס האָט זיך באַנוצט גאַנץ ברייטע רעכט.

מיקדאש-כוניא.

אין 2-טן יאָרהונדערט האָט איינער א קויהען מיטן נאָמען כוניא-וועמען עס איז אויסגעקומען צו מאַכן די פּלייטע פון ירושאָלאים צוליב דער מאַפּאָלע פון זיין פּאַרטיי (וועגן דעם וועלן מיר ריידן אונטן), אויסגע-פּועלט באַם קיניג פון מיצראַים אן ערלויבעניש צו בויען א בייס-האַמיקדאָש און פראַווען דאָרטן די אוואוידע צום גאָט יאהווע. דער זעלביקער קויהען האָט געהאָפט, אַז אַף אַזאַ אויפן וועט ער באַשאַפן אן אויטאָנאָמע רעליגיעז מיט געמיינדע אין מיצראַים.

דער קיניג האָט דערלויבט כוניא דעם קויהען צו באַנוצן זיך מיט די כורוועס פון אן אוראַלטן מיצרישן מיקדאָש אין לעאָנטאָפּאָל. ער האָט ווידער אופגעבויט דעם האַלב-כאָרעוודיקן מיקדאָש לויטן מוסטער פונ׳ם בייס-האַמיקדאָש אין ירושאָלאים און איינגעפירט דאָרטן דעם קולט פון דער יידישער רעלי-גיע. אָבער ניט געקוקט אַף דעם, וואָס דער נייער בייס-האַמיקדאָש איז געווען אַזוי נאָענט פאַר די יידן פון מיצראַים, זיינען זיי דאָך געגאַנגען אין ירו-שאָלאים און דער פראוו פון כוניא דעם קויהען האָט זיך ניט איינגעגעבן.

סטאטיסטיק פון דער יידישער באפעלקערונג.

אין רוים, דער דעמאָלסדיקער וועלט-מעטראָפּאָליע, איז פון דער זעקס-הונדערט טויזנטדיקער באַפעלקערונג געווען ניט ווייניקער פון 15—20 טויזנט יידן. לויט דער רעכענונג פון די מיטצייטיקע היסטאָריקער, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער סטאַטיסטיק פון דער באַפעלקערונג פון דער אוראַלטער וועלט, זיינען אין 1-טן יאָרהונדערט געווען אין דיאַספּאָרע ניט ווייניקער פון 3 מיליאָן מיט 5 הונדערט טויזנט. אין דער אייגענער צייט זיינען אין פּאַ-לעסטינע געווען ניט מער פון 5 הונדערט טויזנט יידן. מיט אַנדערע ווערטער

הייסט עס, אז אין ערשטן יאָרהונדערט האָבן אויסער די גרעניצן פון פּאַלעסטינע געלעבט אין זיבן מאָל מערער יידן, ווי אין פּאַלעסטינע גופע. אין 2-טן און אין 3-טן יארהונדערט איז, פאַרשטייט זיך, די פּראָפּאָרציע געווען אן אַנדערע, אַ קלענערע, מען דאַרף אָבער מצשאַער זיין, אז שוין אין 3-טן יאָרהונדערט איז די צאָל פון די יידן אין דיאַספּאָרע געווען באַדייטנדיק גרעסער פון דער צאָל יידן אין פּאַלעסטינע.

די יידן פון דיאספּאָרע האָבן איבערגעשטייגט די פּאַלעסטינער סאי מיט זייער אַשירעס און סיי מיט זייער ווירקונג.

די דאָזיקע גוואַלדיקע, לויטן דעמאָלדיקן מאַסשטאַב, צאָל יידן האָט זיך אָבער אין רעליגיעזן היגזיכט אונטערגעוואָרפן דער העגעמאָניע פון די קויהאנים אין יערושאָלאַים. דער פּרואוו פון דעם קויהען כויניא צו שאפן אין מיצראַים א זעלבסטשטענדיקן רעליגיעזן צענטער האָט, ווי מיר האָבן נאָר וואס געזען, ניט געהאַט קיין דערפאָלג. אין אנדערע צענטערן זיינען אפילע אזוינע פּרואוון אויך ניט געמאַכט געוואָרן. צווישן דער יידישער געמיינדע אין פּאַלעסטינע און אין דיאספּאָרע איז טאָמיד געווען א לעבהאפטע פאַרבינדונג.

יערושאלאים און דיאספארע.

דערהויפּט האָט זיך די דאָזיקע פאַרבינדונג אויסגעדריקט אין דריי דערשיינונגען. ערשטנס: דאָס גאַנצע יידנטום פון דיאַספּאָרע האָט רעגולער און פּינקטלעך געצאָלט דעם שטייער פאַרן בייס-האַמיקדאָש. יעדער ייד, וואָס האָט דערגרייכט דעם עלטער פון 20 יאָר, האָט געצאָלט אַ האַלבן שעקל. אין יעדער געמיינדע זיינען אָרגאַניזירט געווען ספּעציעלע קאַסעס, וואו עס פלעגט אופגעקליבן ווערן דער שטייער. די סומעס אופגעקליבענע געלט פלעגן אין באַשטימטע צייטן, מיט אַ באַשטימטן שאָליאַך, אָפּגעשיקט ווערן אין יערושאָלאים.

צווייטנס, פלעגט יעדער געמיינדע שיקן אירע פאָרשטייער אין יערושאָלאַים אַף יעדן יאָמטעוו צו מאַקריוו זיין, אין איר נאָמען, קאָרבאָנעס און צונעמען אַן אַנטייל אין די יאָמטעוו-פייערונגען. אויסער די אָפיציעלע פאָרשטייער פלעגן נאָך פאָרן אין יערושאָלאים אַף יעדן יאָמטעוו אַ גרויסע צאָל פּריוואַטע מיספּאַלעלים.

דריטנס: דאָס אינערלעכע רעליגיעזע לעבן פון די געמיינדעס אין דיאַספּאָרע פלעגט ווערן אָנגעפירט פון יערושאָלאים. פון דאָרטן, פון יערושאָלאים, פלעגן צוגעשיקט ווערן פאַראָרדנונגען, וואָס האָבן געהאַט א שאיכעס צום רעליגיעזן יאָר און צו זיין לואַך. דער דאָזיקער לואַך האָט זיך אונטערגעשיידט פון די פאַרשיידנאַרטיקע בירגערלעכע לוכעס פון פאַרשיידענע געגנטן. ער איז געווען איינער און אָבליגאַטאָריש פאַרן גאַנצן יידנטום. פון יערושאָלאים פלעגן צוגעשיקט ווערן דערקלערונגען און צושריפטן וועגן דעם שטויביקן און סינאַגאָגאַלן קולט. נאָר עס פאַרשטייט זיך, און דאָס דאַרף מען

באַזונדערס געדיינקען, אַז די געמיינדעס פון דיאַספּאָרע האָבן געשאַפֿן זײַערע זעלבסטשטענדיקע קולטורעלע און רעליגיעזע ריכטונגען.

די ווירקונג פון די שכנישע קולטורן.

דאָרטן איז געשאַפֿן געוואָרן אַ גרויסע רעליגיעזע ליטעראַטור אין דער גריכישער שפּראַך. אין אַלעקסאַנדריע פון מיצראַיִם איז איבערגעזעצט געוואָרן די העברייאישע ביבל און דער דאָזיקער „טאַרגום" (איבערזעצונג), האָט זיך גערעכנט אזוי הייליק, ווי דער העברייאישער טעקסט. דאָרטן זיינען אופגעקומען זעלבסטשטענדיקע ריטואַלן און יאָמטויווים, וואָס ירושלאַיִם האָט ווילנדיק ניט ווילנדיק געמוזט אַנערקענען און האָט זיי אזוי אָדער אַנדערש רעגולירט. און טאַקע יענע פֿאָרמען פון גאָט-דינסט, אין די באָטיי-קנייסיעס (שולן), און די יאָמטעוו-ריטואלן, וואָס האָבן זיך אויסגעפורעמט אין די געמיינדעס פון דיאַספּאָרע, דינען פֿאַר א יעסאד פון דעם מיטלאלטערישן און היינטיקן יידישן קולט. דער בייס-האַמיקדאָש אין ירושאָלאַיִם מיט זײַנע קאָרבאָנעס איז צונישט געוואָרן און איז צוריק ניט אופגעריכט געוואָרן. די באָטיי-קנייסיעס זיינען אָבער פאַרבליבן. זיי און זייער קולט האָבן די יידן מיטגעטראָגן אומעטום, וואו זיי האָבן זיך נאָר באַזעצט.

די יידן פֿון דיאַספּאָרע האָבן ניט געקענט אנטרינען פֿון דער קולטור-האַשפּאָע פון יענער סוויווע, אין וועלכער עס איז זיי אויסגעקומען צו לעבן און צו אַרבעטן. ניט זיי האָבן געקענט די שוין אין יענער צייט אוראלטע העברייאישער שפּראַך, ניט זיי האבן געקענט דער דעמאלדיקער אומגאַנג-שפּראַך פון פּאַלעסטינע-אַראַמיש.

באַ די יידן אין דיאַספּאָרע איז די ביבל אין אָריגינאל געווען צוטריט-לעך נאָר פֿאַר אייניקע געלערנטע. די אָרטיקע שפּראַכן זיינען פֿאַר די יידן אין דיאַספּאָרע געוואָרן סאַי די אומגאַנג און מוטער-שפּראַך, סאַי די שפּראַכן פון גאָטדינסט. אין מיצראַיִם, קליינאזיע און גריכנלאַנד איז זייער שפּראַך געווען גריכיש, אין רוים—גריכיש און לאַטיין, אין סיריע—גריכיש און סיריש, אין באָוועל—די מיזראַך-אַראַמישע שפּראַך—קאַסדיש.

אינאיינעם מיט דער שפּראַך האָבן די יידן פון דיאַספּאָרע איבערגענומען די מינהאָגים און די וויסנשאַפֿט פון זייערע שכיינים. אַלעקסאַנדריער געלערנטע יידן האָבן גוט געקענט די גריכישע און רוימישע פילאָסאָפיע און ליטעראַטור און האָבן איר אַפילע אויך נאָכגעמאַכט. אָבער ניט געקוקט אַף דעם האָבן זיי ניט איבערגעשפּאַנט דעם „געדער", וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט פון דער ניט-יידישער געזעלשאַפֿט. זייער רעליגיעזע אָפּגעזונדערטקייט, רעליגיעזע ריינקייט און ספּעציעל די רעליגיעזע ריטואַלן האָבן זיי אָפּגעהיט אַפֿן שטרייגנסטן אויפֿן. זיי האָבן געפּילט, אז אין דעם שטעקט זייער קויאַך, אַז דאָס איז אַ ריכטיקער מיטל צו אויסשפּילן אין געשעפט-זאַכן, אין מיסכער און צו נעמען די אויבערהאַנט איבער די קאָנקורענטן. אַן אַנדער לאַגע איז געווען אין דער געמיינדע פון ירושאָלאַיִם.

פון וואָס האָט געלעבט יערו־שאלאים.

יערושאָלאַים איז געווען ניט קיין פּראָדוציִרנדיקער און ניט קיין האַנדלס־צענטער. זי איז געווען אַ פּאַראזיט אַפן קערפּער פון די יידן אין דיאַספּאָרע. די אויצרעס פון בייס־האַמיקדאָש אין יערושאָלאים, וואָס האָבן מיטן צווייטן יאָרהונדערט דערגרייכט די קאָלאָסאַלסטע גרויס, זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן דערהויפּט פון די שטייערן פון די יידן אין דיאַספּאָרע. די יערושאָלאַימער סאָכרים, שיינקער, באַלאַכסאַניעס און באַלעמעלאָכעס האָבן געפירט זייער הויצאָע פון יאָמטעוו ביז יאָמטעוו. פון אַלע עקן וועלט פלעגט אין יערושאָלאַים אָנקומען אַ כוואַליע פון מיספּאַלעלים און איבערלאָזן אין זייערע קעשענעס גוואַלדיקע סומען גאָלד און זילבער. יערושאָלאַים האָט געלעבט מיט דער עמונע פון די דיאַספּאָרע־יידן, אָבער איר אייגענע עמונע האָט זי טאַקע אַזוי שטרייננג ניט אָפּגעהיט און אָפטמאָל איז עס אַפילע ניט געווען באַקוועם אויך. אָבער ניט אַלע אָנפירנדיקע שיכטן פון יערושאָלאַים זיינען אין דעם הינזיכט געווען גלייך. צווישן די אָנפירנדיקע שיכטן אין יערושאָלאַים האָבן זיך אין 2־טן יאָרהונדערט אויסגעבילדעט צוויי פּאַרטייען, וועמעס קאַמף עס האָט געבראַכט צו אַ דויערנדיקן בלוט־קריזיס.

פּטאָלאָמייער און סעלעווקידן.

קעדיי מיר זאָלן האָבן אַ באַגריף וועגן די אומשטענדן פון דעם דאָזיקן קאַמף, דאַרף מען זיך קורדעס קאָל באַקאַנען מיט דער צווישנפעלקערלעכער לאַגע אין די יאָרן 80—70 פון 2־טן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען אַ צייט פון קאָנקורענץ פון צוויי מעלוכעס מיט גריכישע קיניגן בעראָש. די קיניגרייך פון מיצראַים, וואו עס האָט רעגירט אַ קיניג פון דער מישפּאָכע פּטאָלאָמייער און די סירישע קיניגרייך, וואו עס האָט רעגירט אַ קיניג פון דער מישפּאָכע סעלעווקידן.

די ערשטע זיינען געווען פאָרשטייער פון אַלעקסאַנדריער קאַפּיטאַל און די צווייטע פון אַנטיאָכיער*). סיי אַלעקסאַנדריע און סיי אַנטיאָכיע האָבן געדאָרשט נאָכן מאָנאָפּאָל פון זייערע מעלוכעס אַפן מאַרק. אַ גאַנצן יאָרהונדערט, פון מיטן 3־טן ביזן 2־טן, איז געגאַנגען דער קאַמף צווישן סיריע און מיצראַים. און אַזוי ווי אין 8־טן און 9־טן יאָרהונדערט, איז פּאַלעסטינע ווידער געוואָרן דער שלאַכטפּונקט צווישן דער דאָרעמדיקער און צאָפנדיקער קיניגרייכן.

אין 2־טן יאָרהונדערט איז פּאַלעסטינע איבערגעגאַנגען פון האַנט־צו־האַנט. אין 193 יאָר האָט זיך עפּעס גאָר איינגעשטעלט אַ מאָדנע לאַגע. דער סירישער קיניג, וואָס האָט אין יענער צייט געוועלטיקט אין פּאַלעסטינע, האָט אויסגעגעבן זיין טאָכטער פאַרן קיניג פון מיצראַים און האָט זיך מיסכאַיעוו געווען צו געבן אים אין נאַדאַן פּאַלעסטינע, נאָר פּאַקטיש האָט ער זיין צוזאָג ניט מעקאַיעם געווען. לויט די „טנאָאים" איז טאַקע פּאַלעסטינע גע־

*) אַנטיאָכיע—אַ נייע גרויסע שטאָט. די מעטראָפּאָליע פון דער סירישער קיניגרייך. אַנטיאָכיע איז געלעגן אַפן ברעג פון דער שיפגייענדיקער טייך אָראָנטע, 20 ווייאָרסט פון יאָם.

וואַרן אַ פּראָווינץ פון מיצראַיִם, אָבער אינדערעמעסן האָבן דאָרט רעגירט סירישע קאָנסולן. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם קאַמף צווישן די פּאַרטייען אין יערושאָלאַיִם. אין די 70-ער יאָרן פון דעם 2-טן יאָרהונדערט, ווען עס האָט אויפגעפלאַקערט די מילכאָמע צוליב פּאַלעסטינע, האָט דער דאָזיקער אומשטאַנד געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל.

די פּאַרטייען „כסידים" און „העלעניסטן."

אין יענער צייט האָבן זיך אין פּאַלעסטינע אויסגעבילדעט צוויי פּאַרטייען, וואָס האָבן געקעמפט צווישנאַנאַנד פאַר דער מאַכט און פאַרן באַלעבאַטעווען איבער די גוואַלדיק גרויסע רייכטימער, וואָס זיינען ווי אַ טויטער קאַפּיטאַל געלעגן אין די אוצרעס פון בייס-האַמיקדאָש. איין פּאַרטיי, בעראָש פון וועלכער עס איז געשטאַנען אַ גנאַד פון אייִנעם טאָוויאַ, אַ קויהען, אַזוי אויך די צווייטע פּאַרטיי, האָבן געהאַלטן, אַז די אוצרעס פון בייס-האַמיקדאָש אין יערושאָלאַיִם דאַרפן געלאָזט ווערן אין פּאַרקער. די בניי-טאָוויאַ, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיי, זיינען געווען רייכע כאַקרים און קאָמערסאַנטן*). זייערע רייכטימער האָבן געפירט אַ רויבערישן ייכעס. אין די דרייסיקער און צוואַנציקער יאָרן פון 3-טן יאָרהונדערט, ווען פּאַלעסטינע האָט זיך געפונען אונטער דער מאַכט פון מיצראַיִם, האָט איינער פון דער מישפּאָכע טאָוויאַ, מיטן נאָמען יויסעף, אַ פּלימעניק פון דעם דעמאָלדיקן קויהען-גאָדל כוינייאָ דער צווייטער, גענומען אין אַרענדע די זאַמלונג פון די קיניגלעכע שטייערן אין פּאַלעסטינע און אין קעלעסיריע.

פון דעם דאָזיקן געשעפט האָט ער אָנגעלעבט זייער אַ גרויסן קאַפּיטאַל. ער האָט ניט געבראַנדזעט מיט קיינע מיטלען. ניט קיין גוטע צאָלער האָט ער געקעפּט און קאָנפיסקירט זייערע גאַנצע גיטער. מיט אַזוינע דראָכים האָט ער אָנגעראַבעוועט זיינע רייכטימער און קעדיי בעסער צו פאַרהיטן זיינע גאָלד, האָט ער זיי אַריינגעלייגט אין קאַסע פון בייס-האַמיקדאָש אין יערושאָלאַיִם. נאַטירלעך, האָט ער געהאַט אין יערושאָלאַיִם אַ גרויסן שעם און גרויס אַוטאָריטעט, ער האָט אונטערגעוואָרפן פּרוטעס אָרימעלייט און דערפאַר האָט מען אים זייער געליבט און געקרוינט מיטן נאָמען „דער גרויסער נאַדוואָן און גוטער מאַן".

דעם דאָזיקן יויסעפס זין, אויסער זיין ניט געזעצלעכן זון הירקאַן, האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין שטאָט יערושאָלאַיִם. מיט דער פּאַרטיי בניי-טאָוויאַ האָט געקעמפט די פּאַרטיי פון קויהען-גאָדל כוינייאָ דער צווייטער („כסידים" הייסט די דאָזיקע פּאַרטיי). דער פּאָסט פון קויהען גאָדל פלעגט איבערגעגעבן ווערן ביערושע. ביז די 70-ער יאָרן פון 2-טן יאָרהונדערט האָט זיך בא די אָנגערופענע צוויי פּאַרטייען פאַרהיט אַן אויסערלעכער שאָלעם. די בניי-טאָוויאַ האָבן ניט פּרעטענדירט אַף דעם פּאָסט פון קויהען-גאָדל און

*) די פּאַרטיי „בניי טאָוויאַ" ווערט אויך אָנגערופן „העלעניסטן".

די בניי־כויניא האָבן זיי ניט געשטערט צו פֿאַרשפּרייטן זייער ווירקונג צווישן דעם וועלטלעכן טייל פֿון דער באַפעלקערונג אין יערושאַלאַיִם.

צווישנפעלקערלעכע אָריענטאַציעס פון די פּאַרטייען.

דער קאָנפליקט צווישן די בניי טואוויא און בניי־כויניא איז פֿאַרגעקומען גלייכצייטיק מיט דעם אָנהויב פֿון דעם לעצטן אַנטשיידענעם קאַמף צווישן מיצראַיִם און סיריע. קעדיי צו האַלטן מילכאָמע מיט מיצראַיִם, האָבן זיך די סירישע קיניגן געניטיקט אין געלט. די בניי־טואוויא האָבן דערפֿון געוואוסט און האָבן זיך געסטאַרעט צו לאָזן אין פֿאַרקער דעם טויטן קאַפּיטאַל פֿון בייס־האַמיקדאָש און אָנלעבן פֿון דעם דאָזיקן געשעפֿטל נייע מיליאָנען. אין די 70־ער יאָרן, ווען די האַכאַנעס צום מאַרש אַף מיצראַיִם זײַנען געווען אין פֿולן ברען, איז דער קויהען־גאָדל געווען כויניא דער דריטער און דער מעמונע אַף די אויצרעס און פֿאַרוואַלטער מיט דעם ווירטשאַפֿט־טייל פֿון בייס־האַמיקדאָש איז געווען שימען פֿון דער מישפּאָכע טואוויא. אויסרעכענענדיק די קויכעס־פֿאַרהעלטעניש, די שוואַכקייט פֿון מיצראַיִם, דעם קאָלאָסאַלן וואוקס פֿון שטאָטישן לעבן, האַנדל און אינדוסטריע אין סיריע און פּאַלעסטינע, די פֿאַרשטייענדיקע פֿאַרדינסטן, האָט ער, שימען, דער מעמונע אַף די אויצרעס, געפֿונען, אַז ס׳איז שוין געקומען די צײַט עפּעס צו טאָן. ער האָט מודיע געווען דעם קיניגס פֿאַרטרעטער בעזע האַלאָשן:

— „וואָס, דער קיניג נויטיקט זיך אין געלט? — געלט איז פֿאַראַן. מען דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט און נעמען. אין די אויצרעס פֿון בייס־האַמיקדאָש אין יערושאַלאַיִם ליגט עס. אַזויפֿיל געלט, אַז מען קען דאָס גאָרניט איבערציילן. קיינער באַנוצט זיך מיט זיי ניט און צו דער אַוואַוידע זײַנען זיי אויך ניט נויטיק, זאָל זשע דער קיניג באַנוצן זיך מיט זיי“.

צום באַדויערן ווייס מען ניט, וואָס פֿאַר אַ פּראָצענט פֿון דעם בייס־האַמיקדאָש־קאַפּיטאַל האָט שימען בא דעם דאָזיקן געשעפֿטל געלאָזן פֿאַר זיך, נאָר מיר קענען זיך אָנשטויסן, אַז ער האָט זיך אין קריוודע מיסטאַמע ניט געלאָזן. דאָס מאָל האָט זיך אָבער ניט אײַנגעגעבן צו נעמען דאָס געלט. ווען אין בייס־האַמיקדאָש איז אָנגעקומען אַ מאַכנע מיליטער נאָך געלט, האָט דער דעמאָלדיקער קויהען־גאָדל, כויניא דער דריטער, געוויזן אַ „מויפֿעס“. ער האָט צונויפֿגערופֿן אַ פֿאַנאַטישן האַמוין, און די קליינע סירישע מאַכנע איז געווען געניט אָפּצוטרעטן. כויניע, דער קויהען, האָט זיך אָבער ניט געקענט פֿאַרענטפֿערן פֿאַרן קיניג און האָט טאַקע געדאַרפֿט אַנטרינען אין מיצראַיִם.

אָט אין דעם מאָמענט האָט זיך באַשטימט די צווישנפֿעלקערלעכע אָריענטאַציע פֿון די פּאַרטייען. די כויניאַנער האָבן זיך געשטיצט אַף מיצראַיִם און די בניי־טואוויא אַף סיריע. פֿאַר די בניי־טואוויא האָט זיך אַנטפּלעקט אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרכאַפּן דעם אָרט פֿון קויהען־גאָדל. נאָכדעם ווי כויניא איז אַנטרונען געוואָרן האָט זײַן ברודער יאַסאָן פֿאַרנומען דעם אָרט פֿון קויהען־גאָדל, נאָר פֿאַר אַ גאַנץ היפּשער סומע געלט פֿון די

בייס-האמיקדאָש אויצרעס, וועלכע ער האָט איינגעצאָלט דעם קיניג ביי דער מיטהילף פון מענעלאַיען, דעם טאוויאנער. ער האָט אָבער די קהונע-גדוילע אַף לאַנגע יאָר ניט איינגעהאלטן. אין דריי יאָר ארום האָט מענעלאי אַליין אויסגעדוּנגען פאַר זיך דעם אָרט פון קויהען-גאָדל. פאַר אַ גרויסע סומע געלט, וואָס דער קיניג האָט פון אים באקומען, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן יאַסאָנען און אַוועקגעזעצט אַף זיין אָרט מענעלאיען.

די העלעניסטן באַ דער מאַכט.

פון דעמאָלט אָן זיינען די בניי טאוויא געוואָרן די באַלעבאַטים אין יערושאָלאים. זיי, די בניי-טאוויאָ, זיינען געווען אָפן צאַד פון די סירישע מלאָכים. זיי האָבן פאַראורטיילט די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אָפּגעזונדערט קייטן, איינגעפינענדיק, אז מער ווי שאָדן ברייִנגען די דאָזיקע אָפּגעזונדערט-קייט ניט. אין דער שטאָט יערושאָלאים האָבן זיי איינגעפירט גימנאסטישע איבונגען לויטן מוסטער פון די העלענער, האָבן געשיקט געשאנקען די גריכישע געטער אין דער צייט פון די יאָמטויוויים, זיי האָבן ניט געהאַלטן פון זייערע דירעקטע היסכאַיוּעסן, ווי קויהאָנים אין בייס-האַמיקדאָש. פון די אויצרעס פון בייס-האַמיקדאָש האָבן זיי געשיקט מאַטאָנעס דעם קיניג. זייערע אנהייִנגער זייִנען געווען אייניקע גרופּעס פון דער יערושאָלאימער געזעלשאַפט, גרויסע סאָכרים און אַ טייל פון דער אינטעליגענץ. די נייע נאָענטע פאַרבינדונגען מיט דער גריכישער וועלט האָט אין זייערע אויגן אויסגעזען בעסער און באַקוועמער, ווי די פריערדיקע אָפּגעזונדערטע פּאָזיציע פון יידישן פאָלק.

מיר ווייסן ניט און ס'איז פאַר אונז אויך ניט אינטערעסאַנט, אַף וויפל עס האָט זיך באַרעכטיקט די סאָכרישע דיפּלאָמאַטיע פון בניי-טאוויא, אָבער אין פּאָליטישן הינזיכט זיינען זיי סאָף-קאָל-סאָף דורכגעפאַלן.

די שטרייִנגע דאָגמאטישע קויהאָנים-פּאַרטיי, די כסידים, וואָס איז אָפּגעשטויסן געוואָרן פון דער רעגירונג און פון די רעגירונג-ערטער דורך די בניי-טאוויא, איז אָבער ניט צושטערט געוואָרן, פאַרקערט, זי האָט געזאַמלט אירע קויכעס און האָט זיך געגרייט צום קאַמף.

פאַר דער דאָזיקער פּאַרטיי איז געשטאַנען דער גאַנצער האמוין, קליינ-הענדלער, שיינקער און די איבעריקע באַפעלקערונג פון יערושאָלאים, וואָס האָט געצויגן איר כאיונע פון בייס-האמיקדאש. אָט די דאָזיקע קאמפּאניע האָט איצטער צוליב דעם, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן דאס פּאָרן פון גאר דער וועלט אין יערושאלאים מיספּאלעל זיין, געפונען זיך אין אַ קלאָגלעכער לאַגע. יערושאָלאים האָט זיך דאָך אָפּגעקערט פון דעם עמעסן גלויבן. אין די דערפער צווישן דעם פינסטערן און פאנאטישן פּיערטום האָבן די קויהאָנים אַגיטירט און אויסגעטייטשט די סיבעס פון די אומגליקן. סאַי די פאַרשטאַרקטע מיליטער-ווערבירונג, סאַי די אומגעהויער-גרויסע שטייערן און סאַי די גוואַלד-טאַטן פון די פרעמדע מיליטער-מאַכנעס קומט פון די זינד פון די רעשאָים, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין יערושאָלאַים. דער פאַנאַטיש-געשטימטער

האמוין האָט אונטער דער אָנפירונג פון די קויהאַנים, אָנהייגער פון כוינגא דעם קויהען-גאָדל, ניט איינמאָל מוירעד געווען.

די קיניגן פון סיריען האָבן אויסגעטייטשט די מערידעס, ווי אַרויס-טרעטונגען פון דער מיצראַים-פּאַרטיי, וואָס ווערט אינספּערירט און פינאַנ-סירט פון מיצראַים, האָבן טאַקע די קיניגן פון סיריען דערשטיקט די אופ-שטאַנדן מיט דער גרעסטער אַכזאָריעס און יעדער מאָל, ווען זיי פלעגן דער-שטיקן אן אופשטאַנד, פלעגן זיי נעמען קאָנטריבוציע פון די מיטלען פון בייס-האַמיקדאָש און יערושאָלאַים.

די מערידעס האָבן ניט אופגעהערט. אין כוידעש קיסלעוו פון יאָר 168 האָט דער קיניג אַנטיוכוס דער פערטער, עפּיפאַנוס, באַשלאָסן צו מאַכן איינ-מאָל פאַר אַלע מאָל, אַ סאָף מיט דעם אומרואיקן יערושאָלאַים.

ער האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וואָס האָט פאַרווערט די יידישע רעליגיע און האָט באַפעלט אַיינצופירן אין יערושאָלאַים דעם קולט פון דעם גריכישן הויפּט-גאָט, זעווס, דעם אָלימפּישן.

זעווס סטאַטוע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין קאָדשיי-קאָדשים פון בייס-האַמיקדאָש און די קויהאַנים פון יערושאָלאַים מיט די בניי-טואוויאָ בעראָש האָבן געפּראַוועט די אַוואוידע לעקאָוועד דעם דאָזיקן גאָט.

די מערידע פון די מאַקאַווייער.

אָט די דאָזיקע גוואַלד-מיטלען פון אַנטיוכוס עפּיפאַנוס האָבן אַרויסגע-רופן אופשטאַנדן אין די דערפער צווישן די פּויערים. די אופשטאַנדן האָבן באַלד אָנגענומען אַן אָרגאַניזירטע פאָרם פון אַ פּאַרטיזאַנישער מילכאָמע אונטער דער אָנפירונג פון מאַטיסיאָהו דעם קויהען און זיינע זין.

דער מער טאַלאַנטפולסטער פון זיי, יעהודע, וואָס האָט באַלד פאַרביטן זיין פאָטער, דעם זאָקן, איז געווען אַ גרויסער גיבער און האָט צוליב זיין גוואורע געהאַט אַ צונעמעניש מאַקאַבי (האַמער). צוליב אים האָבן זיך שוין זיינע איבעריקע ברידער אָנגערופן מאַקאַבים-מאַקאַווייער. דריי יאָר האָט געדויערט דער אַנטשיידענער קאַמף און אַ דאַנק די מאַפּאָלעס, וועלכע אַנטיו-כוס האָט געליטן אין פאַרשיידענע ערטער, האָבן די מאַקאַווייער געזיגט.

מיצראַים האָט גערופן די רוימער צו הילף קעגן אַנטיוכוסן און יענע האָבן פאָרגעלייגט דעם קיניג לאָזן מיצראַים צורו.

אין דער זעלביקער צייט האָט אין צאָפן פון דער סירישער קיניגרייך אופגעפלאַקערט אַן אופשטאַנד, וואָס האָט געדראָעט דער שטאָט אַנטיאָכיע אַליין. דער קיניג אַנטיוכוס האָט פאַרלאָזן יעהודע און אַוועק אין צאָפן-סיריע און איז דאָרטן אומגעקומען.

נאָך זיין טויט איז זיין קיניגרייך פאַרבליבן אין אַזאַ אָפּגעשוואַכטן צושטאַנד, אַז זיינע יאָרשים האָבן געפונען פאַר נויטיק צו שליסן שאָלעם און אָנערקענען די אומאָפּהייגיקייט פון יעהודע. אָט אַזוי איז אָפּגעווען קימאַט אַ גאַנצן יאָרהונדערט פון יאָר 161 ביז 63 אַן אומאָפּהייגיקע מלוכע יעהו-

דע. רעגירט האָבן מיט איר קיניגן—קויהאַנים-גדוילים פון מאַטיסיאָהוס מישפּאָכע. זייער דינאַסטיע האָט זיך גערופן די דינאַסטיע פון די כאַשמוי־נאים, לויטן נאָמען פון מאַטיסיאָהו כאשמוינאַי.

אין דער צייט פון די הונדערט יאָר פון זייער הערשן אין לאַנד האָבן זיך די כאַשמוינאָים ניט באַנוגנט מיט דעם קליינעם געגנט אַרום יערושאָלאַים און האָבן אויך באַצוואונגען דאָס לאַנד עדוים אין דאָרעם פון פאַלעסטינע, פּערעיע אין איווער-האַיאַרדן, גאָליל אין צאָפן און אַ טייל פין ברעג מיטל־לענדישן יאַם. גריכן און אַנדערע אויסלענדער האָט מען אויסגעראָטן און אויסגעהאַרגעט. איבערגעלאָזן לעבן האָט מען יענע, וועלכע האָבן מאַסקים געווען אָנצונעמען דעם יידישן גלויבן. דאָס אַלץ האָט מען געטאָן, קעדיי צו פאַרגרעסערן דאָרטן די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג.

אָבער די קיניגרייך פון די כאַשמוינאָים איז געווען עפימעריש און האָט געקענט עקזיסטירן נאָר ביז יענער צייט, ביז די רוימער האָבן זיך צו זיי ניט דערקליבן. און אין יאָר 63 איז טאַקע אַזוי פאַרגעקומען. די רוימער האָבן באַצוואונגען דאָס לאַנד און פון דעמאָלט אָן איז די פאַרברייטערטע יעהודע געוואָרן אַ פּראָווינץ פון רוים. די אינערלעכע פאַרוואַלטונג איז אויפ־געשטעלט געוואָרן די זעלביקע, וואָס האָט עקזיסטירט אין דער צייט פון די בניי-טואוויא.

צדוקים און פערושים.

פון דער דאָזיקער צייט האָט די אָנפירנדיקע ראָל געהערט צו צוויי פאַרטייען: צו די צדוקים, קויהאַנים-פאַרטיי, און פרושים, די פאַרטיי פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ און „כאַכאָמים", געלערנטע.

זיי האָבן זיך געאַמפערט צווישן זיך אין פאַרשיידענע טעאָלאָגישע פראַגן, אָבער אין דער פּראַקטיק האָבן סאַי די צדוקים, סאַי די פרושים אונטערגעהאַלטן די יידישע רעליגיע. זיי האָבן איינגעפלאַנצט אין פאָלק דעם געדאַנק צו אונטערוואַרפן זיך דעם געזעץ און זייער מאַכט און האָבן אָפּגע־האַלטן צו מאַכן מערידעס קעגן די רוימער, די יידישע געמיינדע זאָל ניט אונטערגיין. דער יאָך פון די געזעצן, כוקים, און דער יאָך פון די רוימער זיינען אָבער געווען צו שווער און נאָך אַ ריי אומבאַדייטנדיקע אופשטאַנדן האָט אין יאָר 66 אופגעפלאַקערט דער ערשטער גרויסער אופשטאַנד פון פאָלק קעגן די יערושאָלאַימער און רוימישע עקספּלאָאַטאַטאָרן. אין יאָר 132 איז פאָרגעקומען דער צווייטער אופשטאַנד. די דאָזיקע אופשטאַנדן זיינען דער־טרונקען געוואָרן אין יאַמען בלוט און פון דעמאָלסט אָן האָט די יידישע געמיינדע אין פאַלעסטינע אופגעהערט צו עקזיסטירן.

דער מאַקאַווייאישער אופשטאַנד און דערנאָך דער הונדערטיאָריקער קאַמף פון פאָלק קעגן די יערושאלאַימער און רוימישע הערשער, האָבן אופ־געמונטערט די הארעפּאַשנע פאלקס-מאַסן און ס'האבן זיך אָנגעהויבן טיפע רעליגיעזע אופברויזנגען, וואס האָבן געבראַכט צו דער אויסבילדונג פון פאַר־

שיידענע פאלקס-פּאַרטייען און סעקטעס. די פאלקס-רעליגיע פון דער כאַשמוי-נאַישער און רוימישער עפּאָכע פּרואווט זיך אַרויסצוגיין פון די וועגן, אין וועלכע עס פירן איר די אַריסטאקראַטן אין יערושאלאַים. אין יערושאלאַים האט מען זיך גערעכנט מיט דער דאזיקער געפאַר און מיט פאַרשיידענע מיטלען האט מען זיך געסטאַרעט פירן דאס פאלק אין גלויבן און גאטס-פּאַרכטיקייט.

עס איז אויסגעקומען ניט נאר מעסאַקן צו זיין, צו אָנווייזן און צו פּאַרווערן, נאר אויך צו מאכן האַנאכעס דער פאלקס-עמונע, וואס האט זיך אויך אפגעשפיגלט אף די יאמטויווים.

כאַנוקע.

קוידעם קאָל איז אויסגעקומען אין דער עפּאָכע פון מאַקאַווייאישן אופשטאַנד, דעמאָלט, ווען די דאָגמאַטישע קויהאַנימשאַפט האָט שטארק געהאַלטן פון דער פאָלקס-שטיצע, צו איינפירן נייע צוויי פאָלקס-יאמטויווים. די צוויי יאָמטויווים זיינען דאָס כאַנוקע און פורים.

ווי עס ווערט דערציילט אין די ביכער „כאַשמוינאָים" איז דער יאָמ-טעוו כאַנוקע איינגעפירט געוואָרן אין יאָר 165, אין טאָג 25 פון כוידעש קיסלעוו, ווי אַ זייכער פון באַנייען דעם בייס-האַמיקדאָש, נאָכדעם ווי מע האָט אים באַפרייט פון די סיריער (דאס וואָרט „כאַנוקע" איז דאָס טייטש באַנייען)

דער דאָזיקער יאָמטעוו איז געווען אַ פריידיאָמטעוו אַזוי ווי סוקעס און האָט געדויערט 8 טעג. אַזוי ווי סוקעס פלעגן אויך אין כאַנוקע פּאָרקו-מען פראָצעסיעס מיט פּאַלמישע און אַנדערע גרינע צווייגן. כאַנוקע פלעגן אויך פּאָרקומען פריילעכע מאָלצייטן. מיט זיינע צערעמאָניעס איז כאַנוקע געווען ענלעך צו אַלטע פּאָלקס-יאָמטויווים און ניט צו די דאָגמאַטישע יאָמטויווים פון דער נייער פּאָרמאַציע.

נאָר אויב מען זאָל זיך צוקוקן נעענטער צו די ריטואַלן פון דעם דאָזיקן יאָמטעוו, ווערט פאַר אונז באַלד באַשיינפּערלעך, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן אַ נייעם יאָמטעוו, נאָר וועגן אַן אַלטן פּאָלקס-יאָמטעוו, וואָס איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער „כאַנוקאַס-האַבאַיס", דאָס הייסט, באַנייאונג פון בייס-האַמיקדאָש. רייִשיס, האָט זיך דער נאָמען זיינער, כאַנוקע, ניט אַזוי גיך צוגענומען. נאָך אין אָנהויב פון 2-טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס האָט דאָס פּאָלק דעם דאָזיקן יאָמטעוו גערופן מיטן נאָמען „דער יאָמטעוו פון ליכט". און אַפילע די געלערנטע (סאָפרים) פון יערושאָלאים, רעקאָמענדירנדיק די יידישע געמיינדעס אין מיצראַים צו פּראַווען דעם דאָזיקן יאָמטעוו, האָבן אים אָנגע-רופן אין זייער צירקוליאַר „יאָמטעוו סוקעס אין כוידעש קיסלעוו" (כאַשמוי-נאים ב. א, ט) *). פון דאַנען איז געדרונגען, אַז דער נאָמען כאַנוקע איז געווען

*) די פאַרשפּרייטע העברעאישע איבערזעצונג פון די כאשמוינאים-ביכער, וואס איז געטאַט פון ייצכאק זעקיל פרענקיל, גיט איבער ניט ריכטיק דעם גריכישן טעקסט, אין איר ווערט געזאגט: „ושאלנו מכם לחג עמנו את חנכת המזבח בירח כסלו"—מיר פאַדערן פון אייך צו פייערן די באַניי-

א נײַער און אַז דער דאָזיקער יאָמטעוו האָט געהאַט אין די פֿאָלקס-מאַסן פֿאַר אַלעמען באַוואוסטע אַנדערע נעמען. דער נאָמען „יאָמטעוו פֿון ליכֿט״ איז צענויפֿגעבונדן מיטן הויפּט-ריטואַל פֿון דעם דאָזיקן יאָמטעוו. וועגן דעם דאָזיקן יאָמטעוו זאָגט אונז דאס כֿאַשמוינאָים-בוך גאָרנישט.

ער האָט אָבער עקזיסטירט און איז אָפּגעהיט געוואָרן אין היילִיקסטן אויפֿן. די יידישע גייסטלעכֿע האָט ער אַפֿילע אין אַ פֿאַרלעגנהייט געבראַכֿט, עס איז זיי גאַנץ שווער געווען אַנשטענדיק אויסצוטייטשן אים. דער ריטואַל זיינער איז באַשטאַנען אין דעם: יעדער טאָג יאָמטעוו, אָנהויבנדיק פֿון דעם ערשטן טאָג, פֿלעגט מען אַפֿן אַריינגאַנג-טיר פֿון יעדער שטוב אָנצינדן אַ מנוירע. דערבײַ האָט מען רעקאָמענדירט, אויב עס איז געווען מעגלעך, צו אָנצינדן אַזוי פֿיל לייכֿטער, וויפֿל מענשן עס האָבן אין שטוב געוואוינט, אָדער אָנצינדן אַזוי פֿיל ליכט, אין העסקעם מיט דער פֿאַרגאַנגענער צאָל טעג פֿון יאָמטעוו (אַ שטייגער: צווייטער טאָג—צוויי ליכט, דריטער טאָג—דריי ליכט א. א. וו.).

אין דעם ערשטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס געבורט האָבן זיך די גייסטלעכע געפּרואוווט צו דערקלערן דעם דאָזיקן מינהעג היסטאָריש, דאָס הייסט, מיט דער באַנייאונג פֿון בייס-האַמיקדאָש. זיי האָבן צוגעקלערט אַזאַ לעגענדע: ווען די גריכֿן האָבן געוועלטיקט אין בייס-האַמיקדאָש אין יערושאָלאַים, האָבן זיי מעטאַמע געווען דאָס גאַנצע בוימל, וואס האט זיך דארטן געפֿונען. די כֿאַשמוינאָים האָבן אָפּגערייניקט דעם בייס-האַמיקדאש און האָבן געפֿונען דארטן ניט מער ווי איין קריגל, וואס איז ניט טאמע געווארן. בוימל איז אין אים געווען נאָר אויף איין טאָג, האָט אָבער געטראָפֿן אַ נעס: דאָס בוימל, וואס מען האט אנגעגאסן אין דער מענוירע פֿון בייס-האַמיקדאש, האט געברענט ניט איין טאג, נאר גאַנצע אַכט טעג. דעריבער האט מען ווי אַ זייכער פֿון דעם נעס באַשטימט צו יאמטעווען אַכט טעג און אין דער צייט פֿון יאָמטעוו אָנצינדן ליכֿט.

די גייסטלעכע דערקלערן די אָפּשטאַמונג פֿון כאַנוקע.

דאָס איז ניט מער ווי אַ האַמעטנער אויסטראַכֿט, וואָס דערקלערט גאָרניט. ער דערקלערט נאָר די מאַכֿטלאָזע אָנשטריינגונגען פֿון די כֿאַכאָמים אויסצוטייטשן, עמעס אויף אַן אָנשטענדיקן אויפֿן, אַן אוראַלטן פֿאָלקס-מינהעג. די באַדייטונג פֿון דעם יאָמטעוו און דעם סייכל פֿון דעם ריטואַל צו אָנצינדן ליכֿט וועלן מיר פֿאַרשטיין ערשט דעמאָלט, ווען מיר וועלן נעמען אין אַכֿט די צייט, ווען דער דאָזיקער יאָמטעוו פֿאַלט אויס.

„דער יאָמטעוו פֿון ליכט״ פֿלעגט פֿאָרקומען אין דער צייט פֿון דעם ווינטערדיקן זון-קער, ווען די טעג הויבן אָן צו ווערן גרעסער און די זון

אונג פֿון מיזבייאך אין כיירעש קיסלעוו. אין גריכישן טעקסט איז געשריבן „Skenopegia“, וואס איז דער טייטש—ביידל, סוקעס. ווידער צוביים דער העברעישער איבערזעצער דעם סיידער פֿון די פּסוקים אין דעם אנגעוויזענעם קאַפּיטל א, דער פּאסיק ט איז בא אים פּאסיק י.

גיט אַ קער פון ווינטער צו זומער. אַזאַ יאָמטעוו פלעגט געפּראַוועט ווערן קאַמאַט באַ אַלע ערדאַרבעטנדיקע פעלקער. גאַנץ אָפט פלעגט מען אים רופן „דער יאָמטעוו פון דער זון-געבורט". באַ די קריסטן איז דאָס דער „יאָמטעוו פון קריסטוס געבורט".

דיאַניסן. אין דער פאַרגאַנגענעם-עפּאָכע האָבן די יידן „דעם יאָמטעוו פון ליכט" ניט געפּראַוועט". ער איז, ווייזט אויס, אופגעקומען אונטער דער ווירקונג פון די גריכישע מינהאָגים. באַ די גריכן איז דער גאָט פון דער זון און פון פּרוכטפּערונג געווען דער גאָט דיאָניס. לעקאָוואד אים פלעגן אין פאַרלויף פון יאָר געפּראַוועט ווערן אייניקע יאָמטויווים, זיי האָבן זיך טאַקע גערופן „דיאָניסן". אין דער צאָל פון די דאָזיקע יאָמטויווים זיינען אַריינגעגאַנגען ווינטערדיקע „דיאָניסן" לעקאָוועד דעם געבורט פון „דיאָניס". אַט די ווינטערדיקע „דיאָניסן" פלעגן געפּראַוועט ווערן אין אָנהויב כוידעש יאַנוואַר.

דער דאָזיקער יאָמטעוו, אינאיינעם מיטן קולט פון דיאָניסן, איז פריער ווי אומעטום אַריינגעפירט געוואָרן פון גריכנלאַנד אין מיצראַיִם. דאָרטן האָט מען אים צונויפגעפּאָרט מיטן מיצראַיִם-גאָט פון דער זון און פון פּרוכטפּערונג אָזיריס. די געטער און די יאָמטויווים האָבן זיך צונויפגעמישט, האָבן זיך אויך צונויפגעמישט די ריטואַלן. דעם יאָמטעוו לעקאָוועד דעם גאָט אָזיריס פלעגט מען פּראַוועט אין אָנהויב ווינטער און מען האָט אים גערופן מיטן נאָמען „דער יאָמטעוו פון אָנצינדן מענוירעס".

דאָס איז געווען דער יאָמטעוו, ווען עס האָט זיך אַנטפּלעקט דער גוף פון אָזיריסן, וואָס איז דערהאַרגעט געוואָרן פון דעם רוצח ראָסעט. ווי דער מיטוס דערציילט, האָט די ווייב פון דעם גאָט אָזיריס, איסידע, אַרומגעגאַנגען און געזוכט אים איבער גאַנץ מיצראַיִם און האָט סאָף קאָל סאָף געפונען זיין טויטן קערפּער אַף די ברעגן פון טייך נילוס. אין צונויפבונד מיטן דאָזיקן מיטוס, פלעגן אין מיצראַיִם פאָרקומען רעליגיעזע צערעמאָניעס, וואָס האָבן געשילדערט ווי אַזוי איסידע, די געטין, איז אַרומגעגאַנגען זוכן איר מאַן.

זיבן מאָל, באַ דער נאַכט, פלעגט מען אַרום די מיקדאָשים פון אָזיריס מיט אַ גרויס פאַראַד-פּראָצעסיע אַרומפירן אַ שוואַרצע בעהיימע—דער סימבאָל פון איסידען. קעדיי צו באַלייכטן איר דעם וועג, פלעגט מען אַף אַ גאַנצער נאַכט אין יעדער שטוב אָנצינדן מענוירעס.

דער יידישער „יאָמטעוו פון ליכט" האָט זיך, ווייזט אויס, אויסגעביל-דעט אונטער דער ווירקונג פון דער באַקאַנטשאַפט מיט די דאָזיקע מיצראַיִמישע ריטואַלן. די באַשטימטע צייט פון דעם יידישן יאָמטעוו איז גענומען פון די ווינטערדיקע „דיאָניסן", וועלכע מען פלעגט אויך פּראַוועט אין מיצ-ראַיִם און דער ריטואַל צו אָנצינדן ליכט—פון דעם יאָמטעוו, ווען מען פלעגט געפינען דעם טויטן קערפּער פון אָזיריס, דעם גאָט. דאָס געפינען אָזיריס קערפּער איז גלייכצייטיק געווען דער ווידערגעבורט פון דאָזיקן גאָט. דער

מיטוס דערציילט, אַז דער זון פון אָזיריסן, גאָרוס, האָט צונויפֿגעלייגט די שטיקער, אַף וועלכע דער טויטער קערפּער פון אָזיריסן איז צוהאַקט געווען און האָט מיט אַ קישעף אַריינגעבלאָזן זיין נעשאָמע אין אים.

די יאַמטויווים פון אָזיריס און דיאָניסן זיינען, הייסט עס, געווען ענלעך איינער צום צווייטן: דער ערשטער פון ווידער־געבוירן און דער צווייטער פון געבוירן. און ס'איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז ווען די ביידע יאָמטויווים זיינען אַריבער אין פּאַלעסטינע, האָבן זיי זיך אופגעפלאָנטערט איינער מיטן צווייטן.

די פּאַלעסטינער יידן האָבן מיטן שענסטן קאָוועד אָנגענומען „דעם יאָמטעוו פון ליכט“, וואָרום די פריערדיקע אייגענע ערדאַרבעטער־יאָמטויווים האָבן די קויהאַנים פֿאַרוואַנדלט אין טויטע דאָגמע־יאָמטויווים. אָבער ווי מיר זעען, האָבן די קויהאַנים זיך געסטאַרעט אויך דעם דאָזיקן יאָמטעוו אָנצוטאָן אַ דאָגמאַטישן לעוואָוש. „ליכט און זון איז פֿאַר יידן דער בייס־האַמיקדאָש“, אָט וואָס זיי, די קויהאַנים, האָבן געוואָלט זאָגן, ווען זיי האָבן אים פֿאַראייניקט מיטן „יאָמטעוו פון ליכט“. און קעדיי אונטערצושטרייכן דעם נייעם כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן יאָמטעוו, קעדיי אויסצואוואָרצלען די היידנישקייט פון אים, האָבן זיי זיך געפּרואווט איינצופֿירן אַזוינע ריטואַלן, וואָס זיינען ענלעך צו די ריטואַלן פון סוקעס. אָט די דאָזיקע ריטואַלן האָבן זיך גאַנץ גוט צוגענומען, אָבער דער מינהאָג אָנצוצינדן ליכט איז פֿאַרבליבן.

פּורים.

דער צווייטער יאָמטעוו, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין דער עפּאָכע פון די כאַשמוינאָים, איז פּורים. ער האָט עקזיסטירט און איז אויך אָפּגעהיט געוואָרן נאָך פֿאַר די כאַשמוינאָים און האָט געהאַט אַ צווייטן נאָמען „דער טאָג פון מאָרדעכאַי“ („כאַשמוינאָים“ ב. טו—לו). אָט אַזוי ווערט דער יאָמטעוו אָנגערופן אין צונויפבונד מיט דעם גלענצנדיקן ניצאָכן, וואָס יעהודע, דער זון פון מאַטיסיאָהו, האָט אָפּגעהאַלטן איבער דעם סירישן מיליטער־קאָמאַנדיר, ניקאָנאָר, דעם דרייצנטן טאָג אין כוידעש אָדער אין יאָר 161, ערעוו „דעם טאָג פון מאָרדעכאַי“ (14־טן און 15־טן אָדער).

דער מאַרש פון ניקאָנאָרן קעגן יעהודע איז געווען איינער פון די סאַמע ענערגישסטע טריט צו דערשטיקן די מערידע פון די כאַשמוינאָים. ניקאָנאָר איז געווען זיכער אין אַ ניצאָכן, אָבער דורך אַ געשיקטן מאַנעוור פון יעהודע איז ער אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ שווערער לאַגע, אַרומגערינגלט און צושלאָגן געוואָרן בײַ דעם אָרט בייסכוירען, און איז אַליין אויך דערהאַרגעט געוואָרן. אָט דער גלענצנדיקער ניצאָכן האָט אַרויסגערופן בײַ די מוירדים גרויס ענטוזיאַזם און זיי האָבן באַשטימט צו פייערן דעם דרייצענטן טאָג אין אָדער, „דעם טאָג פון ניקאָנאָר“. און די קויהאַנים האָבן טאַקע גערעכנט, אַז „דער טאָג פון ניקאָנאָר“ וועט פֿאַרבייטן „דעם טאָג פון מאָרדעכאַי“.

דאָך איז אָבער אַזוי ניט פֿאָרגעקומען. פֿאַרקערט, „דער טאָג פֿון ניקאָנאָר“ האָט זיך אינגאַנצן צונויפֿגעגאָסן מיטן „טאָג פֿון מאָרדעכײַ“ און האָט זיך סאָף-קאָל-סאָף באַזונדער ניט געיאָמטעווט. דעמאָלט האָבן די קויהאַנים און די כאַכאָמים אַן אַנדער מיטל געפֿונען. זיי האָבן דערקלערט דעם אויפֿקום פֿון יאָמטעוו פּורים מיט אַן אויסגעטראַכטער מאַיסע, אַן עמעסער ראָמאַן, אין וועלכן די פֿיינט פֿון יעהודע האָבן אַ גרויסע מאַפּאָלע און די יידן אַ ניצאָכן. דער דאָזיקער ראָמאַן האָט זיך נאָך פֿאַרהיט ביז הײַנטיקן טאָג אין דער אַזוי גערופֿענער „מעגילאַס-עסטער“.

מעגילאַס-עסטער

דאָס איז די „מעגילע“ וואָס יעדער ייד איז אַל פּי דין מעכויעוו צו לייענען איר אין דעם טאָג פֿון פּורים. אָט די „מגילאַס-עסטער“ דערציילט, אַז ווען עס האָט געקיניגט אַכאַשווייראָש (קסערקס) דער קיניג פֿון פּאָראַס און מאָדאַי, האָבן די יידן געהאַט איבערצולעבן גרויס צאַר. זיי האָט געדראָעט פֿאַרלענט צו ווערן. האָמאָן, דעם קיניגס אַ באַל-יויעץ, אַ גרויסער צוירער-האַיהודים האָט געמאַכט אַ בילבול אַף די יידן, און אַכאַשווייראָש האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו אויסהאַרגענען און צו פֿאַרטיליקן אַלע יידן*), וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין פּאָראַס דער מעדינע. ער האָט באַפֿוילן צו פֿאַרטיליקן אַלע יידן, אָנהויבנדיק פֿון מאָרדעכײַ דעם יידן, אַ מעלוכע-באַאַמטער, אַף וועמען האָמאָן איז געווען שטאַרק אין קאַעס פֿאַר דעם, וואָס ער פֿלעגט אים קיין קאָוועד ניט אָפּגעגעבן, און ענדיקנדיק מיט פּאָשעטע יידן פֿון פֿאָלק און זייערע קינדער. די יידן זיינען אָבער ניצעל געוואָרן. עסטער, די געליבטע פֿרוי פֿון דעם קיניג אַכאַשווייראָש, האָט זיי געראַטעוועט.

די דאָזיקע עסטער האָט זיך געהאָדעוועט באַ מאָרדעכײַ אין שטוב. איר האָט דער קיניג פֿון פּאָראַס גענומען פֿאַר אַ פֿרוי אָנשטאָט זיין פֿריערדיקער הויפּט-מאַלקע וואַשטי. וואַשטי איז פֿאַרמיעסט געוואָרן אין די אויגן פֿון דעם קיניג אַכאַשווייראָש און ער האָט איר פֿאַרטריבן פֿון זיך. דער קיניג האָט אַרויסגעוויזן גרויס גענאָד צו עסטער און מאָרדעכײַ, דערהויפּט פֿון דעמאָלט אָן, ווען זיי האָבן אויפֿגעדעקט אַ בינט קעגן אַכאַשווייראָשן. זיי האָבן אויסגענוצט זייער כשיוועס אין די אויגן פֿון קיניג און געווירקט, אַז ער זאָל באַפֿעלן אויפֿצוהייגען האָמאָנען אַף דער טליע, וואָס ער, האָמאָן, האָט צוגעגרייט פֿאַר מאָרדעכײַ דעם יידן. זיי האָבן נאָך אויך אויסגעפּועלט אַ דערלויבעניש באַ אַכאַשווייראָש דעם קיניג, אַז די יידן זאָלן האָבן דאָס רעכט צו אָפּרעכענען זיך מיט זייערע פֿיינט. דעם דרייצנטן טאָג אין כוידעש אָדער, אין דעם זעלביקן טאָג, ווען האָמאָן האָט באַשטימט אויסצוהאַרגענען די יידן, האָבן די יידן פֿאַרטיליקט זייערע פֿיינט. אין שושאַן, דער הויפּט-

*) דער טאָג, ווען מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרטיליקן די יידן, איז אַל פּי גוירל אויסגעפֿאַלן דער דרייצנטער אין כוידעש אָדער.

שטאָט פֿון פּאָראַס דער מעדינע, האָבן זיך די שלאַכטן געצויגן אַפילע ביז אין דעם פערצנטן טאָג אַריין.

אַזוי האָט מען אויסגעהאַרגעט אַכט הונדערט מאַן אין דער שטאָט שושאַן און פינף און זיבעציק טויזנט אין דער פּראָווינץ. האָט מען דעריבער דעם פופצענטן טאָג אין אָדער געפּייערט דעם ניצאָכן איבער די סאָנים און איינגעשטעלט אַ יאָמטעוו פאַר אַלע יידן. דעם דאָזיקן יאָמטעוו האָט מען געפּראַוועט מיט גרויס פרייד און מיט גוטע מאָלצייטן. פון דעמאָלט אָן האָט זיך דאָס טאַקע איינגעשטעלט דער יאָמטעוו פורים, ווי אַ זייכער פון ניצאָכן, וואָס מאָרדעכאַי און עסטער און אַלע יידן האָבן אָפּגעהאַלטן איבער האָמאָנען דעם ראָשע דעם צוירער-האַיהודים און זיינע פריינט.

דאָס וואָרט פורים ווערט אין „מעגילאַס-עסטער" אַזוי דערקלערט: דאָס וואָרט—ווערט געזאָגט דאָרטן שטאַמט פון דעם פּערסישן וואָרט פור, וואָס איז קלוימערשט דער טייטש „גוירל", ד. ה. דער גוירל, וואָס האָמאָן האָט געוואָרפן, ווען ער האָט געוואָלט פאַרטיליקן די יידן פונם לאַנד פּאָראַס.

די דאָזיקע דערקלערונג, אַזוי גלייך אויך די גאַנצע צוגעטראַכטע מאַיסע וועגן פורים, האַלט ניט אויס די קריטיק, ווארום דאָס וואָרט „פור" געפינט זיך ניט, ניט אין דער העברייאישער, ניט אין דער פּערסישער שפּראַך. איין זאַך איז אָבער קלאָר, די מעכאַברים פון „מעגילאַס-עסטער" האָבן געהאַט אין זינען מיט דעם סיוזשעט פון „מעגילאַס-עסטער" צו דערמאָנען אָן דעם ניצאָכן, וואָס די יידן האָבן אָפּגעהאַלטן איבער ניקאָנאָרן, דעם סיריער. אַזוי גלייך ווי ניקאָנאָר, איז אויך האָמאָן געווען באָטואַך, אַז ער וועט מאַכן אַ סאָף פון די יידן, און אינדערעמעסן איז סאַיי ניקאָנאָר און סאַי האָמאָן אַליין אומגעקומען פון די יידנס הענט און מיט זיי אינאיינעם זיינען אויך אומגעקומען אַלע איבעריקע פיינט פון די יידן.

דער ניצאָכן איבער ניקאַנארן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם דרייצנטן אָדער. האָמאַנס מעקוראָווים האַרגעט מען אויס און האמאָנען אַליין הייגנט מען טאַקע אויך אין דעם דרייצענטן טאג פון כוידעש אָדער. אָט דעם דאָזיקן יאָמטעוו פורים האָט מען דורך עסטערן, מאָרדעכאַי און האָמאָן געוואָלט צוגעבן אַ ריין נאַציאָנאַליסטישן און, אַפילע, אַ ריין היסטאָרישן כאַראַקטער. ס'ווייזט אויס, אַז די קויהאַנים האָבן זיך דאָ אויך באמיט צו פאַרענדערן און צו פאַרנישטיקן דעם אורשפּרינגלעכן טאָך פון דעם דאָזיקן יאמטעוו.

פּורים — דער בירגערלעכער ניי־יאר אין באוועל.

אין וואָס באַשטייט דער עמעסער טאָך פון דעם יאָמטעוו פורים? אַד-האַיאָם האָבן נאָך די געלערנטע ניט פעסטגעשטעלט דעם אור-טאָך זיינעם. איינִיקע פונקטן אָבער, וואָס זיינען שאַיעך צו דעם אופקום און צום באַטייט פון פורים, זיינען דאָך באַשיינפערלעך און גיבן אָן שום סאָפעק אַ מעגלעכקייט צו אויסדרינגען זיין אורשפּרינגלעכן, עמעסן כאַראַקטער.

קוידעם קאָל איז באַשיינפערלעך, אַז דער דאָזיקער יאָמטעוו האָט ניט

קיין יידישע אָפּשטאַמונג, ער איז גענומען פון די באַבולים. טכּילעס איז ער אָפּגעהיט און איינגעפירט געוואָרן ניט אין פּאַלעסטינע, נאָר אין יענע מקוי־מעס, וואו עס זיינען געזעסן די באַבולישע און פּערסישע יידן. די צוויי נעמען, וואָס דער דאָזיקער יאָמטעוו האָט, קאָן מען גראַדע דערקלערן מיט דער הילף פון דער באַבולישער שפּראַך. „דער טאָג פון מאָרדעכאַי" — איז דאָס דער באַבולישער טאָג פון מאַרדוק (מאַרדוק איז געווען דער הויפּט-גאָט פון באַבעל).

אויב מיר זאָלן אָנווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט אַף די נעמען פון די הויפּט-העלדן אין „מעגילאַס-עסטער", וועלן מיר זען, אַז אויסער דעם נאָ־מען מאָרדעכאַי-מאַרדוק זיינען אויך אַלע איבעריקע נעמען איבערגעאַנדער־שטע פון נעמען פון געטער. עסטער — אין איבערגעאַנדערשטער נאָמען פון אישטאַר, די הויפּט-געטין פון באַבעל. וואַשטי און האָמאָן—זיינען איבער־געאַנדערשטע נעמען פון עלאַמיטישע געטער פון דער געטין מאַשטי אָדער וואַשטי, און פון דעם גאָט כאַמאַן אָדער כומאַן. די עלאַמיטן האָבן גע־וואוינט אין די בערג, וועלכע ליגן אין מיזראַך-זייט פון באַבעל. שושאַן, די הויפּט-שטאָט פון פּאַראַס, איז פריער געווען די הויפּט-שטאָט פון עלאַם. אין שושאַן זיינען אַריינגעדרונגען די קולטן פון מאַרדוק און פון אישטאַר. דאָרטן, אין שושאַן, איז אומגעגאַנגען אַ לעגענדע, וואָס האָט דערציילט, ווי אַזוי די געטער מאַרדוק און אישטאַר האָבן באַצוואונגען די געטער כאַמאַן און וואַשטי.

אט די נעמען פון די דאזיקע געטער האט דער מעכאַבער פון „מעגי־לאַס-עסטער" גענומען פאַר די העלדן פון זיין דערציילונג. ווייזט אויס, אַז ער האָט דאָס געטאָן ניט צופעליק, ווארום דער יאָמטעוו, וועלכן ער האָט געוואָלט געבן אַ דערקלערונג, האָט זיך דאָך אָנגערופן „דער טאָג פון מאָר־דעכאַי—מאַרדוק", ד. ה., אַז דער דאָזיקער יאָמטעוו האָט געהאַט אַ וואַסער ניט איז שאַיכעס מיט יענעם יאָמטעוו, וואָס פלעגט געפּראַוועט ווערן לעקאָ־וועד דעם דאָזיקן גאָט. דער הויפּט-יאָמטעוו לעקאָוועד דעם גאָט מאַרדוק פלעגט געפּראַוועט ווערן אין פרילינגס-צייט, אין דעם טאָג פון ניי-יאָר.

אָט דער דאָזיקער יאָמטעוו האָט, ווייזט אויס, געדינט ווי אַ מוסטער פאַרן יאָמטעוו פורים. אָדער איז דער ערשטער פרילינגס-כוידעש, ער אַנט־שפּרעכט דעם כוידעש מאַרט. די הויפּט-צערעמאָניע פון דעם באַבולישן ניי-יאָר-יאָמטעוו דערקלערט דעם וואָרט „פורים". די באַבולים האָבן געגלויבט, אַז אין טאָג פון ניי-יאָר פלעגט מאַרדוק איינאָרדנען אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע געטער, אַף באַבוליש הייסט עס „פורו". אָט אַף דער דאָזיקער פאַרזאַמ־לונג פלעגט באַשטימט ווערן דער גוירל פון די מענטשן אַף דעם קינפטיקן יאָר. מאַרדוק מיט זיינע פאַרזאַמלטע געטער פלעגט דעמאָלט גוירל וואַרפן, ווי

האָמאַן, אַ שטייגער, האָט געוואָרפן גורל צו באַשטימען דעם טאָג, אין וועלכן מ׳זאָל אויסהאַרגענען די יידן.

וואָס באַטייט דאָס וואָרט פּורים.

פון דעם נאָר וואָס געבראַכטן אײנגלויב פון די באַוולים וועלן מיר זיך קענען פאָרשטעלן, אַז דער יאָמטעוו פּורים אָדער דער טאָג פון מאָרדע־כאַי איז אין דער עמעסן אופגעקומען אַף אַזאַ אויפן: ווען די יידן האָבן זיך אין גאָלעס־צייט באַזעצט אין באָוועל און אָנגענומען דעם בירגערלעכן לואַך, זיינען זיי געווען גענויט צו פראַווען אינאיינעם מיט די באַוולים דעם טאָג פון דעם בירגערלעכן ניי־יאָר, וואָרום באַ די באַוולים איז דער דאָזיקער יאָמטעוו געווען דער הויפּט־יאָמטעוו. דעמאָלט פלעגט איבערגעריסן ווערן דאָס גאַנצע געשעפט־לעבן. אַזוי ווי די באַוולים, האָבן די יידן אויך דעם דאָזיקן טאָג גערופן „דער טאָג פון מאַרדוק־מאָרדעכאַי”, אָדער זיי האָבן אים גערופן: „דער טאָג פון דער פאַרזאַמלונג—פּורו פון די געטער—פּורים”.

קיין קאָרבאָנעס האָבן די יידן, פאַרשטייט זיך, אין דעם טאָג ניט געבראַכט, נאָר אינאיינעם מיט די באַוולים האָבן זיי אַנטיילגענומען אין דער אַלגעמיינער סימכע, איינגעאָרדנט מאָלצייטן און סודעס. דער דאָזיקער יאָמ־טעוו איז איבערגעגאַנגען צו די יידן אין פאַלעסטינע פון די יידן אין דיאַ־ספּאָרע.

די קויהאַנים פון בייס־האַמיקדאָש אין יערושאָלאַיִם האָבן אים ניט אָנערקענט און טאַקע קיין ספּעציעלע אַוואוידע לעקאָוועד אים ניט געפראַוועט. אָבער מיט דער עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן יאָמטעוו, אַזוי ווי אויך מיט דעם „טאָג פון ליכט” (כאַנוקע) איז זיי, די קויהאַנים, אויסגעקומען שאָלעם צו מאַכן, און אין דער עפּאָכע פון דער כאַשמוינאַיִם־מערידע איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צו קאַנאָניזירן אים. טכילעס האָט מען אים געוואָלט צונויפ־בינדן מיט דעם ניצאָכן איבער ניקאָנאָרן און נאָכדעם האָט מען פאַרפאַסט אַ גאָטספאָרכטיקן ראָמאַן, קעדיי צו דערקלערן דעם „היסטאָרישן” אָפּשטאַם פון דעם דאָזיקן יאָמטעוו.

די קאַנאָניזירונג פון די יאָמטויווים כאַנוקע און פּורים איז געווען אַ מין פּשאָרע, וואָס די קויהאַנים האָבן געמאַכט מיט דער שטייגערישער פאָלקס־עמונע. די קויהאַנים האָבן אָבער אויך געוואָלט, אַז אויך אין די דאָזיקע יאָמטויווים זאָל מען ניט פאַרגעסן אָן זייער דאָגמע־עמונע. דאָ האָבן זיי אָנגעווענדעט צוויי מיטלען: פאַרשטאַרקט די פייערלעכקייט און דעם פּאַראַד אין בייס־האַמיקדאָש אין יערושאָלאַיִם און איינגעשטעלט אַ ספּעציעלע יאָמ־טעוודיקע גאָט־דינסט אין די באַטיי־קנייסיעס.

די יאָמטעוודיקע גאָט־דינסט אין די באַטיי־קנייסיעס איז געווען נויטיק פאַר די קויהאַנים, וואָרום ווי מיר האָבן שוין געזען, זיינען די יידן אין דיאַ־ספּאָרע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קומען אין יערושאָלאַיִם

אַף יעדער יאָמטעוו, געווען אַ סאַך מאָל מער אין צאָל און שטאַרקער אין זייער אשירעס, ווי די יידן אין פּאַלעסטינע.

פון יענער צייט, ווען די כאַשמוינאַים האָבן באַדייטנד פאַרברייטערט די גרעניצן פון פּאַלעסטינע, איז אַפילע גאַנץ ווייט געווען צו קומען אַף יאָמטעוו אין יערושאָלאַיִם פון גאָליל און פון פּערייע (איִיווער-האַיאַרדן). פאַר אַלע יידן פון דיאַספּאָרע און פון די ראַנד-געגנטן אין פּאַלעסטינע גופע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו גיין אָפט אין יערושאָלאַיִם, האָט מען דעם בייס-האַמיקדאָש פאַרביטן אַף די באָטיי-קנייסיעס.

מאַמאַדעס.

קעדיי צו פאַרשטאַרקן דעם בייס-האַמיקדאָש-קולט האָבן די קויהאַנים איינגעפירט די אַזוי גערופענע מאַמאָדעס (מעמדות) ד. ה. אַ געוויסע סיסטעם פון אַנטייל נעמען אין דער אַוואוידע אין בייס-האַמיקדאָש. די קויהאַנים פון בייס-האַמיקדאָש אין יערושאָלאַיִם זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין פיר-און-צוואַנציק מאַמאָדעס. יעדער מאַמעד האָט געפראַוועט זיין אַוואוידע אין פאַרלויף פון אַ פיראונצוואַנציקסט כיילעק פון יאָר, ד. ה. אין פאַרלויף פון עפּעס מער ווי צוויי וואָכן. רעכענענדיק זיך מיט דעם, אַז ניט אַלע איינוואוינער פון פּאַלעסטינע האָבן געקענט אין איין צייט קומען אין בייס-האַמיקדאָש, האָבן זיי אויך גאַנצער באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע איינגעטיילט אין פיראונצוואַנציק מאַמאָדעס און מיסכאַיעוו געווען יעדן מאַמעד צו שיקן זיינע פאָרשטייער אין בייס-האַמיקדאָש מיט קאָרבאָנעס און געשאַנקען, וואָס האָבן געקומט אַל פּי דין פון יעדער מיטגליד פון מאַמעד.

די שילוכים פון יעדער מאַמעד זיינען געזעסן אין בייס-האַמיקדאָש אין יערושאָלאַיִם ביז וואַנען עס האָט זיך ניט פאַרענדיקט די באַשטימטע אַוואוידע-צייט פון דעם אַנטשפּרעכנדיקן קויהאַנים-מאַמעד. אַף אַזאַ אויפן האָבן די קויהאַנים דערגרייכט צוויי צילן מיט איינמאָל: באַזאָרגט זיך מיט האַכנאָסע און איינגעשטעלט אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט דער באַפעלקערונג. ווען די קויהאַנים האָבן איינגעשטעלט די מאַמאָדעס, האָט מען, ווי אַלע מאָל, מיט דער הילף פון די כאַכאָמים געשטיצט זיך אַף מוישען און אַף די נעוויאים: מוישע האָט נאָך קלוימערשט איינגעשטעלט אַ סיידער פאַר קויהאַנים און לעוויאים, און די ערשטע נעוויאים האָבן אין העסקעם מיטן דאָזיקן סיידער איינגעפירט די פיראונצוואַנציק מאַמאָדעס פאַר די בניי-ייסראָעל.

איז דאָ באַ דעם נייעם איינפיר אויסגעקומען, אַז די קויהאַנים האָבן גאָר קיין נייסן ניט איינגעפירט און האָבן נאָר אויפגעלעבט אַן אַלטן, קלוימערשט פאַרגעסענעם מינהעג.

נייסן אין דער אוואוידע.

ווייטער האָבן זיך די קויהאַנים מיט קאָל-האַמעגלעכקייטן געסטאַרעט צו פאַרגרעסערן דעם פּאַראַד פון דער אַוואוידע אין בייס-האַמיקדאָש. זיי האָבן איר אַפילע צוגעגעבן אַ כאַראַקטער פון טעאַטראַלישקייט. דאָ האָבן זיך די קויהאַנים ווייטער מיט דער הילף פון די כאַכאָמים, באַמיט זיך צו

דערוויינן, אַז אַלע נייע איינפירן זייערע זיינען לויטער „טויראַס מוישע". אַט די אַלע ריטואַלן און מינהאָגים זיינען מיט דער צייט צונויפגעקליבן און פאַרשריבן געוואָרן אין מישנע, אין אַ גאַנצע אָפּטיילונג (סיידער). דער צווייטער סיידער פון מישנע (סדר מועד), וואָס באַשטייט פון צוועלף מסיכטעס, זיינען געווידמעט די יאָמטויווים.

מיר האָבן דאָ קיין מעגלעכקייט ניט, און עס איז אַפילע ניט נויטיק צו באַשרייבן די נייע איינפירן אין דער אַוואוידע פון יאָמטעוו אין בייס-האַמיקדאָש אין דער רוימישער עפּאָכע. מיר וועלן זיך דאָ באַגרענעצן מיט אייניקע מער כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן, וואָס האָבן אַ שאַיכעס צו יאָמטויווים ביכלאַל און צו די דריי יאָמטויווים פּייסאַך, סוקעס און יאָמקיפּער ביפראַט.

ווי מיר וויסן, איז דער הויפּט-באַשטאַנד-טייל פון דער יאָמטעוו-אַוואוידע אין בייס-האַמיקדאָש באַשטאַנען אין מאַקריוו זיין קאָרבאָנעס. אַט די קאָרבאָנעס פלעגט מען מאַקריוו זיין פאַר די אויגן פון די גאַנצע פאַרזאַמלטע מיספּאַלעלים. דערפאַר טאַקע האָט מען די קאָרבאָנעס צוגעגעבן אַ באַזונדער פייערלעכקייט. פריער פלעגט מען דעם קאָרבן ברייינגען גאַנץ פּאַשעט, דער העדיעט פלעגט האַלטן דעם באַלכאַיים, דער קויהען פלעגט אים שעכטן און מיט דער הילף פון א ייסראעל פלעגט ער שוין דורכמאַכן אַלע אָפּעראַציעס.

אַצונד איז שוין דאָס ניט געגוג געווען. די יאָמטעוו-קאָרבאָנעס און דעם טעגלעכן טאָמיד פלעגט מאַקריוו זיין ניט איין קויהען, נאָר אַ גאַנצע קאָלעגיע. אַזוי האָט מען צו פאַרבערענען אַ באַראַן געדאַרפט האָבן עלף קויהאַנים: פינף האָבן געטראָגן די פלייש, די אינגעווייט, די מעל און די וויין, וואָס איז געווען נויטיק צו יעדער קאָרבן-אוילע (ברען-קאָרבן), פלעגן טראָגן צו צוויי קויהאַנים. באַם מאַקריוו זיין אַן אָקס פלעגן זיך באַ, שעפּטיקן פיראונצוואַנציק קויהאַנים. איינער פלעגט טראָגן דעם קאָפּ, צוויי— די רעכטע פוס, צוויי—די לינקע פוס און צוויי—די אַליע, איינער די ברוסט, דריי די האַלז, צוויי די פאָדערשטע פיס, צוויי די ריפּן און צו דריי די אינגעווייט, די מעל און די וויין.

ס'איז באַשיינפערלעך, מיט וואָס פאַר אַ פייערלעכקייט און פּאַראַד עס פלעגט דורכגעפירט ווערן די צערעמאָניע פון מאַקריוו זיין קאָרבאָנעס. מיר קענען זיך שוין פאָרשטעלן, וויפל קויהאַנים מ'האָט געדאַרפט האָבן צו מאַקריוו זיין די פילצאַליקע קאָרבאָנעס אין יעדן יאָמטעוו. אַט פון דעם דאָזיקן איינגעשטעלטן סיידער איז מען אָפּגעטראָטן נאָר דעמאָלט, ווען עס פלעגט זיך האַנדלען וועגן אַ קאָרבן, וואָס פלעגט געבראַכט ווערן צו מאַטיר זיין אַ ניידער, אָדער אַ קאָרבן-כאַטאָס. דאָ האָט זיך שוין ניט געפאָדערט, אַז

די גאַנצע קאָלעגיע קויהאַנים זאָל נעמען אַן אַנטייל אין די דאָזיקע קאָרבאָנעס, ס'איז געווען גענוג, אַז די אַרבעט זאָלן אָפּטאָן צוויי אָדער איין קויהען.

אָפּשיינדן די פֿעל פֿון די באַלעכאַיים און פֿאַנאַנדערהאַקן זיי אַף באַזונדערע טיילן, ד. ה. אָפּטאָן די גאַנצע שוואַרצע אַרבעט האָבן די קויהאַנים דערלויבט אַלעמען: סײַ לעוויאִים און סײַ פּריוואַטע פּערזאָנען—ייסרײַלים. די קויהאַנים האָבן נאָר אַכטונג געגעבן און אָנגעוויזן, ווי אַזוי דורכצופֿירן די אַרבעט. נאָך דעם האָט יעדער איינער פֿון זיי גענומען זיין טייל און מיט גרויס פּאַראַד אַוועקגעטראָגן אַפֿן מיזבייאַך.

די קויהאַנים און די כאַכאָמים האָבן אויך אַיינגערעגולירט דאָס שפּילן אַף די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און באַשטימט געוויסע קאַפּיטלאַך טהילים צו זינגען מיט אַ ספּעציעלן ניגן. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאַפּעליע פֿון מוזיקאַנטן און משוררים. ס'איז אויך באַשטימט געוואָרן אין וואָס פֿאַר אַ מאָמענט און מיט וואָס פֿאַר אַ אויסגעשרייען דאַרפֿן די מיספּאַלעלים ענטפֿערן די קויהאַנים און דער קאַפּעליע.

נייע פּייסאַך-ריטואַלן.

די נייע פּייסאַך-ריטואַלן האָבן דעם יאָמטעוו פֿאַרענדערט אַף אַזוי פֿיל, אַז דער פּייסאַך פֿון דער רוימישער עפּאָכע, וואָס פֿלעגט געפּראַוועט ווערן אין בייס-האַמיקדאָש, איז אַפֿילע ניט ענלעך געווען צו דעם אוראַלטן יאָמטעוו. דער טאָג פֿון דעם אוראַלטן יאָמטעוו איז באַשטאַנען אין פֿאַרהיטן די היי-זער פֿון די בניי-ייסראָעל פֿון בייזע רוכעס, מיט דעם וואָס עס פֿלעגן באַשמירט ווערן די אושאקעס און די שוועלן מיטן בלוט פֿון קאָרבן-פּעסאַך אָט דעם דאָזיקן ריטואַל האָט מען איצט איינגאַנצן אויפֿגעהערט אָפּצוהיטן. ווי אַ זייכער פֿון דעם, האָט מען באַשפּריצט מיטן קאָרבן-בלוט דעם מיזבייאַך.

אַצינד האָט מען דעם קאָרבן-פּעסאַך מאַקריוו געווען ווי יעדער געוויינטלעכן קאָרבן-כאַטאָס. די כיילעוו, דעם לעבער און די נירן האָט מען פֿאַרברענט אַפֿן מיזבייאַך. עס זיינען אָבער אַיינגעפֿירט געוואָרן נייע צערעמאָניעס, וואָס האָבן צוגעגעבן דעם קאָרבן-פּעסאַך אַ באַזונדער פֿייערלעכקייט.

אַלע ייסרײַלים, מיספּאַלעלים, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין בייס-האַמיקדאָש צו ברענגען דעם קאָרבן-פּעסאַך, האָט מען צוטיילט אַף דריי קאָמפּאַניעס, וואָס פֿלעגן אַריינגיין אין דער אַזאָרע נאָך אַ באַשטימטן סיידער. ווען יעדער קאָמפּאַניע פֿלעגט אַריין, פֿלעגן די קויהאַנים בלאָזן אין די טרומייטן (חצוצרות), נאָכדעם פֿלעגן זיי זיך צושטעלן אין רייען צווישן דעם האַמוין און צווישן דעם מיזבייאַך מיט טאַצן אין די הענט, איין ריי האָט געהאַלטן גאָלדענע, די צווייטע-זילבערנע א. א. וו.

דער ייסראעל, וואָס פֿלעגט ברענגען דער קאָרבן, פֿלעגט קוילן דעם באַלאַכאַיים, פֿלעגט אָנפֿילן אַ בעקן מיט בלוט און איבערגעבן אים דעם קויהען, וואָס איז געשטאַנען דער לעצטער נעבן אים. יענער האָט דעם בעקן איבערגעגעבן דעם פֿאָלגנדיקן און אַזוי ווייטער, ביז דער בעקן פֿלעגט אָנ-

קומען צו יענעם קויהען, וואָס איז געשטאַנען באַם מיזבייאַך. דער קויהען פלעגט אויסגיסן דאָס בלוט אַפֿן מיזבייאַך און מיט דעם זעלביקן סיידער איבערגעבן אים אָף צוריק, קדיי ווידער אָנגיסן אים מיט בלוט פון דעם פאָלגנדיקן קאָרבן. ווען אַלע קאָרבאָנעס זיינען שוין געווען געקוילעט, פלעגן די קויהאָנים צונויפזאַמלען דאס בלוט און די כיילעוו, וואָס האָט געהערט פון יעדער קאָרבן. דעם מיזבייאַך, די פלייש אָוועגעבן די באַלעבאַטים פון די קאָרבאָנעס, איין קאַמפּאַניע אַרויסלאָזן און אַריינלאָזן די פאָלגנדיקע.

אין דער צייט פון דער צערעמאָניע האָט אַ ספּעציעלער זאָגער פון די לעוויאים געזאָגט טהילים (די קאַפּיטלאַך קיא-קיח). די דאָזיקע קאַפּיטלאַך ענדיקן זיך מיט דעם אויסגעשריי האַללויאָ (הללויה)—לויבט גאָט, ד. ה. ער האָט געזאָגט „האַלעל". און אַזוי פלעגט ער זאָגן: אָפּגעזאָגט אַ האַלבן פּאַסיק און אַ פּאוזע, אין דער צייט פון דער פאַוזע האָט די קאַמפּאַניע פון די מיספּאַלעלים געדאַרפט אויסשרייען מיט אַ ניגן „האַללויאָ".

די אַלע נאָר וואָס באַשריבענע צערעמאָניעס, וואָס פלעגן דורכגעפירט ווערן באַם בריינגען דעם קאָרבן-פעסאַך אין דער אַזאַרע פון בייס-האַמיקדאַש, זיינען אַלע ניי געווען, און האָבן זיך פריער ניט געפּראַקטיקירט. דאָס האָבן זיי, די קויהאָנים און כאַכאָמים צוגעטראַכט אַפֿן גרונט פון פּאַסיק יב, קאַפּיטל ו, פון סייפער „שמוים". דעם קאָרבן-פעסאַך דאַרף בריינגען „דער גאַנצער קאָהאָל פון דער איידע פון ייסראָעל". דער געדאַנק פון דעם דאָזיקן פּאַרזאַג איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. דערהויפּט וועט ער פאַרשטענדלעך ווערן, ווען מיר וועלן נעמען אין אַכט די אוראַלטער עפּאָכע. אין יענע צייטן האָט דאָך דער קאָרבן-פעסאַך געטראָגן אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

די כאַכאָמים פון דער רוימישער עפּאָכע האָבן זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן נאַאיוון פאַרזאָג, קדיי צו פאַרשטאַרקן און צו מאַכן פייערלעכער דעם ריטואַל פון קאָרבן-פעסאַך. מיט דער הילף פון זייער קאַזואיסטישן מיטל פון אויסטייטשן, אַ דאַנק וועלכן עס איז מעגלעך צוצוגעבן יעדן פּאַשעטן אויסדריק אַן אומדערוואַרטן געדאַנק, האָבן די כאַכאָמים דעם פּאַרזאָג פון סייפער שמוים קאַפּיטל ו דערקלערט אָף אַזאַ אופן: אין דעם פּאַסיק האָבן מיר קלומערשט דריי זאַמלונג-ווערטער: 1) קאָהאָל, 2) איידע, 3) ייסראָעל, איז טאַקע דערפון געדרונגען, אַז עס דאַרפן זיין דריי קאַמפּאַניעס פון די מיספּאַלעלים.

איינפירנדיק די צוטיילונג פון די מיספּאַלעלים, ד. ה. פון די, וואָס בריינגען די קאָרבאָנעס, אין דריי אָפּטיילונגען, האָבן די קויהאָנים און די כאַכאָמים שוין צוגעגעבן אַהער אויך די טרומייטן, די רייען פון די קויהאָנים מיט די בעסטע קיילים פון בייס-האַמיקדאַש אין זייערע הענט, דאָס איבערגעגעבן דאָס קאָרבן-בלוט אַפֿן מיזבייאַך דורך דער גאַנצער ריי און דעם צוריקקער פון דעם ליידיקן בעקן. אָט די אַלע צערעמאָניעס האָט מען איינ-

געפּירט, קדיי צוצוגעבן דער פּייסאַך-אָוואָדע מער פייערלעכקייט און טעאַטראַלישקייט.

דאָס אַלץ האָט מען איינגעפירט צוליב דעם, קדיי צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק און אַנצוואוואַרפן אַף די צוזעער אַן איימע און אַ פּאַכאַד פאַרן בייס-האַמיקדאָש, מיזבייאַך און פאַר די קויהאַנים. מיט דעם האָט מען געוואָלט פאַרשטאַרקן די געהאָרכזאַמקייט צווישן די יידן.

די קויהאַנים און כאַכאָמים האָבן אַליין אַנערקענט, אַז דער נייער ריטואַל פון פּייסאך איז גאָרניט ענלעך, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט, צום פּייסאַך פון יעציאַס-מיצראַים. אין מישנע האָבן זיי אפילע אָנגעוויזן אלע פונקטן וואָס שיידן זיי אונטער איינעם פון דעם צווייטן. זיי האָבן זיך אָבער פאַר דעם ווייניק וואָס געשראָקן. פון די אַלטע ריטואַלן האָבן זיי איבערגעלאָזן נאָר יענע, וועלכע זיינען געווען נויטיק פאַר זייער ציל, זיי האָבן זיי פאַראייניקט מיט די נייע פייערלעכע און פאַרטויבנדיקע צערעמאָניעס פאַר אַ יידן, אַ העדיעט.

דאָס פייערלעכע גראַנדיעזע ברייננגען פון דעם קאָרבן-פעסאך אין בייס-האַמיקדאָש איז אבער געווען ניט מער ווי דער ערשטער טייל פון די פּייסאך-פייערונגען. מיר האָבן געזען, אז אין דער עפּאָכע פון די קיניגן איז פּייסאַך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יאָמטעוו אַ שטוביקן, האָט פאַרלארן זיין געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. אין דער צייט פון דעם קיניג יאָשיאָהו באַמיִען זיך די קויהאַנים צו מאַכן אים ווידער פאַר א געזעלשאַפטלעכן, אָבער דאָגמאַטיש רעליגיעזן יאָמטעוו.

דער באַשריבענער ריטואַל האָט אָבער ניט געקענט ארויסשטויסן דעם פריערדיקן מינהעג צו פראוון פּייסאך אין שטוב. דעם קארבן-פעסאך האָט געדארפט אופעסן יענער, וואס האט אים געבראכט, דאָס איז געווען אָנגענומען מין האטוירע, אויפצועסן דעם קאָרבן-פעסאך אין שטוב באַם אָוונטברויט, אזוי איז דאָס געווען איינגעפירט נאך פון דער עפּאכע פון די קיניגן, און דעם דאָזיקן מינהעג האָט מען ניט געקענט אויסראָטן. דעריבער איז די צווייטע העלפט פון דער פּייסאַך-פייערונג געווען דער אמאָליקער מינהעג צו אופעסן דעם קאָרבן-פעסאך באַם מאָלצייט אין שטוב.

שטוביקע ריטואַלן.

די קויהאַנים און די כאַכאָמים האָבן איינגעפירט נייע טאַקאָנעס, ווי צו עסן דעם קארבן-פעסאך. אַריבערטרעטן די דאָזיקע טאַקאָנעס האָט מען ניט געטאָרט. די קויהאַנים און די כאַכאָמים האבן פאַרשפרייט זייער העגעמאַניע אויסער די ווענט פון בייס-האַמיקדאש. זיי האבן זיך אויך געמישט אין לעבן פון יעדער יידישער שטוב. די דינים, וואס זיינען איינגעשטעלט געווארן, ווי אזוי צו פראַוון דעם פּייסאַך-מאָלצייט, זיינען צונויפגעפלאכטן פון נייע און אלטע מינהאָגים, מינהאָגים, וואס זיינען געווען גענומען פון די פרעמד-פעלקערדיקע שכיינים, און אזוינע מינהאגים, וואָס זיינען איינ-

געפירט געווארן פון די קויהאַנים גופֿע. לויט ווי די קויהאַנים האָבן געבאָטן,
האט יעדער קאמפּאניע מיספּאלעלים, וואָס האָט געבראַכט קאָרבאנעס אין בּייס-
האמיקדאָש, ניט געטאָרט אַוועקגיין פון בּייס-האמיקדאש אהיים, זי האט גע-
דאַרפט זיצן אַף אַ באַשטימטן אָרט נעבן בּייס-האמיקדאָש און וואַרטן בּיז
פארנאכט. פּארנאַכט פלעגן שוין אלע אַוועקגיין אהיים אָדער אַף די
אכסאניעס צו בּראָטן און צו עסן דעם קארבּן-פּעסאך.

אָט די דאָזיקע טאַקאָנע, צו זיצן אין בּייס-האַמיקדאָש בּיז פּאַרנאַכט,
האָט געדינט ווי אַ בּריק, וואָס האָט פאַראייניקט די אַלגעמיינע צערעמאָניע
אין בּייס-האַמיקדאָש מיט די איינצלנע שטובּישע מאָלצייטן אין איין גאַנצן
סיידער פון פּייסאַך-יאָמטעוואונג. די פּייסאַך-נאַכט אַליין פלעגט געפּראַוועט
ווערן אַזוי, אַז אויסער אייניקע איינצלהייטן זיינען אַלע אירע פריערדיקע
שטריכן פאַרשוואונדן און פאַרביטן געוואָרן מיט נייע.

די געריכטן פון פּייסאַך-מאָלצייט.

דער אוראַלטער מינהעג איז פאַרהיט געוואָרן בּאם פאַרטיק מאַכן צום
עסן דעם פּייסאַך-לעמעלע. ס'איז פאַרזאָגט געוואָרן צו בּראָטן אים אַפן פייער
מיט אַ הילצערנעם שפּינדל, אַזוי אַז, די פלייש זאָל זיך ניט צורירן צו די
שטיינער, אַף וועלכע מען פלעגט פאַנאַנדערלייגן דעם פייער, ד. ה. מען האָט
געדאַרפט בּראָטן די פלייש פון קאָרבּן-פּעסאַך אַזוי ווי מען פלעגט בּראָטן אין
דער פרימיטיוסטער עפּאָכע, ווען קיין מעטאַל-שפּינדלען און איוונס זיינען
נאָך ניט געווען. נאָר עס פאַרשטייט זיך, אז די קויהאָנים האָבן פאַרהיט דעם
דאָזיקן ריטואַל ניט פון גרויס ליבּע צו אַלטערטימלעכקייט, נאָר דערפאַר, וואָס
ער, דער דאָזיקער ריטואַל האָט צוגעגעבּן דעם קאָרבּן-פּעסאך אַ באַזונדער
געהיימניספולקייט. ער האָט געגעבּן אָנצוהערן, אַז דאָס פּייסאַך-לעמעלע איז
ניט אַבּי וואָס פאַר אַ געבּראָטנס, נאָר אזאַ, וואָס נאָר פּייסאַך קען מען איר
עסן. דאָס איז אַ הייליקער, א געטלעכער מאַיכל.

ווען אַלע האכאָנעס צום פּייסאַך-אָוונט-בּרויט זיינען שוין געווען פאַר-
ענדיקט, פלעגן זיך אַלע אַנטיילנעמער, אָדער די גאַנצע הויז-געזינט לויטן
גריכישן און רוימישן שטייגער צולייגן זיך אַף סאָפעס, וואָס זיינען געשטאַ-
נען אָרום טיש. גלייך האָט מען דאָס פּייסאַך-לעמעלע צום טיש ניט דער-
לאַנגט, דער אָוונט-בּרויט איז באַשטאַנען פון דרייערליי געריכטן. טכילעס האָט
מען געגעסן שאַרפע גרינסן: רעטאַך, סאַלאַטע מיט אַ זויערס באַגאָסן, נאָכ-
דעם האָט מען צום טיש דערלאַנגט דעם פּייסאַך-לעמעלע און צום סאָף די
דריטע געריכט—פייגן, ניס און געפרעגלטע ווייך.

מיר זען, אַז די בּיטערע קריטעכער, מיט וועלכע מען פלעגט צופּראַ-
ווען דעם פּייסאַך-לעמעלע אין דער וואַנדער-עפּאָכע, זיינען דאָ אינגאַנצן
פאַרשוואונדן, און זיינען פאַרביטן געוואָרן מיט אַ באַזונדער געריכט פון
שאַרפע גרינסן. די דאָזיקע פאַרענדערונג ווערט דערקלערט מיט דער ווירקונג
פון די גריכישע און רוימישע מינהאָגים; סאי אַ גריכישער, סאי אַ רוימי-

שער מאָלצייט איז טאָמיד באַשטאַנען פון דריי טיילן. צום ערשטן האָט מען געגעסן שאַרפע מאַיכאָלים, וואָס דערוועקן דעם אַפּעטיט, נאָכדעם זיינען געגאַנגען די גרונט-געריכטן: פלייש, אַף, פיש און צום סאָף, באַם שליסן דעם מאָלצייט, פלעגט מען דערלאַנגען דאָס, וואָס מען רופט איצט מיטן נאָמען דעסערט—פרוכטן און אַ זיסע געריכט

דעם אָוונט-מאָלצייט פון פייסאַך האָט מען געפראַוועט לויט דעם זעלביקן מוסטער, קוידעם קאָל גייען שאַרפע מאַיכאָלים. די שאַרפע מאַיכאָלים זיינען אָבער פון גרינסן, ווארום די טוירע שרייבט דאָך צו ביטערע קרייטעכער. נאָכדעם די הויפט-געריכטן, דאָס לעמעלע און צום סאָף פייגן און ניס. אָבער דער רעליגיעזער עלעמענט ווערט שוין איצט ניט אַריינגעלייגט אין דעם פייסאַך-לעמעלע אַליין, דער רעליגיעזער עלעמענט פון דעם סיידער באַשטייט אין די פיר קויסעס ויין (אַרבע כוסות), וואָס יעדער ייד האָט געמוזט טרינקען אין דעם אָוונט. איידער מען פלעגט אויסטרינקען יעדער קאָס באַזונדער, פלעגט מען זאָגן באַשטימטע טפילעס און אַנדערע רעליגיעזע אויסגעשרייען. דער דאָזיקער מינהעג האט זיך נאָך פון די רוימישע צייטן אָן מיט אייניקע ענדערונגען פאַרהיט ביזן היינטיקן טאָג.

באַם ערשטן קאָס פלעגט מען בראָכע מאַכן אַף די ויין, מאַצע און אַף די „ערד-פרוכט" (פרי האדמה). אַז מען פלעגט אויסטרינקען דעם קאָס, פלעגט מען אָפעסן די ערשטע געריכט און דערלאַנגען די פלייש פון קארבן-פעסאַך. באַם צווייטן קאָס פלעגט מען צוטיילן די מאַצע צווישן די אַנטיילנעמער פון סיידער, דערביי פלעגט דער פאָטער, אָדער דער פאָרזיצער פון „סיידער" אויסשרייען אַפן קאָל „דאָס איז דער אָרעם-ברויט, וואָס אונזערע אָוועס האָבן געגעסן אין לאַנד מיצראַים, ווער ס'איז הונגעריק—קום און עס, ווער איז באַדערפטיק—קום און פראַווע פייסאַך"; נאָכדעם האָט מען אין דער פאָרם פון פראַגן און ענטפערן געשמועסט וועגן דער באַדייטונג פון יאָמטעוו און וועגן דעם, מיט וואָס עס שיידט זיך אונטער די נאכט פון פייסאַך פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר.

אין דער טוירע (שמויס יב. כה-כז) ווערט, ווי מיר ווייסן שוין, געזאָגט: אַז דער פאָטער דארף דערקלערן זיינע קינדער די באַדייטונג פון פייסאַך אַזוי: דער יאָמטעוו פייסאַך איז אַ זייכער פון דעם, וואָס גאָט האָט מאַציל געוועזן די בכוירים פון די בניי-יישראעל, ווען ער האָט געטויט אַלע בכוירים-מיצרים אין לאַנד מיצראים.

צערעמאָניעס פון דער פייסאך-נאכט

איצטער האָבן די כאַכאָמים אַפן גרונט פון דעם דאזיקן פאַרזאָג אויסגעארבעט אַ נייע פאָרמולע, וואָס האָט געדאַרפט געבן ויסן ניט נאָר וועגן דער באַדייטונג פון יאָמטעוו אַליין, נאָר זי האָט געדארפט אָנווייזן אַף אלע אונטערשיידן פון דער נאַכט פון פייסאַך מיט אַנדערע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר. דער פאָטער האט געדאַרפט זאָגן: „אַלע נאַכט פון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר סאי

כאָמעץ און סאַי מאַצע, און אין דער נאַכט פון פייסאַך נאר מאַצע, אין אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר מעגן מיר עסן קאָלערליי קרייטעכער און אין דער נאַכט פון פייסאַך נאַר—ביטערע, אין אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר פלייש סאַי געבראָטענע און סאַי געקאָכטע, און אין דער דאָזיקער נאַכט—נאָר געבראָטענע".

נאָכדעם האָט דער פאָטער ווייטער געזאָגט: דעם קאָרבן-פעסאַך, וואָס מיר עסן, איז צוליב דעם, וואָס גאָט האָט געטאָן איבערהיפן די הייזער פון די בניי-ייסראעל אין לאַנד מיצראים, מאַצע עסן מיר צוליב דעם, וואָס די יידן זיינען באַפרייט געוואָרן פון מיצראים; ביטערע קרייטעכער צוליב דעם, וואָס די מיצרים האָבן פארביטערט דאס לעבן פון די בניי-ייסראעל, דערביי האָט מען געדארפט לייענען אויסצוגן פון דער טוירע, וועלכע באַשטעטיקן די דאָזיקע דערקלערונגען. די גאַנצע צערעמאָניע האָט זיך פארענדיקט מיט זאָגן טהילים און בראָכעס, נאכדעם פלעגט מען עסן מאַצע און דעם קאָרבן-פעסאך. באַ דעם דריטן קאָס האָט מען געבענטשט גאָט און באדאנקט אים פאַר די שפייז (ברכת המזון). צום פערטן קאָס האָט מען געזאָגט האַלעל (קטז-קיח טהילים) און געגעסן ניס און פרוכט. נאָכן סיידער זיינען זיך די אנטייל-נעמער ניט צוגאַנגען, דעמאָלסט האט זיך ערשט אָנגעהויבן דער אַזוי גע-רופענער אַפיקוימאָן. ער איז באשטאנען אין דעם וואס אין אַ דעמאָנסטראציע מיט פאַקעלן אין די הענט און מיט געזאַנג האט מען זיך געלאזן אין גאַס אַריין.

פון דער באַשרייבונג אונזערער איז צו זען, אַז אויסער דעם קאָרבן-פעסאַך און מאַצע, זיינען אַלע איבעריקע ריטואַלן פון סיידער שפּאָגל נייע, אַ נייער ריטואל איז דער הויפט-עלעמענט פון מאלצייט—די פיר קויסעס. דער אורפייסאך האט גאר פון ווייַן ניט געוואוסט. דער הויפט ריטואל זיינער איז געווען אופצועסן דעם קאָרבן-פעסאַך. פון וואַנען שטאמען די נייע ריטואלן? אַף דעם גיבן אונז אן ענטפער קליינע כאַראַקטעריסטישע איינצלהייטן.

פיר קויסעס איבערגענומען פון די גריכן.

די ווייַן פון די פיר קויסעס איז געווען צופירט, ד. ה. צונויפגעמישט מיט וואסער. דאָס איז אַ גריכישער מינהעג. אין אוראלטן ייסראעל האט מען קיינמאָל קיין ווייַן ניט צופירט מיט וואַסער, מען פלעגט אפטמאל צוגעבן אַ זיסקייט צו ווייַן, קדיי צו פארבעסערן אין טאם.

אָבער אויב מיר זאלן זיך ווענדן צו די מינהאגים פון די גריכישע מאָלצייטן, וועלן מיר באַלד געפינען א דערקלערונג וועגן די נייע איינפירן אין פייסאך-מאלצייט, אזוי ווי מיר האבן שוין פריער דערקלערט די דריי געריכטן. די פיר קויסעס זיינען גענומען פון די פיר גיסונגען (נסכים), וואָס מען פלעגט ברייגגען פאר די געטער אַף אַ גריכישן מאָלצייט. דריי גיסונגען פאר די אָלימפּישע געטער און פאַר די פארגעטערטע העלדן. אָט די דאזיקע גיסונגען פלעגט מען פראַווען פאַרן מאָלצייט, די פערטע גיסונג פאַר הערמעסן

נאָכן מאָלצייט. יעדער גריכישער קארבן-פעסאַך איז באשטאַנען פון אַ בעקן ווײַן צומישט מיט וואַסער. אַט די גריכישע הייליקע פיר בעקנס זײַנען מיט אײַניקע שינוים פאַרוואנדלט געוואָרן אין די הייליקע „פיר קויסעס" פון דער נאַכט פון פייסאַך.

אפיקוימאן.

איצט וועלן מיר ריידן וועגן אַפיקוימאַן. דאָס איז דער גריכישער עפיקאָמאן, דער מינהעג צו גיין איבער די גאַסן נאָך אַ מאָלצייט. אזוי זיינען די אוראלטע שטריכן פון פייסאך אין די אויגן פון די מאַסן געוואָרן עפעס ווי מאדנע אומפאַרשטענדלעכע איינצלהייטן, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין אַ דערקלערונג. דערפאַר אָבער האבן זיך די נייע אין קיינע דערקלערונגען ניט גענויטיקט.

די קויהאנים און כאכאָמים זיינען אויך אין דעם פאל, אַזוי ווי באַ די יאָמטויווים כאַנוקע און פורים, ניט געווען בעקויאַך צו צושטערן די נייע ריטואַלן, וואָס זיינען געווען גענומען פון די שכיינים, העלענער. זיי איז אויסגעקומען אָדער רעגולירן זיי, אָדער אריינפירן זיי אין די קאנאניזירטע גאטדינסטן און פאַרוואַנדלען זיי אין ספעציעלע שטריכן, וואָס שיידן אָפּ די נאַכט פון פייסאַך פון אלע נעכט פון א גאַנץ יאָר. אַט די דאזיקע נייע ריטואַלן האָבן צוגעגעבן דער פייסאַך-נאַכט אַ באַזונדער געהיימניספולקייט און פייערלעכקייט.

די פרייד פון סוקעס איבער-געטראגן אין בייס-האַמיקראש.

כאַראַקטעריסטישע ענדערונגען זײַנען אויך געמאכט געוואָרן אין די ריטואלן פון יאָמטעוו סוקעס מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז אדהאיאם איז אין פאַלעסטינע די צייט פון האַרבסטיקן ווײַנטרויבן-זאַמלונג א צייט פון שיקרעס, פרייד און אַלגעמיינע פארוויילונג, וואס דערגייט אַפילע ביז זנוס. אַזוי איז, פאַרשטייט זיך, אויך געווען אין דער רוימישער עפּאָכע, איז טאַקע זייער שווער געווען אָפּצורייסן דעם יאָמטעוו סוקעס פון זײַן ווירטשאפטלעכן טאך און פון דעם דארפישן פאָלקס-שטייגער. דערהויפּט איז געווען שווער צו גיין קעגן די אָרגיעס, וואס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם דאזיקן יאמטעוו. דאך האבן זיך אויך דאָ די קויהאנים פון יערושאלאים געקליגט און געפּרואווט זיך צו פארבייטן די פרייע פאָלקס-פרייד מיט דאגמאטישע פאראַדן אין בייס-האמיקדאש.

די מוזיק, די געזאַנגען און די טענץ האָבן זיי געפּרואווט איבערפירן אין בייס-האמיקדאָש גופע. יעדער טאָג פון סוק ס, אויסער די צוויי לעצטע טעג פלעגן שפילן די לעוויאים אף פלייטן און אף אַנדערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אין דער אזאָרע פון די ווייבער. אין דער אייגענער צייט פלעגן פון דער אזאָרע פון די בניי-ייסראָעל, ד. ה. פון דער מ נערעשער, אראָפּגיין מיט א גרויסן פאַראַד די לוויאים און קויהאַנים אין דער אזאָרע פון די ווייבער. פאַרן זון-אופגאַנג זיינען אף פופצען טרעפּ, וואס האָבן געפירט פון דער אזאָרע פון די בניי-ייסראעל אין דער ווייבערשער אזאָרע, געווען צו-

שטעלט לעוויאים מיט מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אין די הענט. אין דערהויך, אף די טרעפ, זיינען געשטאַנען קויהאנים מיט טרומייטן אין די הענט. באם ערשטן האָנען-קריי פלעגן די קויהאַנים נעמען בלאָזן אין די טרומייטן, אראפגיין פון די טרעפ אין דער אזאָרע פון די וויבער. נאָך זיי פלעגן גיין די לעוויאים און אונטער די קלאנגען פון זייער מוזיק און געזאַנג פלעגן די גאָטספאָרכטיקע לייט און די נאדוואָנים, ד. ה. די אויסדערוויילטע, די נאָענטע צום בייס-האמיקדאָש מענטשן, טאַנצן און שפרינגען מיט פאַקעלן אין די הענט. די דאָזיקע פאקעלן פלעגן מוזן געמאכט ווערן פון אלטע, אָפגעטראגענע הייזן און גאַרטלען פון די קויהאנים.

דער איבעריקער האַמוין מיספאַלעלים האָט געדאַרפט שטיין אף דער גאלעריי, וואָס איז געווען ספעציעל צוליב דעם אויסגעבויט אין דער ווייבערשער אזאָרע, און קוקן אף דעם פאראד. טכילעס האָט מען ניט אויסגעטיילט קיין באזונדערע ערטער פאַר מענער און פרויען. נאָר אזוי ווי די פרויען און מענער, מיספאַלעלים, האבן זיך אויך געוואָלט מעסאמייאך זיין און האָבן זיך דערלויבט אייניקע „ניט אָנשטענדיקייטן", האָט מען טאַקע פאר די פרויען און מענער באשטימט באזונדערע גאלערייעס.

סימכאַס בייס האַשאייווא.

אט דעם דאָזיקן ריטואל האט מען אנגערופן „די סימכע פון וואַסער שעפן" (שמחת בית השאבה). דאָס האט מען אים איינגעפירט, קדיי צו פארבינדן אים מיטן אורעלטן ריטואל פון קארבן-נעסעך פון וואסער, וואס מ'פלעגט גיסן פון א באזונדער בעקן אפן מיזבייאך, קדיי צו פארזיכערן זיך מיט רעגן אפן נייעם יאר.

וועגן דעם דאָזיקן ריטואל האָבן מיר שוין גערעדט, ווען מיר האָבן באשריבן די יאָמטויווים אין דער עפאָכע פון די קיניגן. אינדערעמעסן אבער איז אין דער אזאָרע פון די וויבער קיין צערמאניע פון וואסער שעפן ניט פארגעקומען. דאָס וואסער פלעגט מען שעפן פון שילייאַך, א וואסער קוואַל, וואס האָט זיך געפונען אויסערן הויף פון בייס-האמיקדאָש. אויסער דעם דאָזיקן קויהאַנימשן ריטואל פון „פרייד" איז אויך איינגעפירט געווארן א נייער, פייערלעכער ריטואל פון בוימל-גיסן. דאָס פלעגט מען ברייגנען פאַר א קארבן די ערשטלינגען (בכורים) פון בוימל.

ווען דער ערשטער טאָג פון יאָמטעוו פלעגט נעמען פאַרגיין, פלעגט מען אין דער ווייבער-אזאָרע צושטעלן גילדערנע מנוירעס. יעדער מנוירע האָט געהאַט פיר גילדערנע רערן. צו יעדער מנוירע האָט מען צוגעשטעלט פיר לייטערס, און פיר יונגען מיט קריגלאך בוימל אין די הענט פלעגן זיך אופהויבן אף די לייטערס צו די מנוירעס און אָנפילן די רערן.

א גרויסער האַמוין מענטשן פלעגט זיך צונויפזאמלען קוקן אף דער דאָזיקער צערעמאָניע. אָט די דאָזיקע מענטשן פלעגן פאַרבלייבן אין בייס-האַמיקדאָש ביז באַגינען און דעמאָלט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די מוזיק,

געזאַנג און טענץ. אָט אַזוי האָבן די קויהאַנים, די פרייע פאָלקס-פרייד פאַרביטן אַף נייע טעאַטער-סצענעס אין בייס-האַמיקדאַש אין יערושאָלאיִם. אָט די דאָזיקע טעאַטער-סצענעס האָבן דאָס געדאַרפט מעסאַמייאַך זיין און פאַרווייל̄ן דעם פּראָווינציעלן עולם, וואָס פלעגט קומען יאָמטעוון אין יערושאָלײם.

יאָמקיפּער א טאָג פון טשואווע.

צום סאָף וועלן מיר ברענגען די נייע איינפירן אין די ריטואַלן פון יאָמקיפּער. קדיי וואָס מער צו פאַרשטאַרקן אין די אויגן פון דעם גאַנצן יידנטום דעם טשואווע-כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן טאָג, האָבן די קויהאַנים אָפּגעגעבן מער אַכט די האַכאָנעס פון דעם קויהען-גאָדל צו דעם דאָזיקן טאָג.

זיבן טעג פאַר יאָמקיפּער האָט זיך דער קויהען-גאָדל געדאַרפט איבערקלייבן פון זיין דירע אין בייס-האַמיקדאָש אַריין. ער האָט זיך געדאַרפט געפינען אין יענעם צימער, וואו עס האָט זיך געפונען די אַדמיניסטראַטיווע קאָלעגיע פון בייס-האַמיקדאָש (אין לשכת פלהדרין). אויסער דעם האָט מען באַשטימט א פאַרטרעטער זיינעם (סגן) און א צווייטע פרוי, טאָמער וועט די ערשטע שטאַרבן אין די דאָזיקע מוירעדיקע טעג, וואָרום די כאַכאָמים האָבן געזאָגט: אַז דער קויהען-גאָדל דאַרף רייניקן זיך און זיין שטוב, און וואָס פאַר א שטוב קען שוין, משטיינס געזאָגט, זיין אָן דער ווייב (ביתו זו אשתו). אין משך פון די זיבן טעג איז דער קויהען-גאָדל געווען מעכוייעוו צו ברענגען א קאָרבן (אַלע טאָג פון א גאַנץ יאָר האָט ער דאָס ניט געדאַרפט). ער האָט אויך געדאַרפט אָפּפרישן אין זיכּאָרן די ריטואַלן פון יאָמקיפּער, איבערכאַזערן דעם אַנטשפּרעכנדיקן קאַפּיטל פון „וואַיקראָ”. די נאַכט פון ערעוו יאָמקיפּער האָט ער ניט געטאָרט שלאָפן. ער זאָל ניט איינשלאָפן, זיינען נעבן אים געזעסן כאַכאָמים און געלערנט מיט אים די טוירע. אויב ער פלעגט א דרעמל טאָן, פלעגן זיי אים שטורכן מיט די פינגער און דערמאָנען, אַז שלאָפן טאָר מען ניט.

די האַכאָנעס פון קויהען-גאָדל און די נייסן אין דער אַוואוידע.

די דאָזיקע האַכאָנעס זיינען עמעס, ניט געווען אַזוי אָנגענעם פאַרן קויהען-גאָדל, ער האָט זיי אָבער דורכגעמאַכט, וואָרום זיי האָבן אָנגעוואָרפן א שרעק אַף די פאָלקס-מאַסן. מיסטאָמע, אַז דער קויהען-גאָדל גרייט זיך מיט אַזוי פיל מוירע און פאַכאַד צו יאָמקיפּער, איז טאַקע יאָמקיפּער ווירקלעך א מוירעדיקער טאָג. די קויהאַנים, וואָס פלעגן אָנהויבן די אַוואוידע פון יאָמקיפּער מיט דעם פרימאָרגן-טאָמיד, פלעגן באַשטימט ווערן ניט נאָכן סיידער, ווי אין אַלע איבעריקע יאָמטויווים, נאָר דורך א ספּעציעלן גוירל.

אין העסקעם מיט אָט דעם דאָזיקן גוירל פלעגן איינגעשטעלט ווערן פיר גרופּעס קויהאַנים: די ערשטע צו אָפּרייניקן דעם מיזבייאַך איידער די אַוואוידע הייבט זיך אָן, די צווייטע גרופּע אַף צושניידן דעם קאָרבן-באַלעכאָים, אַף שפּריצן די בלוט און אַף צוטראָגן די טיילן פון קאָרבן צום מיזבייאַך, די דריטע גרופּע צו רויכערן קטוירעס, די פערטע צו אַרופלייגן דעם קאָרבן אַפן מיזבייאַך גופע.

דאָך האָבן זיך מיט דעם ניט אויסגעשעפּט די דערפֿינדונג־פֿייאיקייטן פֿון די קויהאַנים צו באַזאָרגן דעם לייטער־טאָג ניט מער, ווי מיט ספּעציעלע כּוקים אַליין. אויסער די קויהאַנים זיינען נאָך אין בייס-האַמיקדאָש אויך גע- ווען קיילים און כּפֿייצים. די קויהאַנים פֿלעגן פּראַווען די אַוואוידע מיט דער הילף פֿון פֿאַרשיידענע קיילים פֿון בייס־האַמיקדאָש. אַפֿילע פֿאַר די קיילים פֿון בייס־ האַמיקדאש זיינען אין דעם טאָג אויך איינגעשטעלט געוואָרן ספּעציעלע כּוקים. דאָס אַלץ האָט געמאַכֿט יאָמקיפּער ניט ענלעך צו די איבעריקע יאָמטויווים.

יאָמקיפּער פֿלעגט מען די קיילן פֿון מיזבייאַך אַריינשאַרן ניט אין אַ זילבערנעם קרוג, נאָר אין אַ גילדערנעם. זיין פֿאַרנעם האָט ניט געהאַלטן ווי געוויינטלעך, פֿיר קאַבן (אַכֿט ליטער), נאָר דריי קאַבן (זעקס ליטער), דער דאָזיקער קרוג האָט ניט געטאָרט זיין קיין שווערער, נאָר אַ גרינגער ניט מיט אַ קורצן הענטל, נאָר מיט אַ לאַנגן, ניט פֿון געלן גאָלד, נאָר פֿון רויטן. אַ גאַנץ יאָר פֿלעגט מען אַפֿן מיזבייאַך אַרופֿלייגן ניט מער ווי פֿיר שיכֿטן האָלץ, יאָמקיפּער — פֿינף. אַ גאַנץ יאָר פֿלעגן די קויהאַנים אַרויף אַף די טרעפּ צום מיזבייאַך פֿון מיזראַך-זייט און אַראָפּ פֿון מאַירעוו-זייט, אָבער יאָמקיפּער פֿלעגט דער קויהען־גאָדל אַרויף און אַראָפּגיין פֿון צענטראַלן אַרופֿ- גאַנג, אַ גאַנץ יאָר פֿלעגט דער קויהען-גאָדל זיך וואַשן פֿון האַנט-פֿאַס—(כּיור) און יאָמקיפּער פֿון אַ גילדערנעם קרוג.

אויסער אָט די אַלע פֿאַרזאָגן זיינען נאָך געווען נאָך אַ סאַך, וואָס שווייבלען און גריבלען אין דער מסיכטע „יומאָ”, וואָס זיינען איגנאַנצן געווידמעט יאָמקיפּער. נאָר די געבראַכטע ביי איינפֿירן בלויז זיינען גענוג צו דער- ווייזן, ווי אַזוי די קויהאַנים האָבן זיך געסטאַרעט אויסצוטיילן יאָמקיפּער פֿון אַלע איבעריקע יאָמטויווים. נאָר עס איז קיין וואונדער ניט. די דאָזיקע טעג זיינען דאָך געווען די הויפּט-שטיצע פֿון דער גאַנצער נייער עמונע און גאָטס- פֿאַרכֿטיקייט, וואָס די קויהאַנים פֿון בייס-האַמיקדאָש אין ירושאָלאַיִם האָבן איינגעפֿירט. די קויהאַנים האָבן געזאָגט, אַז יאָמקיפּער איז אַ טאָג פֿון טפֿילע טשואווע, און געהאָרכזאַמקייט.

אין די ריטואַלן פֿון אַלע איבעריקע יאָמטויווים זיינען אויך געמאַכֿט געוואָרן ענלעכע ענדערונגען און הויסאָפֿעס. פֿון דאַגען זעען מיר, אַז אַלע נייסן האָבן געהאַט איין ציל: אונטערהאַלטן די ווירקונג פֿון בייס-האַמיקדאָש און מיט דעם איינהיטן די מאַכט און די האַכנאָסעס פֿון די קויהאַנים. די קויהאַנים האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אויב די יידן פֿון דיאספּאָרע וועלן אופֿהערן באַזוכן ירושאָלאַיִם, וועט באַלד איבערגעריסן ווערן די אַוואוידע אין בייס- האַמיקדאָש און זייער עקזיסטענץ וועט זיך שטעלן אונטער אַ פֿראַגע־צייכֿן. דעריבער טאַקע האָבן זיי זיך באמיט צוצוגעבן אַ באַזונדער פֿייערלעכֿקייט און גראַנדיעזקייט דער אַוואוידע אין בייס-האַמיקדאָש. אין דער עמעסן גערעדט,

האָבן זיך סאַי די פּאַלעסטינער יידן, סאַי די יידן אין דיאַספּאָרע געקענט זיך באַגיין אָן דעם בּיית-האַמיקדאָש. אין ערשטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס גע-בורט האָט זיך שוין באַשאַפן אַ באַשטימטע סיסטעם פון סינאַגאַגאַלן קולט, וואָס האָט אינאיינעם מיט דעם שטוביקן יאָמטעוו-קולט געשטעלט זיך אין איין ריי מיט דער אַוואוידע אין בּיית-האַמיקדאָש און נאָכן כורבן פון צווייטן בּיית-האַמיקדאָש איז ער געוואָרן די איינציקע פאָרם פון קולט אין דער יידישער רעליגיע. אין אַזאַ אויסזען מיט אייניקע ענדערונגען האָט זיך דער סינאַגאָגאַלער און שטוביקער קולט פאַרהיט ביזן היינטיקן טאָג. וועגן סינאַגאָגאַלן און שטוביקן קולט וועלן מיר איצט ריידן.

VII.

יאָמטויװים אין סינאַגאָגאַלן און שטוביקן קולט.

די אַװאױדע אין בײס-האַמיקדאָש אין יערושאָלאים האָט געדינט די אינטערעסן פון די קויהאַנים און פון דער יערושאָלאַימער בורזשואַזיע. די יערושאָלאַימער סאָכרים האָבן אָנגעלעבט פיל געלט אין דער צײַט פון יאָמטעװדיקן און ערעװ-יאָמטעװדיקן האַנדל. דער סינאַגאָגאַלער קולט, װאָס איז אַזױ ברײט פאַרשפּרײט געװאָרן סײַ אין פּאַלעסטינע און סײַ צװישן די יידישע געמיינדעס אין דיאַספּאָרע, האָט אויך געדינט די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, נאָר אויסער דער בורזשואַזיע האָט ער אויסגעהאָדעװעט און אונטערגעשטיצט די אַזױ גערופענע ראַבאָנים. אַרום יעדער בײס-האַקנעסעס, אָדער שול, װי מען רופט עס איצט אין פאָלק, האָט זיך געגרופּירט די גאַנצע יידישע געמיינדע פון אַ געגעבענער שטאָט, די אָנפירנדיקע ראָל האָבן צװישן זיי געשפּילט די פאָרשטייער פון דער אָרטיקער גרויס-בורזשואַזיע.

די שול פאר דער בורזשואַזיע. דער בורזשואַזיע האָט מען אָפּגעגעבן די בעקװעמסטע ערטער אין שול. אין דער הױפּט-שול פון אַלעקסאַנדריע אין מיצראַים איז פאַר די מיטגלידער פון דעם אָרטיקן געמיינדע-ראַט, װאָס איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון די געלערנטע און פון דער גרויסבורזשואַזיע, געװען צוגעשטעלט איין און זיבעציק באַגילדטע קאַטעדרעס. די איבעריקע ערטער זיינען געװען צוטיילט צװישן פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּן און צעכן אין דער יידישער געמיינדע פון אַלעקסאַנדריע, ד. ה. צװישן די גאָלדשמידן, זילבערשמידן, װעבער און דאָס גלייכן.

נאָך באַ היינטיקן טאָג זײַנען די שענסטע ערטער (שטעט) אין שול אָפּגעפירט פאַר די גװירים, װאָס צאָלן מער פון אַנדערע אין דער קאַסע פון שול און װאָס האָבן אַ גרויסן שעם און װירקונג אין שטאָט. אַזױ װי אין דער רוימישער עפּאָכע, האָבן זיך אויך איצט אַרום די שולן אָרגאַניזירט פאַרשיידענע צדאָקע-כעװרעס און קאַסעס, װאָס פלעגן אויסגעהאַלטן װערן פון די געלט פון די מיספּאַלעלים. איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז די גרויסע גװירים האָבן

אויסגענוצט די דאָזיקע כעוורעס און זיי זיינען פאַר זיי געוואָרן אַ מיטל צו געוועלטיקן איבער די אָרעמעלייט און נויטבאַדערפטיקטע מאַסן צו עקספּלואַטירן זיי.

ראַבאָנים.

די צווייטע גרופּע, וואָס איז געגאַנגען האַנט באַ האַנט מיט דער בורזשואַזיע און איז בלוטיק פאַראינטערעסירט געווען אין דעם קולט פון די באָטיי-קנייסיעס, זייענען די ראַבאָנים. ראַבאָנים (רבנים) לערער, דאָס זיינען יענע זעלביקע כאַכאָמים און סאָפרים פון דער רוימיש-גריכישער עפּאָכע. די ראַבאָנים זיינען געווען די קענער און אויסטייטשער פון דער טוירע און פון די נעוויאים. זיי האָבן אופגעשטעלט די טאַקאָנעס, ווי אַזוי דורכצופירן די טוירע אין לעבן און פון זייערע טאַקאָנעס און אויסטייטשונגען איז אין מעשעך פון ערשטן ביזן זיבעטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס געבורט געשאַפן געוואָרן אַ קאָלאָסאַלע ליטעראַטור, די אַזוי גערופענע טאַלמודישע, וועלכע באַשטייט פון איינציקע אָפּטיילן: מישנע (משנה) א פיירוש אַף דער טוירע, טויסעפטע (תוספתא) אַ הויסאָפע צו מישנע, דער טאַלמוד-באַוולי און טאַלמוד-יערושאַלמי, וואָס זיינען אַ וייטערדיקע אויסטייטשונג און אַנטוויקלונג פון דער מישנע.

די ראַבאָנים האָבן איינגעשטעלט אַ סיידער פון סינאַגאָגאַלן און שטוביקן קולט און אַ גאַנצן פאַרפלאָנטערטן, קאַזואיסטישן קאָדעקס ווי אַזוי צו פירן דאָס לעבן ווי אַ גאָטס-פאָרכטיקער און פרומער ייד. אָט דער דאָזיקער קאָדעקס האָט געדאַרפט לערנען און ווייזן די יידן, ווי אַזוי פּינקטלעך און ריכטיק אָפּהיטן די טוירע. זיי זיינען אויך געוועזן די מאַגידים און פריידיקער אין די באָטע-קנייסיעס בעשאַס גאָט-דינסט.

אין מעשעך פון יאָרן זיינען די פונקציעס פון די ראַבאָנים צוטיילט געוואָרן. זיי האָבן זיך צוטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: איין גרופּע, געלערנטע און איין גרופּע פּראָפעסיאָנעלע דינער פון סינאַגאָגאַלן קולט. אין מיטלאַלטער און שפּעטער, ביז וואַנען עס האָט נאָך עקזיסטירט די קעהילע-אָרגאַניזאַציע, זיינען די ראַבאָנים געווען די פאָרזיצערס פון וואַאַד (ועד), דאָס איז געווען אַ ריין בורזשואַזע אינסטיטוציע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם געמיינדע-לעבן פון דעם פּוילישן, רייסישן (ווייסרוסישן), ליטווישן און אוקראַאינישן יידנטום. אונטערן שלייער פון רעליגיע האָבן זיי שרעקלעך עקספּלואַטירט די יידישע אָרעמקייט. אַף אַזאַ אויפן איז מיט דער הילף פון דער שול און פון די ראַבאָנים די רעליגיע געוואָרן אויך אַ מיטל אין די הענט פון דער בורזשואַזיע פון דיאַספּאָרע צו עקספּלואַטירן די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן.

דער יאָמטעוו-קולט אין די באָטיי-קנייסיעס אָדער אין די שולן איז איינגעשטעלט געוואָרן גאָר לויט אַן אַנדער פּרינציפּ, ניט אַזוי ווי דער יאָמטעוו-קולט אין בייס-האַמיקדאָש. אין בייס-האַמיקדאָש איז דער הויפּט-עלעמענט געווען די קאָרבאָנעס. דער וואָס האָט ניט געבראַכט קיין באַשטימטע צאָל

קאָרבאָנעס, יעֶנעֶם האָבן די קויהאַניִם געדראָעט מיטן צאָרן פון יאַהווע. אין די שולן איז דער הויפט-עלעמענט פון דער אַוואוידע באַשטאַנען אין די טפילעס און אין לערנען די הייליקע טוירע, אַזוי ווי אין טהילים ווערט געזאָגט: „גאָט געפעלן גאָרניט די קאָרבאָנעס, בעסער, זאָל מען זיין ערלעך און גיין אין אַגלייכן וועג, ווי עס שטייט געשריבן אין דער טוירע".

די טוירע איז דערקלערט געוואָרן ווי אַ הויפט-געווער צו ראַטעווען זיך פון קאָלעראליי אומגליקן. דער, וואס האָט מעקאַיעם געווען די געזעצן פון דער טוירע, דעם האָבן די ראַבאָנים צוגעזאָגט גליק, גאַן-איידן און טכיאַס-האַמייסים. די הויפט-הייליקייטן אין שול איז געוואָרן די טוירע. איר האָט מען געהיט און אַריינגעשטעלט אין אַ שאַצבאַרן אַלמער, דעם אַזוי גערופענעם אָרן-קוידעש.

דערביי האָבן די ראַבאָנים מיט גרויס מי אויסגעטראַכט, אַז די טוירע דאַרף מען מעקאַיעם זיין ניט ווי יעדער איינציקער מענטש פאַר זיך וועט איר אויסטייטשן, נאָר אַזוי ווי זיי, די ראַבאָניִם, הייסן. די געזעצן, וועלכע זיינען פאַרשריבן אין „שמויס", „וואַיקראַ", „באַמידבאָר" און „דוואָרים" זיינען דאָך אָפגעריסענע שטיקער און ניט קיין סיסטעמאַטישע זאַמלונג, אָפטמאָל זיינען זיי אַפילע אויך ווידערשפרעכנדיק, און אויף אייניקע פראַגן גיבן זיי אַפילע קיין ענטפער ניט, אַ שטייגער, וועגן דער פראַגע ווי אַזוי אָפצוהיטן שאַבעס.

ווי מיר ווייסן, זיינען אין דער טוירע וועגן דעם קיין פינקטלעכע אָנווייזונגען ניטאָ. עס זיינען מערניט פאַראַן אַלגעמיינע געבאָטן ניט צו אַרבעטן און צווי, דריי דערעכאַגעוודיקע פאַרבאָטן. די ראַבאָנים האָבן זיך געמיט צו באַאַרבעטן דעם געבאָט וועגן שאַבעס אָפן סאַמע דעטאַלסטן אויפן. זיי האָבן אָנגעוויזן מיט פינקטלעכקייטן, וואָס מעג מען טאָן אום שאַבעס און וואָס ניט.

אָט אַזוי האָבן זיי אויך געטאָן מיט אייניקע אַנדערע געבאָטן, וועגן ריינקייט און אומריינקייט (טומאה און טהרה), וועגן ביקורים (בכורים) און וועגן מייסער (מעשר) וועגן פאַרשיידענע געריכט-פראָצעסן (משפטים) און אַזוי ווייטער. דאָס גאַנצע לעבן, יעדער שריט און טריט האָבן זיי אַריינגעפלאָנטערט אין דינים און טאַקאָנעס. מיט אַזוי פיל דינים און טאַקאָנעס האָבן זיי פארפלאָנטערט דעם יידן, אַז אַ מענטש אַ ווייניק פאַרשטאַנדיקער און אַ ווייניק געלערנטער האָט אַ טראָט ניט געקענט טאָן, ער זאָל ניט ציטערן, צו האָט ער עפעס ניט געזינדיקט קעגן גאָט און קעגן דער הייליקער טוירע. און אויב מ'איז אין עפעס געווען מסופעק, האָט מען זיך געדאַרפט ווענדן צום ראוו, ער זאָל געבן אַן אייצע, פאַסקענען אַ שאַילע. פאַרשטייט זיך, אַז די אייצע, די טשוווע, פלעגט געגעבן ווערן ניט אומזיסט. אייגער פון זיי האָט גאַנץ אָפן געזאָגט: „אַז יעדער מלאָכע, וואָסערע זי זאָל ניט זיין, קען

דעם מענטשן ניט פאַרזיכערן, אָבער די מלאָכע צו לערנען און צו אויס-טײַטשן די טוירע פאַרזיכערט דעם מענטשן מיט אַ גוטן לעבן גיכער פון אַנדערע אַרבעטן".

קרישמע און שמוינע-עסרע.

דעם יאָמטעוו-קולט האָבן די ראַבאָנים אָפּגעגעבן גאָר א באַזונדער אויפמערקזאַמקייט. די גאָט-דינסט אין די באָטיי-קנייסיעס איז געווען מער אָדער ווייניקער איינע און די זעלביקע פאַר אַלע יאָמטויווים. דער הויפּט-עלעמענט פון די טפילעס האָט געהאַט דעם ציל איינפלאַנצן בא די גלויביקע, וואָס פלעגן קומען מיספּאַלעל זיין אין שול, איבערגעגעבנקייט צו דער טוירע און צו גאָט. די טפילעס פלעגן זיך אָנהויבן מיט דעם, וואָס מען פלעגט זאָגן דעם אויסצוג פון דער טוירע „שמאַ ייסראעל" (שמע ישראל), דאָס האָט זיך גערופן קרישמע (קריאת שמע). די דאָזיקע טפילע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון אויסצוגן פון „דוואָרים" און „באמידבאר". די קאַוואָנע פון דער דאָזיקער טפילע איז געווען אין דעם, אַז דער ייד זאָל הערן און געדיינקען, אז יאהווע איז דער איינציקער און אַלמעכטיקער גאָט פון ייסראָעל.

וואו דער ייד זאָל זיך ניט געפינען: אין דער היים, אין וועג; ווען דאָס זאָל ניט זיין: איינדערפרי אָדער אין אוונט, בייטאָג און ביינאַכט, דעם גאַנצן מעסלעס, דאַרף ער טראַכטן וועגן גאָט און זען מעקאַיעם זיין די געבאָטן זיינע. ער דאַרף דערציילן וועגן דעם פאַר זיינע קינדער און קינדס-קינדער און אָנשרייבן אָט די דאָזיקע טפילע אף די אושאַקעס פון די טירן. ער דאַרף דאָס טראָגן אַפן שטערן און אף די הענט.

פאַר מעקאַיעם זיין די געבאָטן, וואָס שטייען געשריבן אין „קריאָס שמאַ", ווערט צוגעזאָגט גליק און אשירעס, פאַר ניט מעקאַיעם זיין—צאָרעס, אָרעמקייט און אומגליק. דער דאָזיקער „שמאַ ייסראעל" פלעגט אָן אן אויפהער איבערגעכאַזערט ווערן יעדער טאָג, יעדער שאַבעס און יעדער יאָמטעוו און אַזוי האָט זיך דאָס בעעמעם איינגעוואָרצלט אין האַרצן און אין מויאַך פון יעדער יידן. די כאַכאָמים נאָך האָבן זיך שוין אויך ניט באַנוגנט מיט דער דאָזיקער טפילע, און אין אָנהויב פון דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג האָבן זיי מויסעף געווען צו איר נאָך איינע, די אַזוי גערופענע שמוינע-עסרע (שמונה עשרה). אָט די דאָזיקע טפילע באַשטייט פון 18 בראָכעס, אָדער טפילעס.

די האָפענונגען פון די יידן ווערן געווענדעט צו גאָט. אף זיין הילף, אף זיין בראָכע וואַרט מען: „דער מענטש איז גאָרניט, אָבער גאָט. אליין איז שטאַרק און אלמעכטיק. אָן זיין הילף און בראָכע קען אַ ייד קיין שום גליק ניט האָבן, און אפשיטע שוין דאָס גאַנצע פאַלק".

האַפטירע.

נאָך די דאָזיקע צוויי טפילעס האָט מען געדאַרפט אויספילן דעם צווייטן טייל פון דער סינאַגאָגאַלער אָוואָידע, לייענען אויסצוגן פון דער טוירע, אָדער פון די נעוויאים. אין מעשעך פון א יאָר צייט האָט מען געדאַרפט איבערלייענען די גאַנצע טוירע, יעדער שאַבעס א באַזונדער טייל — פאַרשע.

פון די „נעוויאים" האָט מען געלייענט ניט אַלץ, נאָר אויסגעקליבענע אויסצוגן. אייניקע ערטער, וועלכע האָבן געשיינט צו זיין ניט גאָר קאָשער, האָט מען גאָר ניט געלייענט, און אַפילע ניט דערלויבט. אנדערע האָט מען יא דערלויבט צו לייענען, אבער ניט געטאָרט איבערזעצן זיי. אזוי ווי די העברייאישע שפּראַך האָט, אכוץ פריער די כאַכאָמים און נאָך זיי די ראַבאָנים, קיינער ניט געקענט, האָט מען די איבערגעלייענטע פּאַרשעס פון דער טוירע, אָדער פון די „נעוויאים" געמוזט איבערזעצן אַף דער ארטיקער שפּראַך, אַף וועלכער דאָס פאָלק האָט גערעדט.

אַף אַזאַ אויפן זעען מיר, אַז קדיי צו פאַרשטאַרקן די עמונע, האָבן די ראַבאָנים איינגעפירט אַ צענזור, און ניט דערלאָזן, אז מען זאָל זיך קענען איינגאַנצן באַקאָנען מיט דער ביבל, וועלכע זיי האָבן פראָקלאַמירט פאַר דער הייליקער טוירע, וואָרום, ווען מיר זאָלן זיך אויספירלעכער און נעענטער באַקאָנען מיט דעם דאָזיקן קלוימערשט הייליקן בוך, וועט יעדער קלאָרער מענטש מוזן פאַרלירן דעם גלויבן אין דער רייניקייט פון דער טוירע.

אנשטאָט רייניקייטן וועט ער דאָרטן געפינען גאַנץ אָפט עקלהאַפטע און אַפילע אוממאראַלישע געשיכטעס, א שטייגער, די מאיסע וועגן לויטן און זיינע טעכטער, וועגן געשלעכטלעכע באַציאונגען צווישן יעהודע און זיין זונ׳ס וויב טאָמאָר, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר א זוינע, אָדער דער קאַפּיטל טז. פון סייפער יעכעזקל, וואו דאָס פאָלק יעהודע ווערט געגליכן צו א זוינע און דער דאָזיקער פאַרגלייך ווערט דערביי באַגלייט מיט די סאַמע מיעסטע פּראָטים. אונטער דער צענזור פון די „טאַלמידיי כאַכאָמים" האָט מען צוגעטראָגן דעם צוהערער די ביבל אין שול.

נאָך דעם, ווי מ׳פלעגט איבערלייענען די פאַרשע פון דער טוירע און די אויסצוגן פון די „נעוויאים" — האַפטיירע (הפטרה), פלעגט מען זיי באַלד פאַרטייטשן. און אָט דאָ זיינען די ראַבאנים ארויסגעטראָטן מיט זייערע דראָשעס און מוסער-רייד, וואָס האָבן געהאַט נאר איין ציל איינצופלאַנצן גאָטס-פארכטיקייט און גלויבן, זען, אז מ׳זאל אפהיטן און מעקאיעם זיין די געבאטן פון דער טוירע און דערעך-ערעץ האבן פאַר די „טאַלמידיי-כאַכאמים". נאכדעם פלעגט דער ראוו בענטשן די מיספאַלעלים און זיי פלעגן זיך פאַנאַנדערגיין אַהיים.

שטוביקער קולט.

אבער אויך אינדערהיים איז דער ייד קיין באַלעבאס אַף זיך אליין ניט געווען. ער פלעגט מוזן אויספילן און אפהיטן אַ ריי דינים און מיצוועס, וואס זיינען שאַייך צום שטוביקן, וואכיקן און יאמטעוו-קולט. פאַר יעדער יאמטעוו, אכוץ דער באַשריבענער אַוואוידע, וואָס איז געווען קימאַט איין און די זעלביקע אין אַלע יאָמטויווים, האבן די ראַבאנים איינגעפירט ספעציפישע ריטואלן, וואס מ׳פלעגט טיילוויַיז זיי מוזן פראווען אין שול און טיילוויַיז אינדערהיים. דערביי זיינען געווען פאַר אייניקע יאמטויווים אַזויפיל שטוביקע

ריטואַלן, אַז די יאַמטויוויום האָבן אינגאַנצן באַקומען א שטוביקן כאַראַק-טער, אנדערע, פאַרקערט, האבן געטראָגן אַריין דאַגמאַטיש-שוליקן, רעליגיעזן כאַראַקטער.

די ראַבאנים זיינען געגאַנגען ווייטער און מיט מער דרייסטקייט פון די קויהאַנים. די קויהאַנים האבן געוואלט קאַנצענטרירן דעם גאַנצן קולט נאר אין בייס-האַמיקדאש, האבן זיי טאַקע פאַרלארן א סאַך מיספּאַלעלים, וואס האבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קומען אין בייס-האַמיקדאש. די ראַבאנים האבן זיך דעריבער געסטאַרעט צו פאַרפלאַנטערן די יאמטויוויום מיט זייערע טאַקאנעס און אריבערפירן די רעליגיע פון שול אין שטוב אַריין צו יעדן יידן, האבן טאַקע די ראבאנים דערפון אסאַך געוואונען.

שאַבעס אין שטוב. באזונדערע שטוביקע ריטואלן זיינען דערהויפּט איינגעשטעלט געוואָרן פאַר שאַבעס און פייסאַך. זייער א גרויסע באַדייטונג, ווי מיר ווייסן שוין, האָט מען צוגעגעבן שאַבעס. מיט דעם ריטואל פון מילע און מיטן אָפּהיטן שאַבעס האָבן זיך די יידן געדאַרפט אָפּשיידן פון דער פרעמדער, ארומ-פעלקערדיקער סוויווע, אין וועלכער זיי זיינען געזעסן. שאַבעס ווי א רוטאַג האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן דעם יידן אין אַן אָנגעשטריינגטן צושטאַנד.

טאַמיד פלעגט אויסקומען ארומצוקוקן זיך, צו האָט מען כאָס וועשאַלעם ניט געטאָן אזא זאַך, וואָס איז ניט דערלויבט צו טאָן אום שאַבעס. די בעקי-צערדיקע געבאָטן פון דער טוירע וועגן ארבעט, וואס איז פאַרבאָטן אום שאַ-בעס, האָבן די ראַבאָנים אַנטוויקלט אין א גאנצער, לאַנגער רעשימע פון פאַר-שיידענע אַרבעטן, וואס זיינען פאַרבונדן מיט כילול-שאַבעס. אויסער יעדער געוויינטלעכער אַרבעט: אָנצינדן פייער, קאָכן שפּייז, איבערטראָגן כפייצים פון איין אָרט אויפן צווייטן, פאָרן, האַנדלען, מען האָט אַפילע פאַרווערט צו ריידן וועגן מאַסא-אומאטן, אופהויבן פארשיידענע געגנשטאַנדן, שעפּן וואַסער, אַרבעטן אין פעלד, גיין אף געיעג, היילן אַ קראנקן, מעקאַבער זיין אַ טויטן, שלאָגן אדער האַרגענען ווען עס איז.

אַפילע בענויגייע צו דעם, וואָס עס איז שוין יאָ דערלויבט געוואָרן צו טאָן אום שאַבעס, האָט מען צוגעגעבן א גאַנצע ריי טאַקאָנעס, וואָס האָבן באַגרענעצט צו טאָן דאָס, וואָס מען האָט שוין דערלויבט אום שאַבעס. הארבער פון אלץ איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער פאַרבאָט צו אנצינדן פייער און צו קאָכן שפּייז.

ליכט-בענטשן. די ראבאָנים האָבן זיך דאָ געפּרוּווט צו געפינען אַן אויסוועג, וואס זאָל פון איין זייט פאַרגרינגערן די לעבן-פּראַקטיק און פון דער אנדער זייט צוגעבן שאַבעס א באַזונדער פייערלעכקייט. אנצינדן פייער אום שאַבעס טאָר מען טאַקע ניט, אבער באַגעגענען שאַבעס דאַרף מען מיט באַזונדערע היילִיקע ליכט, וואָס ברענען אין ספּעציעלע שאַבעסדיקע לייכטער און ווערן אנגעצונדן

פרייטיק אין אָוונט, ערעוו-שאַבעס. די דאָזיקע ליכט מעגן ברענען אַ גאַנץ שאַבעס. ס׳זיינען דורכגעפּירט געוואָרן א גאַנצע ריי טאַקאָנעס און דינים וועגן די ברען-מאַטעריאַלן, וועלכע מ׳מעג נוצן פאַר שאַבעס-ליכט, וועגן דעם, ווי אַזוי מ׳דאַרף אָנצינדן די שאַבעס-ליכט און וועגן דעם, אז פאַרלעשן זיי איז פאַרבאָטן. פאַר ניט אָפּהיטן די דינים פון ליכט-אנצינדן און פאַרלעשן האט מען געדראָעט מיט דער שטרייִנגסטער שטראָף. פרויען לעמאָשל, וואָס היטן ניט אפ דעם מינהעג פון „ליכט בענטשן", האט מען געדראָעט מיט שטאַרבן אין דער צייט פון קימפּעט.

די אָפּשטאמונג פון דעם דאָזיקן ריטואַל ליגט מיסטאָמע אין דער פּראַקטישער נויטוענדיקייט. אזוי ווי אין די מיזראַך לענדער הויבט מען אָן צו רעכענען דעם טאָג פון פאַרנאַכט, האבן די „טאַלמידיי-כאַכאָמים" גענומען דאס אין אכט און איינגעשטעלט, אז מען זאָל אָנצינדן ליכט ערעוו-שאַבעס, ד. ה. פרייטיק פאַרנאַכט, ווארום אָנצינדן שפּעטער האָט מען ניט געטאָרט. מ׳האָט גרויס אכט געלייגט אף דעם, אז קיינער זאָל די ליכט ניט פאַרלעשן.

קידעש. דעם דאָזיקן מינהעג, וואס האָט זיך געשאַפן צוליבן לעבנשטייגער, האבן די ראַבאָנים פארוואנדלט אין א באַזונדער הייליקן ריטואַל פון „קאַבאָלאַס שאַבאַס" מיט „בענטשן ליכט". אט דער דאָזיקער ריטואַל האָט זיך נאָך איינגעהיט בא היינטיקן טאָג. אין אַלע אידישע הייזער, וואו מ׳האַלט נאָך פון שאבעס, צינדן די פרויען אן ליכט אין ספּעציעלע לייכטער און בא זייער שיין זעצט מען זיך מיט אַ טפילע (קידעש) צו דער שאַבעסדיקער וועטטשערע.

קדיי צו פאַרגרינגערן די פאַרבאָטן פון שאַבעס, האָבן די ראבאָנים ניט אפגעשאַפן די האַרבע ניט אויספירבאַרע פאַרבאָטן. זיי האָבן בעסער איינגעפירט א גאַנצע ריי מינהאָגים, וואָס קענען באַפרייען פון דעם אָדער יענעם הארבן פארבאט. איינפאך אן אויבערשפיצלעך טאָר מען די פארבאטן ניט אָפּשאפן, אבער אויסטראכטן ספעציעלע ריטואַלן, קדיי צו פארגרינגערן זיי, מאָג מען. אזוי ווערט ערעוו-שאַבעס געפּראַוועט דער ריטואַל פון איירעוו (פאַראייניקונג), מיט דער הילף פון וועלכן מ׳קאָן שוואכער מאַכן דעם פאַרבאט צו איבערטראָגן כּפייצים און איבערצוטרעטן א טכום-שאבעס.

איירעוו. די ראבאָנים האָבן אַזוי אויסגעטייטשט: איבערטראָגן זאכן פון איין ארט אף דעם אנדערן קאן מען נאָר אין די גרענעצן פון א „רשוס האַיאָכיד", פּריוואַט-באזיץ, ד. ה. אין אַ הויף, וואס איז פארנומען פון איין באלעבאס און פון איין ווירטשאַפט. פון איין רשוס האיאכיד אין אַ צווייטן, אָדער פון רשוס האַיאָכיד אין רשוס האָראַבים, אַ שטייגער אין גאַס, האָט מען קיין זאך ניט געטאָרט ארויסטראָגן און איבערטראָגן, נאר מיט דער הילף פון איירעוו-ריטואַל האָט מען בייגעקומען דעם דאָזיקן פארבאָט.

דער אײַרעװ-ריטואַל באַשטײט אין דעם, װאָס דורך אַ געװיסן סימװאָ-
לישן טאַט װערן אײניקע שכײנישע הײַזער פֿאַרװאַנדלט אין אײן „רשות
האַיאָכיד", אָדער די גאַסן װערן פֿאַראײניקט מיט די הױפֿן און הערן אױף
צו זײַן אַ רשות האַראַבים. אַט די דאָזיקע צװײעסדיקע איבערשפּיצלעך װאָלטן
געװען גאַנץ איבעריק, װען די ראַבאַנים װאָלטן ניט געציטערט איבערן
אַלטװאַרג, װאָס האָט שױן פֿאַרלױרן יעדער באַדײַטונג. פּאַשעט אָפּשאַפֿן זײ
האָבן די כאַכאָמים ניט געװאַגט, דאָס װאָלט געהײסן אַנערקענען, אַז מ'מאָג
אױך ניט אָפּהיטן די איבעריקע געזעצן װעגן שאַבעס, האָבן זײ געמוזט
אײַנפֿירן ריטואַלן אױף ריטואַלן און צוגעבן זײ אַ ספּעציפֿישע רעליגיעזע באַ-
דײַטונג. די לײַכטגלױביקע ײִדישע מאַסן, װאָס זײַנען געװען פֿאַרשיקערט מיטן
אױטאָריטעט פֿון די טאַלמידײ-כאַכאָמים און ראַבאַנים, האָבן געהאָרכזאַם אױס-
געפֿילט אַלע משונעדיקע ריטואַלן און האָבן זיך דערבײַ דורכגעדרונגען מיט
בלינדן גלױבן אין הײליקן שאַבעס.

פּייסאַך אין שטוב.

אױך פּײסאַך איז געװאָרן אַ שטוב-יאָמטעװ, װאָס איז פֿאַרבונדן מיט
ספּעציעלע ריטואַלן. װי מיר האָבן שױן געזען, האָט זיך די פֿײַערונג
פֿון פּײסאַך אין דער העלעניש-רױמישער עפּאָכע צוטײלט אױף צװײ טײלן.
מען פֿלעגט ברענגען דעם קאָרבן-פּעסאַך אין בײס-האַמיקדאָש און פֿאַרברע-
נען אײניקע טײלן זײַנע אױפֿן מיזבײאַך. נאָכדעם פֿלעגט מען פּראַװען אין
שטוב אַ הײליקן מאָלצײַט, מ'פֿלעגט עסן דעם קאָרבן-פּעסאַך.

אין יאָר 70 פֿון ערשטן יאָרהונדערט נאָכן כורבן פֿון בײס-האַמיקדאָש
איז דער ערשטער טײל פֿון דער פּײסאַך-פֿײַערונג אינגאַנצן אָפּגעפֿאַלן. דערפֿאַר
האָבן אָבער אַלע ײִדן אָפּגעהיט דעם צװײטן טײל פֿון דער פּײסאַך-פֿײַערונג,
פּראַװען די פּײסאַך-נאַכט אין שטוב. מען דאַרף רעכענען, אַז אױך אין דער
צײַט פֿון בײס-האַמיקדאָש האָבן די ײִדן אין דיאַספּאָרע געפּראַװעט אינדער-
הײם ניט מער װי דעם צװײטן פֿײַערלעכן טײל פֿון פּײסאַך, ד. ה. אָפּגעריכט
די פּײסאַך-נאַכט. דאָס איז געדרונגען דערפֿון, װאָס די כאַכאָמים האָבן פֿאַר-
װערט צו ברענגען דעם קאָרבן-פּעסאַך ניט אין בײס-האַמיקדאָש אין יערו-
שאָלאַים*).

„סײדער" פֿון פּײסאַך.

אַפֿילע אין די דאָזיקע מאָלצײַטן האָט גאַנץ אָפֿט פֿיגורירט דער קאָרבן-
פּעסאַך. װען דער בײס-האַמיקדאָש איז כאָרעװ געװאָרן, װען ס'איז צושטערט
געװאָרן די געמײנדע פֿון באַײס-שײני און אין דיאַספּאָרע זײַנען אַװעק אַלע
ײִדן אָן אַן אױסנאַם, האָבן די כאַכאָמים און ראַבאָנים אָפּגעגעבן מער אַכט דעם
מאָלצײַט פֿון דער פּײסאַך-נאַכט. רעכענענדיק זיך מיט די שטײַגערישע מינ-
האָגים, האָבן זײ אײַנגעשטעלט די אָרדנונג פֿון דעם דאָזיקן מאָלצײַט אין

*) דערהױפּט האָט זיך דאָס פּראַקטיקירט אין צאָפֿן-אַפֿריקע. בײַ די אַבעסינער ײִדן עקזיס-
טירט נאָך דער מינהעג צו ברענגען דעם קאָרבן-פּעסאַך אַד האַיאָם.

דער פייסאַך-נאַכט, אָדער דעם „סיידער" ווי מ׳האט אים אָנגעהויבן צו רופן און צוגעטראַכט פאַר אים אייניקע נייע טאַקאָנעס. די הויפּט זאַך אין דעם מאָלצייט אָדער „סיידער" פון דער פייסאַך-נאַכט, איז ווי פריער פאַרבליבן דער מינהעג פון די „ארבא-קויסעס", נאָר די קאָרבן-פעסאַך-געריכט האָט מען פאַרבאָטן און אנשטאָט איר איינגעפירט אנדערע שפּייזן. די מער פרימערע האָבן אנשטאָט דעם קאָרבן-פעסאַך איינגעפירט דעם „זרייאַ", א געבראָטענע ביין מיט שטיקעלאַך פלייש ארום אים. אַנדערע האָבן דעם פייסאַך-לעמעלע פאַר-ביטן מיט געבראָטענע פלייש אדער מיט פיש, אָדער מיט אן איי, אָדער גאָר מיט פרוכט. באַם צווייטן „קאָס" האָט מען איינגעפירט א נייעם מינהעג. ער פלעגט שוין באַגלייט ווערן ניט מיט א פאַשעטער בראָכע אליין, נאר מיט א טפילע וועגן דעם, אז „עס זאָל אופגעריכט ווערן דער בייס-האַמיקדאַש אין יערושאָלאַים דער שטאָט, און זאָל גאָט, דער האר אונזערער, דער גאָט פון אונזערע אָוועס, געבן, אַז מיר זאָלן דערלעבן אנדערע יאָמטויווים אין גליק און פרייד אופריכטן דאָס אייביקע (ד. ה. דעם בייס-האַמיקדאַש), קדיי צו פאַרזוכן פון די פייסאַך-קאָרבאָנעס, מיט וועמעס בלוט מ׳באַשפּריצט די ווענט פון זיין מיזבייאַך און מיר וועלן דיר דאַנקען פאַר אונזער געאולע".

די האָפנונגען אַף אופריכטן דעם בייס-האַמיקדאַש אין יערושאָלאַים דער שטאָט, זיינען געווען פאַרבונדן מיט די האָפנונגען אַף א וועלט-קאַטאַ-סטראָפע, אַף א וועלט-איבערקערעניש, וועגן וועלכע די דעמאָלסטיקע יידן האָבן געטרוימט. די דאָזיקע כאָלוימעס און פאַנטאַזיעס, וועלכע האָבן נאָך עקזעסטירט אין דער עפּאָכע פון די מאַקאַווייער, האָבן זיך באַזונדערס פאַר-שטאַרקט אין ערשטן יאָרהונדערט, ווען זיי האָבן זיך געריכט צו מאַכן אן אופ-שטאַנד קעגן די רוימער אין די יאָרן 66—70, און דערנאָך נאָכן כורבן פון בייס-האַמיקדאַש האָבן זיי זיך ווייטער איבערגעכאַזערט אין די דרייסיקער יאָרן פון צווייטן יאָרהונדערט און אויסגעדריקט זיך אין דעם אופשטאנד פון באַר-קאָכבאַ. ‏מ׳וואַרט אף מאַ-שיאַכן אין דער נאַכט פון פייסאַך

די דאָזיקע האָפנונגען זיינען באַשטאַנען אין דעם, וואָס די יידן האָבן געהאָפט, אז די דאָזיקע איבערקערעניש וועט אומברייינגען אַלע יידישע און אויסלענדישע אונטערדריקער און וועט איינשטעלן די הערשאַפט פון „מאָשיאַך-בען-דאָוויד". די גאַנצע מאכט איבער דער וועלט וועט דעמאָלט געהערן דעם פאָלק יעהודע. אין מאָשיאַכ׳ס צייטן וועט ניט זיין קיין אָרעמקייט, ניט קיין נויט, ס׳וועט זיין אן אַלגעמיינע פרייד, אן אלגעמיינער גליק. דעם גלויבן אין דער דאָזיקער איבערקערעניש האָבן די ראַבאָנים אונטערגעהאַלטן אויך נאָכדעם, ווען די יידישע געמיינדע פון באַיס-שייני האָט אופגעהערט צו עקזיס-טירן און אלע בניי-יעהודע האָבן אָנגעהויבן צו לעבן אין גאָלעס. די ראַבאָ-נים האָבן אזוי געזאָגט: פריער אָדער שפּעטער וועט קומען א טאָג און דער גאָלעס וועט זיך ענדיקן. אַלע יידן וועלן זיך דעמאָלסט צונויפקלייבן אינ-איינעם און ס׳וועט זיך אָנהויבן די קיניגרייך פון גליק און רום.

שפויך כאמאסכא

אין צוזאַמענהאַנג מיטן גרייטן זיך אף מאָשיאַך קומען אוף נייע שטריכן אין סיידער פון פייסאַך, זיי ווערן צוגעפּאַסט צו ארבא-קויסעס. ערשטנס, אויסער די קויסעס, באַשטימטע פאַר יעדן איינעם, וואָס נעמט אן אנטייל אין סיידער, האָט מען אָנגעהויבן אוועקצושטעלן א באַזונדער קאָס פאר אייליאהו האַנאָווי, וועל-כער האט לויט דער לעגענדע געדארפט קומען פאַרן מאָשיאַך צוזאמען מיט כאַ-נויכן ווי אנזאָגער פון דער קומענדיקער איבערקערעניש. אף דאס אנקומען פון אייליאָהו האַנאָווי האָט מען זיך געריכט אין דער נאַכט פון פייסאַך; נאָכן דריטן קאס האָט דער פאטער אָדער דער עלטערער פון שטוב געעפנט די טיר און גערופן אייליאָהו האַנאָווי מיט מאָשיאַכן מיט פאָלגנדיקער טפילע: „געבענשט זאל זיין דער, וועלכער דאַרף אָנקומען", און דערנאָך פלעגט מען מיספּאַלעל זיין בא דער אָפענער טיר פאַר די אַנוועזנדיקע און מען פלעגט זאָגן די טפילע „שפויך כאַמאָסכאַ" פול מיט קלאָלעס אף די קעפּ פון די סאָניי-ייסראָעל, אַז זיי זאָלן פאַרטיליגט ווערן ביז איבעראיאר פייסאַך. מען פלעגט אויך זינ-גען לידער פון זעלביקן אינהאַלט. נאָכן פערטן קאָס און דערנאָך, ווען אלע פלעגן זיך פאנאנדערגיין, איז באם געזעגענען זיך איינגעפירט געוואָרן א נייע באַגריסונג: איבער איאר זאָלן מיר פראווען דעם סיידער אין יערושאָלאים (לשנה הבאה בירושלים).

אין דער דאָזיקער באַגריסונג פלעגט אויסגעדריקט ווערן די האָפ-נונג, אז אין פארלויף פון נאָענטסטן יאָר וועט קומען דער גויעל, די וואונדערבאַרע איבערקערעניש וועט ענדלעך געשען, און צום קומענ-דיקן פייסאך וועלן די יידן באפרייט ווערן פון גאָלעס. די אַלע באַשרי-בענע נייע ריטואלן זיינען איינגעפירט געוואָרן מיט דער דערלויבעניש פון ראַבאָנים און כאַכאָמים. די נייע לידער, „בראָכעס" און הימנען זיינען צוזאַ-מענגעשטעלט געוואָרן פון די פריערדיקע און שפעטערדיקע ראַבאָנים. אנטגיל-טיק האָט זיך דער נייער סיידער אויסגעבילדעט אין אכטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס געבורט. פון דער צייט אן זיינען אריין אין קראפט פעסטע מינהאָ-גים, וועלכע האָבן זיך געענדערט נאָר אין די דעטאַלן און זייערע הויפט עלע-מענטן עקזיסטירן נאָך אד-האיאָם: באַזונדערע שפייזן פון ביטערע קרייטעכער „מאָרער", פרוכטן, כאַרויסעס, מאַצע, זרייא, אַרבאַ-קויסעס, די פיר קאַשעס און דער ענטפער אף זיי, דער קאָס פאַר אייליאָהו האנאָווי, די בראָכעס און לידער.

דריי מאַצעס — קויהען, לייווי און ישראל.

פון די נייע איינצלהייטן, וועלכע זיינען אריין אין דער פּראַקטיק און אין וועלכע עס האָט זיך באַזונדער בוילעט אָפּגעשפּיגלט די ווירקונג פון די „טאַלמידיי כאַכאָמים", דאַרף מען אונטערשטרייכן איין מינהאַג, אין וועלכן ס'האָט זיך באַזונדער שטאַרק אָפּגעשפּיגלט די ווירקונג פון די ראַבאָנים. אף אַ ספּעציעלער „קאַירע" לייגט מען אַרויף דריי מאַצעס. די אויבערשטע רופט זיך קויהען, די מיטלסטע — לייווי, די אונטערשטע ייסראָעל, ד. ה. אַז די דאָזיקע מאַצעס, אויפגעלייגט אין אַן אָרדנונג פון אַ יעראַרכישער אונטערטעניקייט, האָבן

געדאַרפט געבן אָנצוהערעניש יעדן אַנטיילנעמער פון סיידער, אַז האַגאָם קיין בייס-האַמיקדאָש און קיינע קאָרבאָנעס זיינען ניטאָ, נאָר די בנײ ישׂראָעל דאַרפן נאָך פאָרט פֿאָלגן און דינען די שטעל-פֿאַרטרעטער פון די קויהאַנים און לעוויאים, די ראַבאָנים, און ניט אַרויס פֿון זייער האַשפּאָע. אַזוי ווערט שטענדיק אַנטפּלעקט אין אַלע ריטואַלן פון פייסאַך, אין אַלע נייע מינהאָגים די אַרבעט פון די ראַבאָנים, וועלכע שטרעבן מיט דער הילף פֿון רעליגיעזן ריטואַל איינהאַלטן און באַפעסטיקן זייער מאַכט, זייער אָנפירונג מיטן פֿאָלק.

אין דעם באַשריבענעם ריטואַל פון פייסאַך האָבן זיך איבערגעפלאָכטן די אַלטע עלעמענטן פון אוראַלטן פייסאַך און כאַג-האַמאַצעס: ביטערע קרייטעכער, מאַצעס, אַ ביין פון אַ שעפס, די לעגענדע וועגן יעציאַס מיצראַים מיט איינִיקע נייע טענדענציעס, ווי די האָפֿנונג אַפן „קעץ” און אַף דער קיניגרייך פון מאשיאַך בען דאָוויד. אין דעם ערשטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס געבורט, האָט זיך דער ראַיען-האמאשיכי פֿאַראייניקט מיט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פון די עקספּלאָאַטירטע יידישע מאַסן. אָפֿט, אַז ס׳פלעגט קומען אַ פֿאָלקס-פירער און פראָקלאַמירן זיך פֿאַר אַ „מעלעך יעהודע”, ד. ה. פֿאַר מאָשיאַכן, פלעגן אַלע אונטערדריקטע און עקספּלאָאַטירטע אופהויבן זיך אַף זיין רוף און נעמען זיך קעמפן מיט געווער אין האַנט קעגן די רייכע און די רוימער. די מוירדים האבן געגלויבט, אַז גאָט אַליין וועט זיי העלפן און זיי וועלן מאַצליאַך זיין אין זייער קאַמף. ווען די אַלע מרידעס האָבן געליטן אַ מאַפּאָלע און די יידן האָבן אינגאַנצן פֿאַרלאָרן זייער פֿאָטערלאַנד, האָט דער גלויבן אין מאָשיאַכן אופגעהערט צו זיין אַזוי רעאַל און מאַמאָשעסדיק, ווי ער איז געווען פריער. נאָר פֿאַרשווינדן אינגאַנצן האָט ער ניט געקענט, און זינט אַ טייל יידן האָט איבערגעוואַנדערט אין איירָאָפּע, וואו ס׳האָבן זיך אַף זיי אָנגעהויבן פֿאַנאַטישע רדיפעס, האָבן די רעליגיעזע פירער אויסגענוצט די רעכטלאָזע לאַגע פון פֿאָלק, קעדיי אופצולעבן דעם גלויבן אין מאָשיאַכן.

די רעכטלאָזע לאַגע, אין וועלכער ס׳זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן די יידן אין גאַנץ איירָאָפּע, איז געווען פֿאַר דער קריסטלעכער בורזשואַזיע אַ מיטל פון האַנדל-קאָנקורענץ. די יידישע סאָכרים זיינען געווען אָרגאַניזירטער און געניטער אין מיסכער פאַר דער יונגער איירָאָפּייאישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט צוליב דער קאָנקורענץ, אונטער דער העצע פון די קאַטוילישע גייסטלעכע, אָנגעהויבן באַגרענצן די יידן אין די רעכט, אַרופלייגן אַף זיי גרויסע שטייערן און קאָנטריבוציעס, און דערצו פלעגט מען נאָך פון צייט צו צייט אָנרייצן אַף די יידן דעם פינסטערן האַמוין און איינאָרדנען פּאָגראָמען.

די דאָזיקע רדיפעס האָבן די פאַרשטייער פון דער קריסטלעכער בורזשואַזיע פאַרענטפערט מיט דעם, וואָס די יידן האָבן געקרייצט דעם קריסטוס

ס'איז פאַרשטענדלעך. אַז אויך די יידן האָבן ניט געקאָנט פילן קיין באַזונדער פריינטשאַפט צו די קריסטן; די פיינטלעכע באַציאונג פלעגט נאָך אונטערגעוואַרעמט ווערן פון די ראַבאָנים, וועלכע האָבן שפילנדיק אַף דער דאָזיקער סטרונע, נאָך מיט מער דערפאָלג געקאָנט פאַרשטאַרקן דעם אָפּהיט פון ריטואַל און די רעליגיעזע אָפּגעזונדערטקייט פון יידנטום. זיי האָבן אונטערגעהאַלטן אין יידנטום דעם גלויבן, אַז די ליידן און פאַרפאָלגונגען זיינען ניט אַף אייביק, ס'וועט קומען אַ סאָף צו די ליידן, דאָס איז דאָס אָנקומען פון מאשיאַכן.

פּייסאַך פאַרבונדן מיט דער געאולע.

מיט מענטשלעכע, נאַטירלעכע מיטלען און קויכעס,—האָבן געטאַינעט די ראַבאָנים, — קאָן מען ניט דערגרייכן דעם עמעס; די קריסטן נעמען גאַנץ גערן געלט, אָבער זיי נאַרן אָפּ דעם יידן נאָך לייכטער, זיי האַלטן אפילע, אַז באַשווינדלען דעם יידן איז אַ מיצווע. אויסקויפן זיך פון די פאַרפאָלגונגען קאָן מען ניט, מיט גוואַלד אויסגעלייזט ווערן איז אויך אוממעגלעך, בלייבט נאר איין האָפנונג—די האפנונג צו גאט, אַז ער וועט שיקן זיין געזאַלבטן (מאָשיאך). אין דער טפילע פון „שמוינע-עסרע” האט מען באַזונדער גענומען אונטערשטרייכן דעם צענטן געבעט וועגן באַפרייען און צונויפקלייבן איינאיינעם די בניי-ייסראָעל און צו דעם צוועלפטן געבעט וועגן פארניכטן די הערשאַפט פון גוואלט האָט מען צוגעגעבן דעם פארלאַנג פארניכטן און אויסראטן די „סאניי-ייסראָעל” און אומגלויביקע און אויסמעקן זיי פון „לעבנס-בוך”. אַלע טאג האָט מען געלייענט די דאָזיקע „שמוינע-עסרע” און אין דער נאַכט פון פייסאך, ווי מיר האבן שוין געזען, האָט מען איינגעפירט אַ נייעם מינהעג, שטעלן אַ קאס פאַר אייליאהו האַנאָווי, דעם פאָרגייער פון מאשיאַך, עפענען די טיר און רופן אים. אויסדריקנדיק דערביי דעם וואונש, אַז אין קומענדיקן יאר זאל מען דערלעבן מאשיאכן. דאס, וואס דער אייגנאַרטיקער מינהעג פון רופן אייליאהען און מאשיאכן איז געווען צוגעפאַסט גראַדע צו דער נאַכט פון פייסאך, איז עס געווען צוליב גאַנץ פאַרשטענדלעכע טאימים. פייסאך האָט זיך גערעכנט פאר אַ יאָמטעוו פון באַפרייאונג פון דער קנעכטשאַפט אין מיצראַים, ער האָט אויך געדאַרפט ברייגען די באַפרייאונג פון דער קנעכטשאַפט אין דיאספארע און אַסאַך פון די עקספּלאָאַטירטע גלויביקע יידן, אין די מאָמענטן פון באַזונדער שווערע אין אכזאָריעסדיקע פאַרפאַלגונגען, האָבן ערעוו פייסאַך ערנסט געגלויבט, אז אט, אט אין דער פייסאַךנאַכט וועט געשען דער נעס און ס'וועט קומען אייליאהו אדער מאָשיאך.

אף אַזאַ אויפן האָט זיך די באַדייטונג פון פייסאַך נאך מער פאַרגרעסערט, פייסאַך איז געווארן איינע פון די הויפט-יאָמטויווים, ניט נאר אַ רעליגיעזער נאָר אויך א שטובּיקער. און ס'איז קיין וואונדער ניט, אַז די ראַבאָנים האָבן זיך געסטארעט פארבינדן מיט אים נאך אייניקע פאָרבערייטונגריטואַלן. אין דער טוירע ווערט פאָרגעלייגט, אז מיטן אָנקומען פון פייסאַך

זאל זיך אין די יידישע הייזער אין מעשעך פון די זיבן טעג יאמטעוו ניט געפינען קיין כאמעץ. דער כאמעץ האט געדארפט פארברענט ווערן אין ערשטן טאג פון יאמטעוו (שמויס יב, טו). אפן סמאך פון דעם דאזיקן פארבאט האבן די ראבאנים איינגעשטעלט א באזונדערן ריטואל, בדיקע, „בדיקאס כאמעץ", זוכן כאמעץ. די פאשעטע אפעראציע פון פארניכטן די שיראיםפון געזויערטן טייג האט זיך פארוואנדלט דורך די ראבאנים אין א מין קישעף-ריטואל. ער איז באשטאנען אין דעם, וואס ווי נאר עס פלעגטווערן פינסטער, פלעגט מען אנ-צינדן א ליכט און ארומגיין מיט אים איבער די ווינקלען פון שטוב און דער-ביי פלעגט מען אין אייניקע ערטער מיט א קיוון אונטערלייגן א פאר ברעק-לאך געזויערטן ברויט. ארומגייענדיק מיט א ליכט איבער די ווינקלען, האט דער ייד געדארפט זאגן דערביי א באזונדער מאגישע פארמול, מיט וועלכער דער גאנצער כאמעץ, מען האט אים אפילע געמאגט ניט באמערקן, פלעגט דערקלערט ווערן פאר א זאך, וואס עקזיסטירט ניט און איז העפקער. אף מארגן פלעגט מען דעם אופגעקליבענעם כאמעץ פארברענען און איבערכאזערן די זעלביקע פארמול--קאל כאמירע (כל חמירא).

די ראבאנים האבן נאך דערצו צוגעגעבן א גאנצע ריי דערקלערונגען, אין וועלכע געביידעס מען מוז אפילע בוידעק-כאמעץ זיין און אין וועלכע ניט און אין וועלכע מען מוז אל פי דין בוידעק זיין, האגאם מען ווייס אפריער, אז מען וועט דארטן קיין כאמעץ ניט געפינען. פאר די יידן אין כוץ-לאארעץ, וועלכע האבן געוויינט אין שטעט און האבן זיך באשעפטיקט מיט מיסכער און מלאכע און ניט מיט ערדארבעט, האט דער מינהעג פון עסן פייסאך מאצע, פארשטייט זיך, ניט געהאט קיין שום געדאנק, און נאך א קלענערן געדאנק האט געהאט דער נייער מינהעג פון זוכן און פארברענען דעם כאמעץ. פונדעסטוועגן האט מען די אלע מינהאגים מיט גרויס שטרייננ-קייט ענערגיש אונטערגעהאלטן און אפגעהיט, און די ניט נארמאלע לאגע, אין וועלכער ס'האבן זיך געפונען די יידן, די סינע מיצאד די קריסטן, די רעכטלאזיקייט פון די יידן האבן נאך מער פארשטארקט דעם רעליגיעזן פאנאטיזם. בענויגייע צום פייסאך האט ער זיך נאך פארשטארקט דערמיט, וואס די קריסטן האבן געהאט אן אייגענעם פייסאך, וועלכער האט געהאט א מינהעג, א פארקערטן ווי בא די אידן, עסן געזויערטן קוילעטש און אויס סינע און קאנקורענץ האט מען דעם אידישן מינהעג, פון מאצעס אף פייסאך, א דאנק דעם דאזיקן קריסטלעכן מינהעג, נאך מער אפגעהיט.

פון די איבעריקע יאמטויווים האט מען דעם פורים און דעם שוואועס ווי פאראייניקט מיטן פייסאך און געשאפן צוזאמען מיט אים איין ציקל פון פרילינגס-יאמטויווים. שוואועס האט אין די באדינגונגען פון שטאטישן לעבן פארלארן פאר די יידן יעדער שאיכעס מיט ערדארבעט, ער האט אבער איינגעהיט א קינסטלערישן צוזאמענבונד מיטן פייסאך. זיין צייט האט זיך

אויסגערעכֿנט פון פּייסאַך און אויסער דעם האָט מען זיין היסטאָרישע דער־קלערונג, וועלכֿע ס'האָבן אים, ווי מיר ווייסן, געגעבן די טאַלמידיי־כֿאַכֿאָמים, פֿאַרבונדן מיט יעציאַס־מיצראים.

ראבאנישע דער־קלערונג וועגן שוועוס.

שוועוס איז דערקלערט געוואָרן פֿאַר אַ יאָמטעוו צום אָנדיינק פון מאטאַן־טוירע אַפן באַרג סינאַי, וואָס איז, לויט דער מיינונג פֿון די טאַלמידיי־כֿאַכֿאָמים, פֿאָרגעקומען אין זיבן וואָכֿן אַרום נאָך יעציאַס־מיצראים.

די דאָזיקע נייע דערקלערונג האָט אָבער ניט געקאָנט באַזונדערס פֿאַרשטאַרקן די באַדייטונג פון שוועוס. אין סייפֿער „שמויס" איז וועגן אַזאַ פּיירעש גאָר קיין וואָרט ניטאָ. די נייע דערקלערונג איז נאָר געבויט אַף די כֿעשבוינעס פון די ראַבאָנים, און די עצעם דערציילונג וועגן מאַטאַן־טוירע אַפן באַרג סינאַי האָט ניט געהאַט אַזעלכֿע איינצלהייטן, וועלכע זאָל קאָנען העלפן אופצולעבן דעם ריטואַל פון יאָמטעוו. אַף אַזאַ אויפֿן איז דער יאָמטעוו שוועוס געוואָרן איינער פון די געוויינטלעכֿע יאָמטויווים, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די ראַבאָנים האָבן געוואָלט אים צוגעבן אַ באַזונדערע באַדייטונג, ווי אַ יאָמטעוו, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער מאַטן־טוירע; ער איז געוואָרן אַ שלוס־יאָמטעוו צו פּייסאַך.

פורים א צוגרייטונג צו פּייסאַך.

דער יאָמטעוו פורים, וועלכֿער פלעגט געפּראַוועט ווערן אַ כוידעש פֿאַר פּייסאַך, איז געוואָרן א מין צוגרייטונג־יאָמטעוו צו פּייסאַך. זיין ריטואַל האָט אָנגענומען אַ ריין סינאַגאָגאַלן כֿאַראַקטער. אין דער צייט פֿון גאָט־דינסט לייענט מען מגילאַס־עסטער, דאָס הייסט דעם „עסטער־בוך". זיין סוזשעט איז די רעטונג פון די יידן אין דער צייט פון פּערסישן קיניג אַכֿאַשווירעש, און האָט זיך גוט צוגעפּאַסט צו יענע מאָשיאַך־שטימונגען, וועלכֿע מען האָט פֿאַראייניקט מיטן פּייסאַך, און וועלכע האָבן, ווי מען דאַרף ניט בעסער, האַרמאָנירט מיט די געפֿילן פון פֿאַנאַטיזם און רעליגיעזער סינע, וואָס די ראַבאָנים האָבן איינגעפּלאַנצט. פורים, פּייסאַך און שוועוס האָבן זיך אַף אַזאַ אויפֿן גערעכֿנט פֿאַרן פרילינגס־ציקל פֿון די יידישע יאָמטויווים.

דער וויכֿטיקסטער יאָמטעוו פון סינאַגאָגאַלן קולט איז אָבער געוואָרן ניט דער פּייסאַך, נאָר דער גרויסער טאָג פֿון לייטערונג—יאָמקיפּער, צוזאַמען מיט ראש־האַשאָנא. די דאָזיקע צוויי יאָמטויווים זיינען מיט דער צייט געווארן אַזוי הייליק, אַז אין די דאָזיקע טעג קאָן מען אין די באָטיי־מידראָשים זען אַפילע אַזעלכע יידן, וואָס קומען אַ גאַנץ יאָר אין שול ניט אַריין. דאָס, וואָס די דאָזיקע יאָמטויווים זיינען אַזוי דערהויבן געוואָרן אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע יאָמטויווים, ווערט דערקלערט דערמיט, וואָס זיי זיינען מער פון אַלע איבעריקע פֿאַרבונדן מיט דעם איצטיקן יידישן לעבן. פּייסאַך איז געווען אַ יאָמטעוו פון זיכרוינעס וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט און האָפֿנונג אַף דער צוקונפט, וועגן אוואר איז מער ניט געבליבן אַ קרעכֿץ, און וועגן דעם וואונ־דערבאַרן אָסיד האָט מען נאָר געקענט כֿאָלעמען. ראש־האַשאָנא און יאָמקיפּער

געפֿינען זיך אָבער אין אַן אַנדער לאַגע. מיט ראש־האשאנא האָט מען פֿאַרבונדן די אַבערגלויבישע פֿאָרשטעלונג, אַז אָט דער קומענדיקער יאָר וועט זײַן אַזוי, ווי ס׳וועט כּאַסמענען דער ריבוינע שעל אוילאָם אין טאָג פֿון ראש־האשאנא.

פֿון די טפֿילעס, וואָס מען זאָגט ראש־האשאנא, פֿון די נעדאָרים, וואָס מען גיט דעמאָלט, הייננט אָפּ דאָס גליק, געזונט און פּאַרנאָסע אין פֿאַרלויף פֿון גאַנצן קומענדיקן יאָר, און ווי אַזוי גאָט וועט זיך באַציִען צו די טפֿילעס איז, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר קיינעם ניט געוועזן באַוואוסט.

טפילעס פון יאמקיפער.

די ראַבאָנים פֿלעגן זאָגן, אַז אין טאָג פֿון ראש־האשאנא גייען אַלע אײַנוואוינער פֿון דער וועלט איבער פֿאַרן קיסע־האַקאוועד, גאָט מישפּעט די וועלט אינ׳ם דאָזיקן טאָג. גאָט קלײַבט זיך פֿאַנאַנדער אין אַלע מענטשלעכע געשעפֿטן, ער לייענט דאָס, וואָס טוט זיך בא זיי אין האַרצן. דער פּסאַקדין פֿאַר יעדער באַשעפֿעניש און מענטשן — אַן ענטפֿער אַף זייערע טפֿילעס און נעדאָרים — ווערט לויט ווי די כאַכאָמים האָבן געלערנט, געגעבן פֿון גאָט אין גרויסן טאָג פֿון יאָמקיפּער, און דערפֿאַר האָט טאַקע דער דאָזיקער יאָמטעוו באַקומען דעם נאָמען „יום־האַדין“ — דער טאָג פֿון מישפּעט.

דעריבער ווערן די שולן אין די דאָזיקע טעג אָנגעפֿילט מיט מיספּאַלעלים ניט ווי אין אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר. פֿאַר די טפֿילעס איז אײַנגעפֿירט געוואָרן צו זאָגן אַ באַזונדערע טפֿילע, וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פֿון באַרימטן רעב אַקיווע (אין 130-טן יאָר אַן ערעך נאָך קריסטוס געבורט) און איז דערנאָך עטלעכע מאָל דערפֿילט געוואָרן.

דאָס איז די באַוואוסטע טפֿילע, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אָבינו מאַלכּנו“ — פֿאָטער אונזערער, קיניג אונזערער. אין איר ווערט אויסגעבעטן פֿאַרגעבונג פֿאַר די זינד, הילף, געזונט, אויסלייזונג פֿון נויט און צאַר אין דעם קומענדיקן יאָר. די פֿייערונג פֿון ראש־האשאנא ווערט ווי פֿאַרגעזעצט אין צען טעג אַרום — אום יאָמקיפּער. דער דאָזיקער יאָמטעוו האָט באַקומען אַ פֿאָלקס־כאַראַקטער, מיט אים האָבן זיך צונויפֿגעבונדן די פֿאַרשיידענע אַבערגלויבערײַען און וואונדערבאַרע געשיכטעס, וועלכע וואַרפֿן אָן אַ גרעסערן פּאַכאַד פֿאַר דער הייליקייט פֿון דעם דאָזיקן טאָג, ווי די שטרענגע פֿאַרזאָגן פֿון די ראַבאָנים.

די ראַבאָנים האָבן ניט געקעמפֿט מיטן דאָזיקן אַבערגלויבן און האָבן ניט אָפּגעלייקנט די לעגענדעס, ווײַל אַ דאַנק די דאָזיקע לעגענדעס האָט זיך אַרום דעם יום־האַדין בלויז פֿאַרגרעסערט דער נעפּל פֿון געהיימניספֿולקייט און פּאַכאַד.

דער סינאַגאָגאַלער ריטואַל פֿון יאָמקיפּער איז, פֿאַרשטייט זיך, געוואָרן אַן אַנדערער ווי אין בייס־האַמיקדאָש: ס׳איז קלאָר, אַז וועגן וועלכע

עס איז פאַרגעבונגס-קאָרבאַנעס האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד, וועגן פרי-
ערדיקן ריטואַל פלעגט מען בלויז דערמאָנען. אין דער צייַט פון דער גאָט-
דינסט פלעגט מען זאָגן די אַזוי גערופענע אַוואָידע, אַן איבערדערציילונג
אין פערזון און אין פראָזע וועגן דעם סיידער פון דער יאָמקיפּער-אַוואָידע
אין בייס-האַמיקדאַש.

דאָס איז דער ערשטער כאַראַקטעריסטישער אונטערשייד פון דעם
סינאַגאָגאַלן קולט פון יאָמקיפּער און דעם קולט אין אַנדערע יאָמטויווים. די
דאָזיקע אַווידע, וואָס מען פלעגט זאָגן אין שול בא די טפילעס, האָט מען
אָפט געטייַטש אַף אַזאַ אויפן, אַז מיט דעם, וואָס זי ווערט געזאָגט אין שול,
האָט מען ניט נאָר דערמאָנט אָן דעם ריטואַל אין בייס-האַמיקדאַש, נאָר מען
האָט דעם דאָזיקן ריטואַל אויסגעפילט אין שול גופע. די ווערטער פון דער
אַוואָידע, האָבן אַנדערע געזאָגט, זייַנען מאַגישע און ווען ס'ווערט איבערדער-
ציילט וועגן דעם אָדער יענעם ריטואַל, ווערט ער דורך דעם, קלוימערשט,
פאַרהיילן פאַר די מיספּאַלעלים, געפראַוועט. דער צווייטער כאַראַקטעריסטישער
שטריך פון יאָמקיפּערדיקן ריטואַל איז דער געבאָט, אַז דעם גאַנצן טאָג פון
פייַערונג דאַרף דער ייד אָפּקומען אין שול, ער דאַרף דעם דאָזיקן טאָג
פאַסטן און דאַווענען. און אַזוי ווי אין די אוראַלטע צייַטן, האָט דער טאָנעס
געדאַרפט זיין אַ שטריינגער, מען האָט ניט געטאָרט ניט עסן, ניט טרינקען.
די צאָל פון די טפילעס זייַנען פאַרגרעסערט געוואָרן. פריער פון אַלץ, אנ-
שטאָט דער אַמאָליקער קורצער פאָרמול פון ווידוי אַף די זינד, וועלכע ס'פלעגט
זאָגן דער קויהען-גאַדל, אַרופלייגנדיק די הענט אַפן סאַיר-לאַאַזאָזל, האָט
מען 250 יאָר נאָך קריסטוס געבורט צוזאַמענגעשטעלט אַן אַנדערן געניוערן
ווידוי אַף די זינד, וועלכער איז שפּעטער פונקט ווי דער „אבינו מלכנו“
באַדייַטנדיק פאַרברייטערט און דערפילט געוואָרן. דער דאָזיקער ווידוי סטאַ-
רעט זיך אויסרעכענען אַלע מעגלעכע מינים פון זינד, קיין איינעם ניט
דורכלאָזן, כדי קיין איין אווירע זאָל ניט בלייבן אָן פאַרגעבונג.

קאָל-נידריי.

דערנאָך איז איינגעשטעלט געוואָרן א פאָרמול אַף צו מאַטיר זיין אַלע
נעדאָרים, וועלכע א ייד האָט נאָר געקענט געבן און ניט אויספילן אין מע-
שעך פון פאַרגאַנגענעם יאָר. דאָס איז די באַוואוסטע „כל נדרי“, (אַלע נעדאָרים).
דער פאָרמול פון „קאָל נידריי“ ווערט צוגעגעבן א מאַגישע באַדייַטונג, זי קאָן
מאַטיר מאַכן פון אַזעלכע נעדאָרים, וואָס מען האָט געגעבן און ניט געוואוסט
פון זיי, אָדער פאַרגעסן. די ראַבאָנים האָבן זיך אָבער ניט באַנוגנט
מיטן מיסוואַדע זיין זיך אַף די זינד אין שול. זיי האָבן פאָרגעלייגט מיסוואַדע
זיין זיך אַף די זינד, אָנהויבנדיק פון ערעוו יאָמקיפּער, צוגעבנדיק די פאָר-
מול פון ווידוי צו מייריוו, צו שאַכריס, מוסאַף און מינכע מיט א געניוער
רשימע פון זינד.

קאפארעס.

אַף אַזאַ אויפֿן האָבן די ראַבאָנים אין ריטואַל פון יאָמקיפּער גרופּירט אַלע מאַגישע און טשׁואווע-ריטואַלן, זיי האָבן זיך געסטאַרעט, וואָס בוילעטער אונטערשטרייכן דעם קויאַך פון דער רעליגיע און די זינדיקייט און שוואַכ-קייט פון מענטשן. און ווייל אין דער פאָלקס-מאַסע לעבן נאָך גאַנץ שטארק דער אנימיסטישער וועלט-באַנעם און דאס גלויבן אין קישעף, האָט דער דאָזיקער יאָמטעוו בעעמעס געקאָנט ווערן ניט נאר א רעליגיעזער יאָמטעוו, נאָר אויך א פאָלקס-יאָמטעוו. דאָס פאָלק האָט זיך אפילע ניט באַנוגנט מיט די סינאַגאָגאַלע ריטואַלן, די לייטערונג פון זינד דורך דער פאָרמול פון ווידוי האָט אים געשיינט צו זיין ניט גענוג רעאַל און פון דאַנען איז אנט-שטאַנען א נייער היימישער מינהעג פון ברייגנען א קאָרבן, וועלכער ווערט געפראַוועט ערעוו יאָמקיפּער; דער דאָזיקער קאָרבן „רופט זיך „קאַפּאָרעס”, ד. ה. לייטערונג, פון דעם זעלבן שוירעש, ווי דאָס וואָרט קיפורים. פאַר יעדן מיטגליד פון געזינד, פאַר אַ זאָכאָר, ווערט געבראַכט א האָן, פאַר יעדן מיטגליד פון פרויען-געשלעכט — אַ הון. אָט דער דאָזיקער ריטואַל ווערט געפראַוועט אַף אַ גאַנץ פרימיטיוון אויפן. יעדער איינער פון געזינד נעמט די הון און דרייט איר דריי מאָל אַרום קאָפּ, זאָגנדיק דערביי אַ פאָרמול, אַז די הון אָדער דער האָן איז אונזער פאַרגעבונג, אונזער פאַרבייט, אונזער אויסקויף פאַרן לעבן, דער האָן אָדער די הון גייט צום טויט און מיר צום לעבן און גליק, דערנאָך ווערט די הון אָדער דער האָן געשאָכטן.

ווען דער דאָזיקער מינהעג איז אנטשטאַנען איז שווער צו זאָגן, אָבער געוויס איז ער אופגעקומען שוין אין גאָלעס נאָכן כורבן פון בייס-האַמיקדאָש, ס'קאָן גרייִלעך זיין, אַז אונטער דער ווירקונג פון גריכישן קולט, וועלכער איז איינגעפירט געוואָרן פאַר גאָט צעליטעל אסקלעפּיע, וועלכן מען פלעגט ברייגנען פאַר א קאָרבן אַ ווייסן האָן. נאָר לויט זיין באַדייטונג, איז דער דאָזיקער ריטואַל אַ קאָפּיע פון דעם אוראַלטן לייטער-קאָרבן, א קאָרבן א בלו-טיקער, וועלכער, ווי ס'גלויבט דאָס פאָלק, ווירקט שנעל און זיכער מיט דעם קישעף פון זיין לייטערונג-בלוט.

אַף אזאַ אויפן קאָן מען זאגן, אז אין די ריטואלן פון יאָמקיפּער, סיי די סינאַגאָגישע, סיי די היימישע האָט מען צונויפגעגרופּירט אלע אוראלטע מאַגישע ריטואלן, וואס זיינען פאַרבליבן פון פאַרצייטנס. און דעריבער האָט דער דאָזיקער יאָמטעוו אַ לעבעדיקן צוזאַמענבונד מיט דער פראַקטיק פון לעבן: דאָס בלוט פון האָן אָדער הון דארף זיכערן דעם געזונד און דעם לעבן אַפן קומענדיקן יאָר, די סינאַגאָגאלע פאָרמולעס באַפרייען פון זינד און נעדאָרים, שטילן גאָטס צאָרן און גאַראַנטירן, אז אין קומענדיקן יאָר וועט גאָט ניט פאַרלאָזן מיט זיין הילף. פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער רעליגיע איז אלץ געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך. אַלע נוצן האָט מען דערוואַרט אין דער נאָענטסטער צוקונפט און ניט אין די ווייטע כאַלוימעס. זיי

זיינען באַשטאַנען ניט אין דער געשפּענסטערישער קיניגרייך פון מאָשיאַך, נאָר אין דעם ערדישן מאַטעריעלן גליק, אין געזונט און פּאַרנאָסע. יאָמקי־פּער איז די הויפּט־אַקס פון דער אידישער רעליגיע אין דער עפּאָכע פון דיאַספּאָרע, ווי די הויפּט־אַקס פון דער ערדאַרבעט־עפּאָכע איז געווען דער יאָמטעוו סוקעס און אין דער וואַנדער־עפּאָכע - פּייסאַך.

דער האַרבסטיקער ציקל פון די סינאַגאָגאַלע יאָמטויוויים פאַרענדיקט זיך מיטן יאָמטעוו סוקעס. די ראַבאָנים האָבן אייניגעהיט אייניקע אוראַלטע ריטואַלן, וועלכע זיינען געווען פריער פאַרבונדן מיטן דאָזיקן יאָמטעוו, נאָר זיי האָבן אין דער צייט פון גאָלעס פאַרלאָרן זייער באַדייטונג. ביז וואַנען ס'האָט עקזיסטירט דער בייס-האַמיקדאָש, האָט זיך אייגנעהיט אויך אין כּוץ-לאָאָרעץ דער מינהעג פון וואוינען אין דער צייט פון יאָמטעוו איןביידלאַך, ווי א זיכּאָרן פון דער וואַנדערונג אין דער מידבאָר, ווען די בניי־יִסראָעל האָבן געוואוינט אין ביידלאַך, אזוי ווי מען האָט עס אָנגעהויבן צו דערקלערן נאָך אין דער עפּאָכע פון עזרא.

דעם דאָזיקן מינהעג, וועלכער איז גאַנץ נאַטירלעך אין דאָרפישע געגנטן אין דער צייט פון ווינטרויבן-זאַמלונג, האָבן די ראַבאָנים זיך געסטאַרעט צוגעבן א רעליגיעזן כאַראַקטער און מען האָט אים ארומגעשטעלט מיט א גאַנצער ריי טאַקאָנעס: וואָס פאַר א פאָרם דאַרף האָבן די סוקע, וואָס פאַר א גרויס דאַרף זי האָבן, וואָס דאַרף מען פאַרשטיין אונטערן וואָרט „וואוינען” שטענדיק אָדער ניט שטענדיק געפינען זיך אין איר, אין וועלכע פאַלן מאָג מען איבערגיין פון סוקע אין שטוב אריין, צו דאַרפן זיך באַזעצן אין סוקע די ווייבער, די קינדער א. א. וו. מיט אנדערע ווערטער: מען האָט געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס מיטן שאַבעס—פון א נאַטירלעכער דערשיינונג האָט מען געמאַכט א רעליגיעזן קולט, קעדיי איינצופלאַנצן וואָס מער פרומקייט.

ווען די יידן האָבן זיך באַזעצט אין אייראָפּע, איז דער מינהעג צו וואוינען אין סוקעס אַרויסגעגאַנגען פון געברויך. ס'האָבן זיך אָבער איינגעהאַלטן אויך אנדערע מינהאָגים, וועלכע דערמאָנען דעם אוראַלטן ריטואַל. ס'איז איינגעפירט געוואָרן אין די סוקעס-טעג איינצואָרדנען א פייערלעכע פּראָצעסיע ארום דער בימע פון שול מיטן טראַדיציאָנעלן לולעוו אין מיטן געזאַנג פון האַלעל און הוישאַינעס ד. ה. די לויב-געזאַנגען פון טהילים (קיג”-קי”ח). נאָר דעם דאָזיקן אוראַלטן ריטואַל האָבן די ראַבאָנים צוגעגעבן א גאַנץ אנדער באַדייטונג ווי פריער. דעם זיבעטן טאָג פון יאָמטעוו, ווען ס'פלעגט פאָרקומען די פּראָצעסיע מיטן לולעוו, האבן די ראַבאָנים א נאָמען געגעבן הוישאַנאָ-ראַבאָ.

אַף אזא אויפן האָט דער סוקעס איינגאַנצן פאַרלאָרן זיין אוראַלטע פאַרבינדונג מיטן ווירטשאַפטלעכן שטייגער און איז געוואָרן א ריין רעליגיעזער יאָמטעוו.

צווישן דעם האַרבסטיקן ציקל פֿון די יאָמטויוויִם אין דער סינאַגאָגאַלער עפּאָכע און צווישן דעם פרילינגס-ציקל איז געבליבן באַזונדער דער ווינטערדיקער יאָמטעוו-כאַנוקע. אין זיין ריטואל האבן זיך איינגעהאַלטן די פרייל‏עכע מאָטיוון. אין אייניקע ערטער ווערט ער באַגלייט מיט באַזונדערע פאָרשטעלונגען פאַר קינדער. ניט אומעטום האָט ער איינגעהיט זיין באַדייטונג. אין אַנדערע ערטער גייט ער אריבער קאַמאַט אומבאַמערקט, אין אנדערע ווערט ער געפייערט מיט מער פלייס. נאר אין אלגעמיין, פאַר די צוויי טויזנט יאָר, זינט די יידן געפינען זיך אין גאָלעס, האָבן זיך די יאָמטויווים אומעטום געטיילט אף די צוויי באַשריבענע גרופּן - האַרבסט און פרילינגס-יאָמטויווים זייער סינאַגאָגאַלער און שטוביקער ריטואַל, וועלכער איז איינגעשטעלט געוואָרן אין די ערשטע יאָרהונדערטער נאך קריסטום געבורט, האבן זיך ווייניק געביטן און דאָס אויך נאָר אין די דעטאַלן. אַזאַ פאָנים האָבן די יאמטויווים איינגעהיט ביז אונזער צייט. זיי זיינען געוואָרן די יאמטויווים פון דעם קולט פון טויראַס מוישע א זיכערע געווער אין די הענט פון די ראַבאָנים און פון די גייסטלעכע אנפירנדיקע קרייזן פון דער אידישער מאַסע, קעדיי צו פאַרשטארקן זייער עקאנאמישע און גייסטיקע ווירקונג. די מאַסן זיינען געהאָרכזאַם געגאַנגען נאך די פירער. פאַרפאָלגט און געפּלאָגט פון די שטענדיקע באַגרענצונגען אין די רעכט, פון שטענדיקע זידלים און באַליידיגונגען אין רויך און בלוט פון די פאגראָמען, האָבן זיי געזוכט א טרייסט און א שיין פון האָפנונג אין דער רעליגיע, אין דעם פייערלעכן יאָמטעוודיקן קולט, וועלכער פלעגט דערמאָנען די „גליקלעכע" פאַרגאַנגענהייט און פלעגט כאָטש אף א צייט מאכן פאַרגעסן די טרויערדיקע קעגנווארט און האָט היפּנאָטיזירט מיט די האָפנונגען אַפן נעס פון דער גאולע. א נעפּל פון זעלבסטפארגעסנקייט, א מיראַזש פון ווידעראופלעבונג האָט געטראָגן מיט זיך די שול. נאָר יעדער נעפּל מוז פאַרשווינדן, איז געקומען א צייט, אז ס'זאָל פאַרשווינדן אויך דער נעפּל פון סינאַגאָגאַלן קולט.

VIII.

אויספיר.

און אזוי זעען מיר, אז די יידישע יאמטויווים האָבן געהאט זייער לאַנגע געשיכטע, וועלכע איז געווען רייך מיט ענדערונגען, ווי ס'איז רייך מיט ענדערונגען דאָס לעבן אליין פון יידישן פאָלק. די יאָמטויווים, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען מיט דריי טויזנט יאָר צוריק אין די באַדינגונגען פון פּי-האָדעוואַניע און ערדאַרבעט-שטייגער, זיינען לעכאַטכילע געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פאָלקס-פּראַקטיק און זיי האָבן ניט געהאַט קיין רעליגיעזן דאָגמאַטישן כאַראַקטער. נאר נאָכדעם, ווי דאס יידישע פאָלק האָט פאַרלאָרן זיין טעריטאָריע און זעלבסטשטענדיקייט און איז דערהויפּט געוואָרן אַ שטאָטישער האַנדל און פּראָדוקציע-עלעמענט צווישן אַ פרעמד פאלק, האָט די רעליגיע און צוזאַמען מיט איר אויך די יאָמטויווים באַקומען א נייעם כאַראַקטער. זיי האָבן פאַרלאָרן די פאַרבינדונג מיטן ווירטשאַפטלעכן שטייגער אייניקע פון זיי האָבן זיך פּאָשעט פאַרוואַנדלט אין טויטע רעליגיעזע פייערלעכקייטן און אייניקע האָבן באַקומען אַ נאַציאָנאַליסטישע באַפאַרבונג, וועלכע האָט זיך ביסלעכווייז פאַרשטאַרקט, אַ דאַנק דער אַטמאָספערע פון ס״נע, אין וועלכע די יידן האָבן געמוזט לעבן.

יאָמטויווים א מיטל צו פאַר-טונקלען דעם באוווסטזיין פון די מאַסן.

אין זייער נייער פאָרם האָבן די יאָמטויווים, ווי דער וויכטיקסטער טייל פון דער רעליגיע, דער איקער געדינט די אינטערעסן פון די אָנפירנדיקע שיכטן פון יידנטום, פון בורזשואזיע און ראבינאט, פון דער געלערנטער אינטעליגענץ, וועלכע האבן מיט דער הילף פון דער עמונע פעסט געהאַלטן אין זייערע הענט די מאַכט און האָבן אונטערשטיצט די נאַציאנאַלע אייגעשלאסנקייט און רעליגיעזע אפגעזונדערטקייט פון יידנטום.

אַזוי איז די לאַגע געווען ביז דער לעצטער צייט. נאָר יעדער אידעאָלאָגיע, סימבאָלן און איינריכטונגען, וואָס זיינען מיט איר פאַרבונדן, האָבן זייער סאָף, זיי לעבן אָפּ זייערע יאָרן, ווי נאָר זיי פאַרלירן דעם סאציאַלן עקאָנאָמישן באָדן. דער נאַציאָנאַלער קאַמף, דער רעליגיעזער קאַמף, דאָס רעליגיעזע דיינקען — דאָס אַלץ זיינען פּראָדוקטן פון דער אַלטער אָפּשטאַרבנ-

אַפֿן אומדיקער וועלט, וואָס איז געווען געגרינדעט אַפֿן פּריוואַט-אייגנטום, בעראַכמאָנעסדיקן קאַמף פֿאַרן זיין. אין דעם דאָזיקן געראַנגל איז איין מענטש דעם אַנדערן און איין פֿאָלק דעם אנדערן אַ וואָלף. אין דעם דאָזיקן געראַנגל שטיצן זיך די פֿאַרמעגלעכע און הערשנדיקע שיכטן ניט נאָר אַף די מאַטעריעלע קלייזאַיען, נאָר אויך אַף די אידייאישע. זיי באַנוצן זיך מיט דעם געווער פּונקט ווי מיט גאַזן, וועלכע פֿאַרפֿינסטערן און פֿאַרסאַמען דעם באַוואוסטזיין, וועלכע פֿאַרשלעפֿערן דעם סייכל און וועקן אויף די ערגסטע כאַיעשע אינסטינקטן פֿון דער מענטשלעכער נאַטור. דער דאָזיקער סאַם ווערט אין ערשטער ריי און דערהויפּט געשאַפֿן פֿון דער רעליגיע, פֿון איר וועלט-אנשויאונג און פֿון אירע ריטואַלן. אויב מיט דריי טויזנט יאָר צוריק האָט די עקזיסטענץ פֿון די רעליגיעזע און קישעף-ריטואַלן געקאָנט האָבן אַ געוויסע בארעכטיקונג אין דעם, וואָס ס׳איז נאָך ניט געווען די וויסנשאַפֿט, די טעכניק, וועלכע אַנטפּלעקן פֿאַר מענטשן די געהיימניסן פֿון דער נאַטור און מאַכן אים פֿאַר באַלעבאָס איבער איר, דאַן אין נייַנצעטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט די רעליגיעזע און קישעף-ריטואַלן אָפּגעוואָרפֿן ווערן פֿון דעם קולטורעלן מענטשן. און אויב די בורזשואַזיע, וועלכע גרויסט זיך מיט איר קולטור, שטיצט אונטער די רעליגיע, שטיצט זי עס אונטער ווי אַ גיפֿטיקן גאַז, וואָס איז דאָך בעקויאַך ביז אַ צייט צו האָבן אַ געוויסע ווירקונג און העלפֿן מיט דעם דער אַלטער אפּשטאַרבנדיקער וועלט, אָפּציענדיק די לעצטע שאָ פֿון איר אונטערגאַנג.

פֿאַרן אַרבעטער — נאָר פּראָלעטאַרישע יאָמטויווים.

אָט פֿאַרוואָס אין אונזער צייט דאַרף יעדער באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריער, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, מאַכן אַ סאָף מיטן רעליגיעזן אבערגלויב און מיט די יאָמטויווים. ער דאַרף געדיינקען, אַז אויב ער זעצט פֿאָר אַפֿילע צוליב געוויינהייט, אַפֿילע בלויז פֿאָרמעל צו אָפּהיטן די יאָמטויווים און ריטואַלן, וואָס זיינען מיט זיי פֿאַרבונדן, פֿאַרוואַנדלט ער זיך ערשטנס פֿון אַ קולטורעלן אַרבעטער פֿון XX-טן יאָרהונדערט אין אַ ווילדן וואַנדערער פֿון דער פֿאַר קריסטוס-עפּאָכע, און צווייטנס, גיסט ער דערמיט וואַסער אַפֿן מיל פֿון זיין קלאַסן-סוינע. אין דערעמעסן, יעדער מער אָדער ווייניקער קולטורעלער מענטש ווייס איצט, אַז דאָס גליק אָדער דאָס אומגליק אין קומענדיקן יאָר הייגנט אָפּ ניט פֿון אַ וועלכער עס איז געהיימער קראַפֿט, וואָס טראָגט דעם נאָמען גאָט און וואָס מישפּעט צו לויטן קאַפּריז יעדן מענטשן אַזאַ אָדער אַן אַנדער גורל, נאָר פֿון די נאַטירלעכע ערדישע געשעענישן, און דעריבער דאַרף יעדער באַוואוסטזיניקער און קלאָרער איד, ס׳מאָג זיין אַן אַרבעטער, אָדער אַ באַלמעלאָכע ניט גיין אום ראש-השאָנאַ און יאָמקיפּער אין שול: ער האָט דאָרטן ניט וואָס צו טאָן, ווייל ס׳איז ניטאָ וואָס צו האָפֿן אַף אַ גליק אָדער אומגליק פֿון עפּעס אַן אומנאַטירלעכער קראַפֿט. דאָס גליק קומט אָן קיינמאָל ניט דעם מענטשן אומזיסט, ער דעראַבערט עס אין קאַמף,

אין קאַמף מיט דער נאַטור, אין קאַמף מיט די שווערע סאָציאַלע באַדינגונגען, אין קאַמף מיט זיינע קלאַסן-סאָנים. אזוי אויך אין אונזער צייט, יעדער מער אָדער ווייניקער קלאָרער מענטש דאַרף זיך נאָר אויסלאַכן, אויב מען וועט אים זאָגן, אַז אין דעם נאָענטסטן פּייסאַך וועט קומען דער האַלב-געטלכער מאָשיאַך און מיט דער הילף פון גאָט וועט ער אַף אַ וואונדערבאַרן אויפן מאַכן אַן איבערקערעניש, ער וועט צונויפקלייבן אינאיינעם די צושפּרייטע יידן און אָפּגעבן זיי די מאַכט איבער אַלע פעלקער. יעדער אַרבעטער ווייס און ער וועט זאָגן, אז אַזאַ איבערקערניש וועט קיינמאָל ניט זיין, רעוואָלוציעס ווערן געמאַכט ניט פון הימלשע קויכעס, נאָר מיט מאַזאָלישע אַרבעטערהענט. ער וועט אנווייזן אַפן גרויסן אָקטיאַבר, וועלכער האָט אין איין זעקסטל פון דער וועלט אַראָפּגעוואָרפן די קייטן פון שקלאַפעריי און דאַלעס און האָט אָפּגעגעבן די מאַכט די אַרבעטנדיקע. דער אַרבעטער ווייס, אַז ס'דאַרף קומען און ס'וועט קומען די רעוואָלוציע אויך אין די איבעריקע טיילן פון דער וועלט, נאָר זי וועט ברענגען ניט צום ניצאָכן פון איין פאָלק און צו דער פאַרשקלאַפונג פון די איבעריקע, נאָר צו א געברודערטן פאַרבאנד פון אלע אַרבעטנדיקע אין דער גאַנצער וועלט אָן אונטערשייד פון פאָלק און שפּראַך. און אַזוי ווי דער אַרבעטער ווייס עס, צוליב וואָס זאָל ער פּראַווען דעם פּייסאַכדיקן סיידער, רופן עליאָהו האַנאָווי און ווען באַגעגענען דעם צווייטן פּייסאַך אין יערושאלאים?

אין אונזער צייט איז דער נעפל פון דער רעליגיע פאַרשוואונדן, די הייליקייט פון די געטער האָט זיך געענדיקט, דער אַווטאָריטעט פון די גייסטלעכע איז צושטערט און אנשטאָט די פריערדיקע רעליגיעזע יאָמטויווים האָבן מיר אַנדערע. די דאָזיקע יאָמטויווים זיינען מיט בלוטיקע פעדים פאַרבונדן מיטן לעבן, ווייל יעדער פון זיי איז געקויפט מיט אַרבעטער-בלוט, וואס איז פאַרגאָסן געווארן פאַר זייער באַפרייאונג.

האַרבסט-צייט איז דער ערשטער און גרעסטער פון אַלע יאָמטויווים— דער יאָמטעוו פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, איר ניצאָכן איז געקויפט געווארן מיט אומגעהערטע העלדישקייטן, מיט הייליקן בלוט פון דריי-יאָריקן בירגערקריג. דאָס איז אַ יאָמטעוו ניט פון א קלוימערשטער, נאָר פון א עמעסער באַפרייאונג. פרילינג א צווייטער גרויסער יאמטעוו — דער ערשטער מאי, וועלכער איז איינגעשטעלט געוואָרן נאָך דעמאָלסט, ווען אין ערגעץ איז נאָך ניט געווען קיין שטראַל פון באַפרייאונג, מען האָט נאָר געגלויבט, אַז די באַפרייאונג וועט קומען. איצט פייערן אים די פּראָלעטאַריער אין דער גאַנצער וועלט און דער לאָזונג—„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך!"— טראָגט זיך אין דעם טאָג איבערן גאַנצען ערד-קוגל. די פּראָלעטאַריער כאָלעמען ניט אין דעם טאָג וועגן אַ מיטישן עליאהו אין וועגן אַ געשפּענסט פון אַ מאָשיאַך. זיי קוקן אַרום אַליין, זיי באַטראַכטן זייערע מאַזאָלישע הענט,

גרייט באַ די ערשטע שטראַלן פון דער רעוואָלוציע נעמען די ביקס און צו-שרויפן צו איר די דעגע.

ווינטער יאָמטעוון די יידישע אַרבעטער די ערשטע כוואַליע פון דער רעוואָלוציע: דעם ערשטן מעכטיקן שטראָם—„דעם בלוטיקן זונטיק", און דעם צווייטן מעכטיקן שטראָם, וואָס האט אַראָפּגעשווענקט די זעלבסטהערשונג—די פעווראַלער רעוואָלוציע. די דאָזיקע און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע יאמטויווים זיינען אַלעמען נאענט און פאַרשטענדלעך, דאָס זיינען בעצעמעס פאָלקס-יאָמטויווים, אַרבעטער-יאָמטויווים, יאָמטויווים פון באַפרייאונג און טריאומף. אין די דאָזיקע יאמטויווים האָט קיינער קיין נויט ניט אַרומקוקן זיך מיט איימע און פאַכאַד און פרעגן זיך אַליין: האָב איך שוין אַלץ אויסגעפילט, וואָס ס'פאָדערט זיך לויטן ריטואַל, האָב איך ניט אויווער געיוען אַף אַטאַקאָנע, האב איך ניט געלעסטערט גאט. דאס ארבעטער-פאלק איז אין די דאָזיקע טעג זיך אַליין א באַלעבאס און אַ גאָט, ער איז מיט קיין זאַך ניט פאַרבונדן, אַ גליקלעכער, אַ זיגערישער.

לאָמיר זשע לאָזן צורו די יאָמטייווים פון סינאַגאָגאַלן קולט, זיי לעבן דאָך שוין אָפּ זייער צייט. צו זיי פאַסט זיך דאס גלייכווערטל: האָט ער אָנגעהויבן פאַלן, וועט ער פאַלן. וואָס דרייסטער, וואָס אנטשיידענער מיר וועלן זיך אפזאָגן צו פראַוועז די דאָזיקע יאָמטויווים, אַלץ גיכער וועלן מיר זיך באַפרייען פון יענע רעשטלעך פון די קייטן, וועלכע זיינען שוין צוריסן און באַיאָכן נאָך אַלץ אונזערע פלייצעס. דער גרויסער לאָזונג פון אינטערנאַציאָנאַל, דאַרף ניט נאָר קלינגען אין אונזער אויערן, נאָר אויך פאַרווירקלעכט ווערן אין אונזער פראַקטיק!

ניין, קיינער וועט אונז ניט באפרייען,
ניט גאָט אליין און ניט קיין העלד,
מיט אונזער אייגענעם קליי-זאַיען,
א רעטונג ברייגגען מיר דער וועלט.

וויכטיקע טאעסן.

אָפגעדרוקט	דאַרף זיין	זייט	שורע פון אונטן
באָוועל (אראם)	באָוועל	5	4
אַראַמישע מלוכע	באַווילישע מלוכע	24	37
די אַרמישע	די באַווילישע	24	34
ווי פי-ארבעט ׳	ווי עס אַרבעט	44	11
קנצאנים	קנאַאנים	46	8
פעה	פאה	51	19
פאַרשטיינערט	פאַרשטיינט	96	16
רעליגיעזע מיט געמייגרע	רעליגיעזע געמיינרע	102	15
באנוצט גאַנץ	באנוצט מיט גאַנץ	102	24